STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11115

# POLITISHER BARIKHT FUN TS. K.

Joseph Stalin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

י. סטאַלין

# פאָליטישער באַריכט פון צ. ק.

## דעם XVI צוזאַמענפאָר
## פון אל. ק. פּ. (ב)

(דעם 27־טן יוני 1930 יאָר)

מיטן שלוסוואָרט און רעזאָלוציע פונם
צוזאַמענפאָר איבערן באַריכט פון צ. ק.

פאַרלאַג „דער עמעס״ מאָסקווע, 1930.

Тип. изд-ва „Дер Эмес“,
Москва, Покровка, 9.
Главлит А—53543.
Тираж 15000 экз.



# I. דער וואַקסנדיקער קריזיס פונם וועלט־קאַפּיטאַליזם און די אויסערלעכע לאַגע פון פסס"ר

כאַווײרים! פונם 15־טן צוזאַמענפאָר איז דורך דריט־האַלבן יאָר. א פעריאָד צײַט, דאַכט זיך, ניט זײער קײן גרויסער. און דאָך זײַנען פאַר דעראָזיקער צײַט פאַרגעקומען זײער ערנסטע ענדערונגען אינעם לעבן פון די פעלקער און מעלוכעס. אויב מע זאָל כאַראַקטעריזירן אין צוויי ווערטער דעם פאַרגאַנגענעם פעריאָד, וואָלט מען אים געקאָנט אָנרופן אַן איבערבראָך־פעריאָד. ער איז געווען אַן איבערבראָך־פעריאָד ניט נאָר פאַר אונז, פאַר פסס"ר, נאָר אויך פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון דער גאַנצער וועלט. אָבער צווישן די דאָזיקע צוויי איבערבראָכן איז דאָ א קאַרדינאַלער אונטערשייד. אין דער צײַט, ווען דער דאָזיקער איבערבראָך האָט באַטײַט פאַר פסס"ר א קער אין דער זײַט פון א נײַעם, מער ערנסטן עקאָנאָמישן אויפשטײַג, האָט פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער דער איבערבראָך באַטײַט א קער צו עקאָנאָמישער ירידע. בײַ אונז אין פסס"ר איז א וואַקסנדיקער אויפשטײַג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג סײַ אין דער אינדוסטריע, סײַ אין דער לאַנדווירטשאַפט. בײַ זיי, בײַ די קאַפּיטאַליסטן, איז א וואַקסנדיקער קריזיס פון דער עקאָנאָמיק סײַ אין דער אינדוסטריע, סײַ אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אָט אַזאַ איז אין צוויי ווערטער דאס בילד פון דער איצטיקער לאגע.

דערמאָנט זיך די לאגע אין די קאפיטאליסטישע לענדער מיט דרייסיק יאר צוריק. א וואוקס פון דער אינדוסטריעלער פראדוקציע און האנדל קימאַט אין אלע לענדער פונם קאפיטאליזם. א וואוקס פון דער פראדוקציע פון רוי־ווארג און דערנערונגס־מיטלען קימאַט אין אלע אגראַרע לענדער. אַן אַרויסל ארום די צאפן־אמעריקאַנישע פאריייניקטע שטאַטן אלס לאנד פון סאמע פולבלוטיקן קאפיטאליזם. זיג־לידער וועגן „בליאונג". בוקעניש פארן דאלער. לויבגעזאנגען לעקאָוועד דער נייער טעכניק, לעקאָוועד דער קאפיטאליסטישער ראציאנאליזאציע. פראקלאַמירונג פון אַן ערע פון „פארגעזונטערונג" פונם קאפיטאליזם און פון דער אומצעבראכבארער פעסטקייט פון דער קאפיטאליסטישער סטאביליזאַציע. „אַלגעמיינער" טומל און גערויש מיקויעד דעם „אומפארמיידלעכן אומקום" פונם ראטנלאנד, מיקויעד דעם „אומפארמיידלעכן קראך" פון פסס"ר.

אזוי האָט דאס געהאַלטן געבטן.

און ווי זעט אויס דאס בילד איצט?

איצט—אַן עקאָנאָמישער קריזיס קימאַט אין אלע אינדוסטריעלע לענדער פונם קאפיטאליזם. איצט—א לאנדווירטשאַפטלעכער קריזיס אין אלע אגראַרע לענדער. אַנשטאַט „בליאונג" — ארעמקייט פון די מאסן און א קאַלאַסאלער וואוקס פון דער ארבעטסלאזיקייט. אַנשטאָט אַן אויפשטייג פון דער לאנדווירטשאפט — רואינירונג פון מיליאניקע מאסן פויערטום. עס קראכן די איליוזיעס וועגן דער אלמעכטיקייט פונם קאַפיטאַליזם בכלל, דער אלמעכטיקייט פון צאפן־אמעריקאַנישן קאפיטאליזם באזונדערס. אלץ שוואכער ווערן די זיג־לידער לעקאָוועד דעם דאָלער און דער קאפיטאליסטישער ראציאנאליזאַציע. אלץ שטאַרקער ווערן די פעסימיסטישע יעלאָלעס מיקויעד די „פעלערן" פונם קאפיטאליזם. און דער „אלגעמיינער"

טומל וועגן דעם „אומפארמיידלעכן אומקום" פון פסס"ר ווערט פארביטן מיט „אלגעמיינער" בייזער שיפעניש וועגן דער נויטיקייט צו באשטראפן „ראסראזיקע לאנד", וואס וואגט צו אנטוויקלען זיין עקאָנאָמיק, ווען ארום הערשט א קריזיס.

אזוי זעט אויס דאס בילד איצט.

עס האט זיך באַקומען פונקט אזוי, ווי די באלשעוויקעס האָבן געזאגט מיט צוויי־דריי יאר צוריק.

די באלשעוויקעס האָבן געזאָגט, אז דער וואוקס פון דער טעכניק אין די קאפיטאליסטישע לענדער, דער וואוקס פון די פראדוציר־קרעפטן און פון דער קאפיטאליסטישער ראציאנאליזאציע בא די באגרעניצטע ראמען פונם לעבנס־ניוואָ פון די מיליאנען מאסן ארבעטער און פויערים האָט אומפארמיידלעך ברענגען צו א הארבן עקאָנאָמישן קריזיס. די בורזשואזע פרעסע האָט געלאכט פון די „אָריגינעלע געוויעס" פון די באלשעוויקעס. די רעכטע אָפּנייגלער האָבן זיך אפגעגרעניצט פונם באלשעוויסטישן פראָגנאָז, פאר־בייטנדיק דעם מארקסיסטישן אנאליז מיט ליבעראלער פלאַפלעריי וועגן „אָרגאניזירטן קאפיטאליזם". און וואס האָט זיך באקומען פאקטיש? עס האָט זיך באקומען אזוי, ווי עס האבן געזאָגט די באלשעוויקעס.

דאס זיינען די פאקטן.

לאָמיר איבערגיין צום באטראכטן די אָנגאבן וועגן דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין די קאפיטאליסטישע לענדער.

## 1. דער אלוועלטלעכער עקאנאמישער קריזיס

א) באם שטודירן דעם קריזיס ווארפן זיך אין די אויגן פריער פאר אלץ פאלגנדע פאקטן:

1) דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס איז א קריזיס פון איבערפראדוקציע. דאס הייסט, אז סכוירעס איז פראדוצירט געווארן מער, ווי עס קאן איינשלינגען דער

מארק. דאס הייסט, אז מאנופאקטור, הייצונג, פאבריק־זאוואָדישע אויסארבעטונגען, שפּייז־פּראָדוקטן איז פּראָדוצירט מער, איידער עס קאָנען קויפן פאר מעזומען געלט די הויפט־געברויכער, ד. ה. די פאלקס־מאַסן, וועמעס האַכנאָסעס בלייבן אַף אַ נידעריקן ניוואָ. און אזוי ווי די קויף־פעאיקייט פון די פאלקס־מאסן און די באדינגונגען פונם קאפיטאליזם בלייבט אף א מינימאַל־נידעריקן ניוואָ, לאָזן די קאפיטאליסטן איבער די „מויסרעס“ סבוירעס, מאַנופאקטור, ברויט, א. א. וו. אף די לאגערן, אדער זיי פארניכטן דאס אפילע, קעדיי צו איינהאַלטן די הויכע פרייזן, זיי פארקירצן די פראדוקציע, זאגן אפּ ארבעטער, און די פאלקס־מאסן זיינען געצוואונגען צו ליידן דערפאר, ווייל ס'איז פּראָדוצירט געוואָרן צו פיל סבוירעס.

2) דער איצטיקער קריזיס איז דער ערשטער נאָך דער מילכאָמע אלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס. ער איז א וועלט־קריזיס ניט נאָר אין דעם זין, וואס ער כאפט ארום אלע אדער קימאַט אלע אינדוסטריעלע לענדער פון דער וועלט, דערביי האָט אפילע פראנקרייך, וועלכע שפּריצט אריין סיסטעמאטיש אין איר ארגאניזם מיליארדן מארק פון דייטשלאנדס רעפּאראציע־צאלונגען, ניט געקאָנט אויסמיידן קיין געוויסע רעפרעסיע, וועלכע דארף לויט אלע אָנגאבן אריבער אין א קריזיס. ער איז א וועלט־קריזיס אויך אין דעם זין, וואס דער אינדוסטריעלער קריזיס איז צונויפגעפאלן לויט דער צייט מיטן לאנדווירטשאפטלעכן קריזיס, וועלכער כאפט ארום די פראדוקציע פון אלע מינים רויוואַרג און דערנערונג אין די גרונטיקע אגראַרע לענדער פון דער וועלט.

3) דער איצטיקער וועלט־קריזיס וויקלט זיך פאנאנדער ניט גלייכמעסיק, ניט געקוקט אף זיין אלגעמיינעם כאַראקטער, טרעפנדיק די אדער יענע לענדער אין פארשיידענער צייט און מיט פארשיידענער קראפט. דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן פריער פאר אלץ אין

פוילן, רומעניע, אפן באַלקאַן. ער האָט זיך דאָרט פאַנאַנדערגעוויקלט אין מעשעך פונם גאַנצן פאַריקן יאָר. קלאָרע סימאָנים פון אָנגעהויבענעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קריזיס זיינען שוין געווען סאָף 1928 יאָר אין קאַנאַדע, אין די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, אין אַרגענטינע, אין בראַזיליע, אין אויסטראַליע. פאַר דעמדאָזיקן גאַנצן פעריאָד גייט די אינדוסטריע פון די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן באַרג אַרויף. צום מיטן 1929 יאָר דערגרייכט די אינדוסטריעלע פראָדוקציע אין די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן קימאַט א רעקאָרד־הויך. בלויז פון דער צווייטער העלפט 1929 יאָר הויבט זיך אָן דער איבערבראָך און דערנאָך וויקלט זיך שוין פאַנאַנדער דער ראַשער קריזיס פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע, וועלכער האָט אָפגעוואָרפן די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן צום ניוואָ פון 1927 יאָר. נאָך דעם גייט שוין דער אינדוסטריעלער קריזיס אין קאַנאַדע און יאַפאַניע. דערנאָך גייען באַנקראָטן און דער קריזיס אין כינע און אין די קאָלאָניאַלע לענדער, וואו דער קריזיס ווערט פאַרשטאַרקט דורכן פאַלן פון די פרייזן אַף זילבער און וואו דער קריזיס פון איבערפראָדוקציע ווערט צונויפגעבונדן מיט דער צעשטערונג פון דער פויערשער ווירטשאַפט, וואָס די עקספלואַטאַציע פון די פעאָדאַלן און די אומדערטרעגלעכע שטייערן האָבן דערפירט ביז פולשטענדיקער אויסצערונג. וואָס איז שייך מאירעוו־אייראָפע, הויבט האָרט אָן דער קריזיס צו ווירקן בלויז אין אָנהויב פון דעם יאָר, דערביי ניט אומעטום מיט א גלייכער קראַפט, אין פראַנקרייך באַווייזט נאָך אַלץ אַפילע אין דעמדאָזיקן פעריאָד א וואוקס פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע.

איך מיין, אַז עס איז ניט נויטיק זיך אָפצושטעלן באַזונדער אַף די ציפער־אָנגאַבן, וועלכע דעמאָנסטרירן די אָנוועזנהייט פונם קריזיס. וועגן דעם, אַז דער קריזיס עקזיסטירט, פירט מען שוין איצט ניט קיין שטרייטן. איך וועל

זיך באַגרענעצן מיטן ברענגען איין קליינע אָבער כאַראַק־
טעריסטישע טאַבעלע, וואָס דער דייטשישער „אינסטיטוט
פאַר קאָניונקטור־פאָרשונגען“ האָט ניט לאַנג פאַרעפנט־
לעכט. די דאָזיקע טאַבעלע שילדערט די אַנטוויקלונג פון דער
באַרג־אינדוסטריע און פון די הויפּט־צווייגן פון דער גרוי־
סער באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע אין די צאָפן־אַמעריקאַ־
נישע פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנ־
קרייך, פוילן, פסס״ר, אָנהויבנדיק פונם 1927 יאָר. דער־
ביי ווערט דער ניוואָ פון דער פּראָדוקציע אין 1928 יאָר
גענומען פאַר 100.

| | פוילן | פראַנקרייך | דייטשלאַנד | ענגלאַנד | צ.־א. פאַראייניקטע שטאַטן | פסס״ר |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1927 יאָר . . . . | 88,5 | 86,6 | 100,1 | 105,5 | 95,5 | 82,4 |
| 1928 „ . . . . | 100 | 100 | 100 | 100 | 100 | 100 |
| 1929 „ . . . . | 99,8 | 109,4 | 101,8 | 107,9 | 106,3 | 123,5 |
| 1930 1־טער קוו. . . | 84,6 | 113,1 | 93,4 | 107,4 | 95,5 | 155,5 |

וואָס זאָגט די דאָזיקע טאַבעלע?

זי זאָגט פריער פאַר אַלץ, אַז די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, דייטשלאַנד און פוילן לעבן איבער א שאַרף־אויסגעדריקטן קריזיס פון דער גרויסער אינ־דוסטריעלער פּראָדוקציע, דערביי איז פאַרן 1־טן קוואַרטאַל 1930 יאָר אין די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, נאָכן אויפשטייג אין דער ערשטער העלפט 1929 יאָר, דער ניוואָ פון דער פּראָדוקציע געפאַלן לעגאַבע דעם 1929 יאָר אויף 10,8 פּראָצענט, פאַלנדיק ביזן ניוואָ פונם 1927 יאָר, אין דייטשלאַנד איז דער ניוואָ פון דער פּראָ־דוקציע נאָך אַ דריי־יאָריקן שטילשטאַנד געפאַלן אין פאַר־גלייך מיטן פאַריקן יאָר אויף 8,4 פּראָצענט, פאַלנדיק נידע־

ריקער פונם ניווא פון 1927 יאר אף 6,7 פראצענט, און אין פוילן איז דער פראדוקציע־ניווא נאָכן פאראיאריקן קריזיס געפאלן אין פארגלייך מיטן פאריקן יאר אף 15,2 פראצענט און נידעריקער פונם ניוואָ פונם 1927 יאר אף 3,9 פראצענט.

זי זאגט, צווייטנס, אז ענגלאנד טאָפּטשעט זיך שוין דריי יאר אף איין ארט ארום דעם ניוואָ פונם 1927 יאר, און לעבט איבער א שווערן עקאָנאָמישן שטילשטאַנד. דערביי האט זי אינם ערשטן קווארטל 1390 יאר באוויזן שוין פארקלענערן דעם ניווא פון דער פראדוקציע אין פארגלייך מיטן פאריקן יאר אף 0,5 פראצ. און אריינגעטראטן אזוי ארום אין דער אָנפאנגס־פאזע פונם קריזיס.

זי זאגט, דריטנס, אז פון די גרויסע קאפיטאליסטישע לענדער איז בלויז אין פראנקרייך פאראן א געוויסער וואוקס פון דער גרויסער אינדוסטריע, דערביי איז, אויב דער פראצענט צוואוואוקס האט אין 1928 יאר באטראָפן 13,4 פראצענט און 1929 יאר — 9,4 פראצענט, באטרעפט אין ערשטן קווארטל פון 1930 י. דער צוואוואוקס אין פארגלייך מיטן 1929 בלויז 3,7 פראצענט און גיט אזוי ארום א בילד פון א פאלנדיקער פון יאר צו יאר ליניע פון וואוקס.

זי זאגט, לעצטנס, אז פון אלע לענדער אין דער וועלט איז בלויז אין פסס"ר פאראן א שטורמישער אויפשטייג פון דער גרויסער אינדוסטריע, דערביי שטייגט אריבער דער פראדוקציע־ניווא אינם ערשטן קווארטל 1930 יאר מער ווי אין צוויי מאָל דעם ניווא פונם 1927 יאר און דער פראצענט פון צוואוואוקס שטייגט פון 17,6 פראצענט אין 1928 יאר ביז 23,5 פראצענט אין 1923 יאר און ביז 32 פראצענט אינם ערשטן קווארטל 1930 יאר, געבנדיק אזוי ארום א בילד פון א שטייגנדיקער פון יאר צו יאר ליניע פון וואוקס.

מע קאן זאגן, אז אויב אזוי, איז געווען ביזן סאף ערשטן

קוואַרטאַל פון דעם יאָר, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אינם צווייטן קוואַרטאַל פון דעם יאָר האָט זיך די לאַגע געקאָנט ענדערן צו בעסערן. אָבער די אָנגאַבן פונם צווייטן קוואַרטאַל לייקענען אַנטשיידן אָפּ אַזאַ האַשאָרע. פאַרקערט, זיי רעדן וועגן דעם, אַז אינם צווייטן קוואַרטאַל האָט זיך די לאַגע נאָך מער פאַרערגערט. די דאָזיקע אָנגאַבן רעדן וועגן אַ נייעם פאַל פון די אַקציעס אויף דער ניו-יאָרקער בירזשע און אַ נייע כוואַליע באַנקראָטן אין די צפון-אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, וועגן אַ נייער פאַרקירצונג פון דער פּראָדוקציע, אַראָפּזעצונג פונם אַרבעטסלוין פון די אַר-בעטער און וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזיקייט אין די צפון-אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַניע, דאָרעם-אַמעריקע, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַזוי ווייטער, וועגן דעם, אַז אַ ריי אינדוסטריע-צווייגן פון פראַנקרייך זיינען אַריינגעטראָטן אין אַ פאַזע פון שטילשטאַנד, וועלכער איז בײַ דער איצ-טיקער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער סיטואַציע אַ סימן פון אַ קריזיס, וואָס הייבט זיך אָן. אַרבעטסלאָזע אין די צפון-אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן איז איצט פאַראַן העכער 6 מיליאָן, אין דייטשלאַנד — בײַ 5 מיליאָן, אין ענגלאַנד — העכער צוויי מיליאָן, אין איטאַליע, דאָ-רעם-אַמעריקע, יאַפּאַניע — צו מיליאָן, אין פּוילן, טשע-כאָסלאָוואַקיע, עסטרייך — צו 500 טויזנט.

איך רייד שוין ניט וועגן דער ווייטערדיקער פאַרשאַרפונג פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן קריזיס, וועלכער רואינירט מי-ליאָנען פערמערס און אַרבעטנדיקע פויערים. דער קריזיס פון דער איבערפּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט איז דערגאַנגען דערצו, אַז קעדיי צו פאַרהיטן די הויכע פּרייזן און די רעוואַכים פון דער בורזשואַזיע זיינען אין בראַזיל-יע אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין יאַם אַריין 2 מיליאָן זעק קאַ-ווע, אין אַמעריקע האָט מען אָנגעהויבן הייצן אָנשטאָט קוילן מיט קוקורוזע, אין דייטשלאַנד זיינען מיליאָנען פּוד

קארן פארוואנדלט אין פיטער פאר כאזיירים, בענוויגייע צו בוימוואל און ווייץ ווערן אנגענומען אלע מיטלען צו פארקלענערן די פארזיי־שעטעכן אף 10—15 פראצענט.

אָט אַזאַ איז דאס אלגעמיינע בילד פונם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס, וואס וויקלט זיך פאנאנדער.

ב) איצט, ווען דער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס וויקלט פאנאנדער זיין צעשטערנדיקע קראפט, לאָזנדיק צום גרונט גאנצע שיכטן מיטעלע און קליינע קאפיטאַליסטן, רואינירנדיק גאנצע גרופעס פון דער ארבעטער־אריסטאָקראטיע און פערמערס, און פארורטיילנדיק אף הונגער מיליאנען מאַסן ארבעטער,—פרעגן אלע: וואו איז די סיבע פונם קריזיס, וואו ליגט זיין יעסאָד, ווי אזוי קעמפט מען מיט אים, ווי אזוי פארניכטעט מען אים? עס ווערן אויסגעטראכט די סאמע פארשיידנארטיקע „טעאָריעס“ פון קריזיס. עס ווערן פארגעלייגט גאנצע פראיעקטן פון „לינדערן“, „זיך באווארענען“, „ליקווידירן“ דעם קריזיס. די בורזשואזע אָפּאָזיציעס ווינקען אף די בורזשואזע רעגירונגען, וועלכע האָבן, ווי עס ווייזט זיך ארויס, „ניט אָנגענומען אלע מיטלען“ אף ניט צו דערלאזן דעם קריזיס. די „דעמאָקראטן“ באשולדיקן די „רעפובליקאַנער“ די „רעפובליקאנער“ — די „דעמאָקראטן“, און אלע צוזאמען — הואווערס גרופע מיט איר „פעדעראלער רעזערוו־סיסטעם“, וועלכע האָט ניט באוויזן צו „פארצוימען“ דעם קריזיס. עס זיינען דא אפילע אזעלכע כאַכאָמים, וועלכע זעען איין די סיבע פונם עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס אין די „שפיצלעך פון די באלשעוויקעס“. איך בין אויסן דעם באוואוסטן „אינדוסטריעלער“ רעכבערג, וועלכער איז איינגעטלעך ווייניק ענלעך צו אן אינדוסטריעלער און דערמאָנט מערער א „אינדוסטריעלער“ צווישן ליטעראטן און א „ליטעראט“ צווישן אינדוסטריעלער. (געלעכטער).

פארשטייט זיך, אז די־דאזיקע אלע טעאָריעס און פראיעקטן האָבן ניט קיין שום געמיינזאמעס מיט דער וויסנ־

שאַפט. מע דאַרף אָנערקענען, אַז די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיקע באַנקראָטן פאַנים־צו־פאַנים מיטן קריזיס. נאָך מער, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי פעלט אַפילע דער מינימום לעבנסכוש, אין וועלכן מע האָט ניט שטענדיק געקאָנט אָפזאָגן זייערע פאַרגייער.

די דאָזיקע הערן פאַרגעסן, אַז די קריזיסן קאָן מען ניט באַטראַכטן ווי אַ צופעליקע דערשיינונג אין דער סיסטעם פון דער קאַפיטאַליסטישער ווירטשאַפט. די דאָזיקע הערן פאַרגעסן, אַז די עקאָנאָמישע קריזיסן זיינען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פונם קאַפיטאַליזם. די דאָזיקע הערן פאַרגעסן, אַז די קריזיסן זיינען געבוירן צוזאַמען מיט דער הערשאַפט פונם קאַפיטאַליזם. אין מעשעך פון העכער הונדערט יאָר קומען פאָר פעריאָדישע עקאָנאָמישע קריזיסן, וועלכע באַווייזן זיך איבער יעדע 8—10—12 און ווייניקער יאָר. פאַר דעם דאָזיקן פעריאָד האָבן די בורזשואַזע רעגירונגען פון אַלע ראַנגען און קאָלירן, בורזשואַזע טוער פון אַלע גראַדן און פעאיקייטן, — אַלע אָן אויסנאַם זיך באַמיט אויספּרואוון זייערע קרעפטן אויף „פאַרהיטן" פון קריזיסן און „פאַרניכטן" זיי. נאָר זיי אַלע האָבן געליטן אַ מאַפּאַלע. געליטן אַ מאַפּאַלע, ווייל מע קאָן ניט פאַרהיטן פון עקאָנאָמישע קריזיסן אָדער פאַרניכטן זיי, בלייבנדיק אין די ראַמען פונם קאַפיטאַליזם. וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ וואונדער, אויב די איצטיקע בורזשואַזע טוער ליידן אויך אַ מאַפּאַלע? וואָס זשע איז דאָ פאַר אַ וואונדער, אויב די מאַסמיטלען פון די בורזשואַזע רעגירונגען פירן פאַקטיש ניט צו לינדערן דעם קריזיס, ניט צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די מיליאָנען מאַסן אַרבעטנדיקע, נאָר צו נייע אויסברוכן פון באַנקראָטן, צו אַ נייער כוואַליע אַרבעטסלאָזיקייט, דערצו, אַז די שטאַרקערע קאַפיטאַליסטישע פאַרייניקונגען זאָלן איינשלינגען די ווייניקער שטאַרקע קאַפיטאַליסטישע פאַרייניקונגען?

דער יעסאָד פֿון די עקאָנאָמישע קריזיסן פֿון איבערפּראָדוקציע, זייער טיבע ליגט אין דער עצעם סיסטעם פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט. דער יעסאָד פֿונם קריזיס ליגט אינעם ווידערשפּרוך צווישן דעם געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער פֿון דער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פֿאָרם פֿון צואייגענען די רעזולטאַטן פֿון דער פּראָדוקציע.

דער אויסדרוק פֿונם דאָזיקן גרונט־ווידערשפּרוך פֿונם קאַפּיטאַליזם איז דער ווידערשפּרוך צווישן דעם קאָלאָסאַלן וווּקס פֿון די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פֿונם קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז אויסגערעכנט אויף קריגן דעם מאַקסימום קאַפּיטאַליסטישן רעוועך, און דער) פֿאַרהעלטניסמעסיקער פֿאַרקלענערונג פֿונם צאָלפֿעיִקן נאָכפֿרעג מיצאַד די מיליאָנען מאַסן אַרבעטנדיקע, וועמעס לעבנס־ניוואָ די קאַפּיטאַליסטן באַמיִען זיך די גאַנצע צייט צו האַלטן אין די ראַמען פֿונם לעצטן מינימום. קעדיי צו געווינען אין דער קאָנקורענץ און אויסקוועטשן וואָס מער רעוואָכים, זײַנען די קאַפּיטאַליסטן געצוווּנגען צו אַנטוויקלען די טעכניק, דורכפֿירן די ראַציאָנאַליזאַציע, פֿאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע פֿון די אַרבעטער און אויפֿהייבן די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פֿון זייערע אונטערנעמונגען ביז די העכסטע גרענעצן. קעדיי ניט אָפּצושטיין איינער פֿונם צווייטן, זײַנען אַלע קאַפּיטאַליסטן געצוווּנגען אַזוי אָדער אַנדערש זיך שטעלן אויף דעם דאָזיקן וועג פֿון מעשוגענער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן. אָבער דער מאַרק דער אינערלעכער און דער מאַרק דער אויסערלעכער, די קויף־פֿעיִקייט פֿון מיליאָנען מאַסן אַרבעטער און פּויערים, וועלכע זײַנען אין לעצטן סאַכאַקל די הויפּט־קויפֿער, בלײַבן אויף אַ נידעריקן ניוואָ. דערפֿון נעמען זיך די קריזיסן פֿון איבערפּראָדוקציע, דערפֿון שטאַמען די געוויסע רעזולטאַטן, וועלכע כאַזערן זיך איבער מער אָדער ווייניקער פּעריאָדיש, צוליב וועלכע די סכוירעס בלײַבן ניט פֿאַרקויפֿט, די פּראָ־

דוקציע ווערט פארקירצט, עס וואקסט די ארבעטסלאזיקייט, עס פאלט דער ארבעטסלוין און עס ווערט דערמיט גופא נאָך מער פארשארפט דער ווידערשפרוך צווישן דעם גיוואַ פון דער פראדוקציע און דעם גיוואַ פון צאָלפעאיקן נאָכפרעג. דער קריזיס פון איבערפראדוקציע איז אן אנטפלעקונג פונם דאזיקן ווידערשפרוך אין שטורמישע און צעשטערנדיקע פארמען. ווען דער קאפיטאליזם זאל קאָנען צופאסן די פראדוקציע ניט צו קריגן דעם מאַקסימום רעווח, נאָר צום סיסטעמאַטישן פארבעסערן די מאַטעריעלע לאגע פון די פאלקס־מאַסן, ווען ער זאל קאָנען פארווענדן דעם רעווח ניט אף באפרידיקן די לוסטן פון די פאראַזיטישע קלאסן, ניט אף פארפולקומען די מעטאָדן פון עקספלואטאַציע, ניט אף ארויספירן קאַפיטאַל, נאָר אַף סיסטעמאטישן אויפהויבן די מאַטעריעלע לאגע פון די ארבעטער און פויערים, וואלטן דאן ניט געווען קיין קריזיסן. אָבער דאן וואלט אויך דער קאפיטאַליזם ניט געווען קיין קאַפיטאליזם. קעדיי צו פארניכטן די קריזיסן, דארף מען פארניכטן דעם קאפיטאליזם.

דאס איז דער יעסאד פון די עקאָנאָמישע קריזיסן פון איבערפראדוקציע ביכלאַל.

אבער די זאך קאָן זיך דערמיט ניט באגרענעצן באם כאַראקטעריזירן דעם איצטיקן קריזיס. דער איצטיקער קריזיס איז ניט קיין פאשעטע איבערכאזערונג פון די אלטע קריזיסן. ער קומט פאר און וויקלט זיך פאנאנדער אין געוויסע נייע באדינגונגען, וועלכע מע מוז אויפדעקן, קעדיי צו באקומען דאס פולע בילד פונם קריזיס, ער ווערט קאָמפּליצירט און פארטיפט מיט א גאנצער ריי באזונדערע אומשטענדן, וואס ניט קלאר מאכנדיק זיי, איז אוממעגלעך זיך צו שאַפן א קלארע פארשטעלונג וועגן דעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריזיס.

וואס זיינען דאס פאר א באזונדערע אומשטענדן?

זיי, די דאָזיקע באַזונדערע אומשטענדן, באַשטייען פון פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פאַקטן:

1) דער קריזיס האָט שטאַרקער פאַר אַלע געטראָפן דאָס הויפט־לאַנד פון קאַפיטאַליזם, זיין ציטאַדעל, די צפון־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע קאָנצענטרירן אין זייערע הענט ניט ווייניקער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער פראָדוקציע און געברויך פון אַלע לענדער פון דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד קאָן ניט ניט פירן צו אַ קאָלאָסאַלער פאַרברייטערונג פון דער ווירקונגס־ספערע פונם קריזיס, צו אַ פאַרשאַרפונג פונם קריזיס און צו אָנזאַמלונג פון אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן פאַרן וועלט־קאַפיטאַליזם.

2) אינם גאַנג פון דער פאַנאַנדערוויקלונג פונם עקאָנאָמישן קריזיס איז דער אינדוסטריעלער קריזיס אין די קאַפיטאַליסטישע הויפט־לענדער ניט גלאַט צונויפגעפאַלן, נאָר זיך איבערגעפלאָכטן מיטן לאַנדווירטשאַפטלעכן קריזיס אין די אַגראַרע לענדער, און דערמיט פאַרטיפט די שוועריקייטן און פאַרבאַשטימט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער ירידה פון דער ווירטשאַפטלעכער אַקטיווקייט. עס איז ניטאָ וואָס צו ריידן, אַז דער אינדוסטריעלער קריזיס וועט פאַרשטאַרקן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן, און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער וועט פאַרציִען דעם אינדוסטריעלן און דאָס מוז ברענגען צו אַ פאַרטיפערונג פונם עקאָנאָמישן קריזיס אינגאַנצן גענומען.

3) דער איצטיקער קאַפיטאַליזם און אונטערשייד פונם אַלטן קאַפיטאַליזם, איז אַ קאַפיטאַליזם אַ מאָנאָפּאָליסטישער, און דאָס באַשטימט פאָרויס די אומפאַרמיידלעכקייט פונם קאַמף צווישן די קאַפיטאַליסטישע פאַראייניקונגען פאַר איינהאַלטן די הויכע מאָנאָפּאָלע פרייזן אויף די סכוירעס, ניט געקוקט אויף דער איבערפראָדוקציע. פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד, וועלכער מאַכט דעם קריזיס באַזונדערס פיינלעך און רואינירנדיק פאַר די

פאלקס־מאסן, וועלכע זיינען די הויפט־געברויכער פון סכוי־
רעס, מוז פירן צו א פארציאונג פונם קריזיס, מוז טאָר־
מאָזירן זיין פאנאנדערוויגונג.
4) דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס וויקלט זיך
פאנאנדער אף דער באזע פון אלגעמיינעם קריזיס פונם
קאפיטאליזם, וועלכער איז אַנטשטאַנען נאָך איגם פעריאד
פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע, וועלכער גראבט
אונטער די יעסוידעס פונם קאפיטאליזם און האָט פאר־
לייכטערט דאס אָנקומען פונם עקאָנאָמישן קריזיס.
וואס באטייט דאס?
דאס באטייט פריער פאר אלץ, אז די אימפעריאליס־
טישע מילכאָמע און אירע פאלגן האָבן פארשטארקט די
פארפוילונג פונם קאפיטאליזם און אונטערגעריסן זיין
גלייכגעוויכט, אז מיר לעבן איצט אין אן עפּאָכע פון מיל־
כאָמעס און רעוואליוציעס, אז דער קאפיטאליזם שטעלט
שוין ניט פאר מיט זיך די איינציקע און אלץ ארומ־
נעמענדיקע סיסטעם פון דער וועלט־ווירטשאפט, אז צו־
גלייך מיט דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט־סיסטעם
עקזיסטירט די סאציאליסטישע סיסטעם, וועלכע וואקסט,
וועלכע אנטוויקלט זיך, וועלכע שטייט קעגן דער קאפיטא־
ליסטישער סיסטעם און וואס מיטן עצעם פאקט פון איר
עקזיסטענץ דעמאָנסטרירט זי די פוילקייט פונם קאפיטא־
ליזם, צעוואקלט זיינע יעסוידעס.
דאס באטייט, ווייטער, אז די אימפעריאליסטישע מיל־
כאָמע און דער זיג פון דער רעוואליוציע אין פסס"ר האָבן
צעטרייסלט די יעסוידעס פונם אימפעריאליזם אין די
קאלאניאלע און אפהענגיקע לענדער, אז דער אווטאָרי־
טעט פונם אימפעריאליזם אין די דאזיקע לענדער איז שוין
אונטערגעריסן, אז ער איז שוין ניט אימשטאנד מער צו
באלעבאטעווען ווי פריער אין די דאזיקע לענדער.
דאס באטייט ווייטער, אז פאר דער צייט פון דער מיל־
כאָמע און נאָך איר האָט זיך אין די קאלאניאלע און אָפּ־

הענגיקע לענדער באוויזן און אויסגעוואקסן אין אייגענער יונגער קאפיטאליזם, וועלכער קאנקורירט מיט ערפאלג אף די מערק מיט די אלטע קאפיטאליסטישע לענדער, פארשארפנדיק און פארקאמפליצירנדיק דעם קאמף פאר די אפזאץ־מערק.

דאס באטייט צולעצט, אז די מילכאמע האט איבערגעלאזן דער מערהייט קאפיטאליסטישע לענדער א שווערע ירושע אין דער פארם פון כראנישער ניט גענוגער אנלאדונג פון די אונטערנעמונגען און פון מיליאניקע ארמייען ארבעטסלאזע, וועלכע זיינען פארוואנדלט געווארן פון רעזערווע—אין שטענדיקע ארמייען ארבעטסלאזע, וואס דאס האט געשאפן פארן קאפיטאליזם א מאסע שוועריקייטן נאך פארן איצטיקן עקאנאמישן קריזיס און דאס דארף נאך מער פארקאמפליצירן די זאך אין דער צייט פונם קריזיס.

דאס זיינען די אומשטענדן, וועלכע פארטיפערן און פארשארפן דעם עקאנאמישן וועלט־קריזיס.

מע דארף אנערקענען, אז דער איצטיקער עקאנאמישער קריזיס איז דער סאמע ערנסטער און סאמע טיפער קריזיס פון אלע עקאנאמישע וועלט־קריזיסן, וועלכע האבן ביז איצט עקזיסטירט.

## 2. די פארשארפונג פון די ווידערשפרוכן פונם קאפיטאליזם

דער וויכטיקסטער רעזולטאט פונם עקאנאמישן וועלט־קריזיס איז די אנטבלויזונג און פארשארפונג פון די ווידערשפרוכן, וועלכע זיינען אייגנטימלעך פארן וועלט־קאפיטאליזם.

א) עס ווערן אנטבלויזט און פארשארפט די ווידערשפרוכן צווישן די וויכטיקסטע אימפעריאליסטישע לענדער, דער קאמף פאר די אפזאץ־מערק, דער קאמף פאר רויוואורג, דער קאמף פאר ארויספירן קאפיטאל. איצט בא־

פּראָדוקט שוין ניט קיינעם פון די קאפיטאליסטישע מעלוכעס די אלטע פאנאנדערטיילונג פון די ווירקונגס־ספערעס און פון די קאלאניעס. זיי זעען, אז עס האט זיך געענדערט די קרעפטן־פארהעלטעניש און מע דארף אין העסקעם דערמיט איבערפארטיילן די אפזאץ־מערק, די רויווארג־קוואלן, די ווירקונגס־ספערן א. א. וו. דער הויפט־ווידערשפרוך צווישן די דאזיקע ווידערשפרוכן איז דער ווידערשפרוך צווישן די צאפן־אמעריקאנישע פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד.

סאי אפן געביט פון ארויספירן פארטיקע סכוירעס, סאי אפן געביט פון ארויספירן קאפיטאל גייט דער קאמף דעריקער צווישן די צאפן־אמעריקאנישע פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד. עס איז גענוג צו נעמען וועלכע ניט איז עקאנאמישע צייטונג, וועלכן ניט איז דאקומענט וועגן ארויספירן סכוירעס און קאפיטאל, כדי זיך צו איבערצייגן דערין. די הויפט־ארענע פונם קאמף איז דארעם־אמעריקע, כינע, די קאלאניעס און די דאמיניאנען פון די אלטע אימפעריאליסטישע מעלוכעס. דער איבערוואג פון קרעפטן אינם דאזיקן קאמף, דערביי אן איבערוואג א באשטימטער, איז אף דער זייט פון די צאפן־אמעריקאנישע פאראייניקטע שטאטן. נאכן הויפט־ווידערשפרוך גייען ווידערשפרוכן ניט קיין הויפטלעכע, נאר גאנץ מאמאשעסדיקע: צווישן אמעריקע און יאפאניע, צווישן דייטשלאנד און פראנקרייך, צווישן פראנקרייך און איטאליע, צווישן ענגלאנד און פראנקרייך און אזוי ווייטער.

עס קאן קיין שום ספעק ניט זיין, אז אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטוויקלונג פונם קריזיס וועט דער קאמף פאר די אפזאץ־מערק, פאר רויווארג, פאר ארויספירן קאפיטאל זיך פארשטארקן מיט יעדן כוידעש, מיט יעדן טאג.

די קאמפס־מיטלען זיינען: טאמאזשנע־פאליטיק, ביליקע סכוירעס, ביליקער קרעדיט, איבערגרופירונג פון די

קרעפטן און נייע מיליטעריש־פאליטישע בונדן, וואוקס פון די באוואפענונגען און צוגרייטונג צו נייע אימפעריאליסטישע מילכאָמעס, צולעצט — מילכאָמע. איך האָב גערעדט וועגן קריזיס, וועלכער האט ארומגעכאפט אלע פראדוציר־צווייגן. אבער עס איז פאראן איין צווייג, וועלכן דער קריזיס האָט ניט פארכאפט. דערדאזיקער צווייג איז די מיליטערישע אינדוסטריע. זי וואקסט די גאנצע צייט, ניט געקוקט אפן קריזיס. די בורזשואזע רעגירונגען באוואפענען זיך און באוואפענען זיך איבער משוגענערהייט.. צוליב וואס? פארשטייט זיך, ניט צוליב א געשפרעך, נאר צוליב מילכאָמע. און א מילכאָמע באדארפן די אימפעריאליסטן דערפאר, ווייל זי איז דאס איינציקע מיטל אף איבערפארטיילן די וועלט, אף איבערפארטיילן די אפזאץ־מערק, די רויווארג־קוואלן, די אָנווענדונג־ספערן פארן קאפיטאל.

עס איז פולקום פארשטענדלעך, אז אין דידאזיקע באדינגונגען דערלעבט דער אזוי גערופענער פאציפיזם די לעצטע טעג, די פעלקער־ליגע פוילט לעבעדיקערהייט, די „אנטוואפענונגס־פראיעקטן“ פאלן דורך אין אַן אפגרונט און די קאָנפערענצן וועגן פארקירצן די מילכאָמע־באוואפענונגען ווערן פארוואנדלט אין קאָנפערענצן וועגן באנייען און פארברייטערן דעם יאם־פלאט.

דאס באטייט, אז די מילכאָמע־געפאר וועט אָנוואקסן מיט א פארשנעלערטן טעמפ.

זאלן פלאפלען די סאציאל־דעמאָקראטן וועגן פאציפיזם, וועגן שאָלעם, וועגן פרידלעכער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם און אזוי ווייטער. די דערפארונג פונם געפינען זיך פון דער סאציאל־דעמאָקראטיע בא דער מאכט אין דייטשלאנד און אין ענגלאנד באווייזט, אז דער פאציפיזם איז בא זיי בלויז א מאַסקע, וואס איז נויטיק אף פאַרדעקן די צוגרייטונג פון נייע מילכאָמעס.

ב) עס ווערן אָנגעבלויזט און עס וועלן זיך פארשארפן די ווידערשפרוכן צווישן די לענדער—זיגער און די לענ־

דער די באַזינגטע. פון די לעצטע פּין איך אויסן דערי־קער דייטשלאַנד. עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן קריזיס און מיט דער פאַרשאַרפונג פון דער־מערק־פּראָבלעם וועט זיך פאַרשטאַרקן דער דרוק אַף דייטשלאַנד, וואָס איז ניט נאָר א באַלכויוו, נאָר אויך אַן אָנגעזעענער עקספּאַרטירער. די אָריגינעלע באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן די לענדער זיגער און דייטשלאַנד, וואָלט מען געקאָנט אויסמאָלן אין דער פאָרם פון א פּיראַמידע, וואָס אויבן זיצן ווי די האַרן אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד א. א. וו. מיטן יונג־פּלאַן אין די הענט, מיט אַן אויפשריפט „צאָלן“, און אונטן איז צעשפּרייט דייטשלאַנד, וואָס שלאָגט זיך אַרויס פון די קויכעס און איז געצוואונגען אַרויסציען פון זיך אַלע קרעפטן, קעדיי אויסצופילן דעם באַפעל וועגן מיליאַרדיקע קאָנטריבוציעס. איר ווילט וויסן וואָס דאָס איז? דאָס איז דער „לאָקאַרנאָ־גייסט“. מיינען אַז אַזאַ לאַגע קאָן דורכגיין גלאַט פאַרן וועלט־קאַפּיטאַליזם, הייסט גאַרניט פאַרשטיין אין לעבן. מיינען, אַז די דייטשישע בורזשואַזיע וועט קאָנען באַצאָלן אין די נאָענטסטע 10 יאָר 20 מיליאַרד מאַרק, און דער דייטשישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער לעבט אונטער א צווייענדיקן יאָך פון דער „אייגענער“ און „פרעמדער“ בורזשואַזיע, וועט לאָזן דער דייטשישער בורזשואַזיע אויסקוועטשן פון זיינע אָדערן די דאָזיקע 20 מיליאַרד אָן ערנסטע שלאַכטן און אויפטרייסלונגען — הייסט, אַראָפּ פון זינען. זאָלן די דייטשישע און פראַנצויזישע פּאָליטיקער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי גלויבן אינעם דאָזיקן נעס. מיר, באָלשעוויקעס, גלויבן ניט אין קיין ניסים.

ג) עס ווערן אָנטפּלויזט און פאַרשטאַרקט די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס און די קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער. דער וואַקסנדיקער עקאָנאָמישער קריזיס קאָן ניט ניט פאַרשטאַרקן דעם דרוק פון די אימפּעריאַליסטן אַף די קאָלאָניעס און אָפּהענ־

ניקע לענדער, וועלכע שטעלן פאר מיט זיך די הויפט־מערק פאר אפזאץ און רויוואַרג. און ווירקלעך, דער דרוק ווערט פארשטארקט ביזן לעצטן גראד. עס איז א פאקט, אז די אייראפעאישע בורזשואזיע געפינט זיך איצט אין א צושטאנד פון מילכאָמע מיט „אירע" קאָלאָניעס אין אינדיע, אין אינדאָכינע, אין אינדאָנעזיע, אין צאפן־אפריקע. עס איז א פאקט, אז די „אומאָפהענגיקע" כינע איז שוין איינגעטיילט פאקטיש אף ווירקונגס־ספערן און די גענעראַלישע קליקעס פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גאָמינדאַנער, וועלכע פירן מילכאמע צווישן זיך און רואיגירן דאס כינעזישע פאלק, פילן אויס דעם ווילן פון זייערע באלעבאטים פונם אימפעריאליסטישן לאגער.

מע דארף האלטן פאר ענדגילטיק דורכגעפאלן די פאלשע ווערסיע וועגן דעם, אז די מער פון די רוסישע געזאנדטשאפטן אין כינע זיינען שולדיק אין שטערן די „רו און ארדענונג" אין כינע. קיין רוסישע געזאנדטשאַפטן זיינען שוין לאנג ניטאָ ניט אין דארעם ניט אין מיטל־כינע. דערפאר אבער זיינען פאראן ענגלישע, יאפאנישע, דייטשישע, אמעריקאנישע און אלערליי אַנדערע געזאַנדטשאפטן. קיין רוסישע געזאנדטשאפטן זיינען שוין לאנג ניטא ניט אין דארעם ניט אין מיטל־כינע, דערפאַר אבער זיינען פאראן דייטשישע, ענגלישע און יאפאנישע קריגס־ראטגעבער בא די מילכאָמע־האַלטנדיקע כינעזישע גענעראלן. קיין רוסישע געזאנדטשאפטן זיינען שוין דארט לאַנג ניטא, דערפאר אבער זיינען דארט פאראן ענגלישע, אמעריקאַנישע, דייטשישע, טשעכאָסלאָוואַקישע און אלערליי אַנדערע האַרמאטן, ביקסן, אעראפלאנען, טאַנקעס, גיפטיקע גאזן. און וואס באקומט זיך? אָנשטאָט „רו און ארדענונג" האָבן מיר איצט אין דארעם און מיטל־כינע די סאמע צעלאָזענע און סאמע רואיגירנדיקע גענעראלן־מילכאָמע, וואס ווערט פינאנסירט און אינסטרוקטירט פון די „ציווליזירטע" מעלוכעס פון אייראפע און אמעריקע. עס באקומט זיך אַ גאנץ

פּיקאַנטע בילד פון „ציוויליזאַטאָרישער" ארבעט פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. עס איז נאָר ניט באַוואוסט, וואָס פאַר אַ שאַיכעס עס האָבן דאָ די רוסישע באָלשעוויקעס.

עס וואָלט געווען לעכערלעך צו טראַכטן, אַז דידאָזיקע מאַיסים־מאַטוואַיס פון די אימפּעריאַליסטן וועלן זיי דורכגיין אומזיסט. די כינעזישע ארבעטער און פּויערים האָבן שוין געענטפערט אַף זיי מיט שאַפן ראַטן און אַ רויטע אַרמיי. מע זאָגט, אַז דאָרט האָט זיך געשאַפן אַ ראַטן־רעגירונג. איך מיין, אַז אויב דאָס איז ריכטיק, איז דערין נישטאָ קיין שום וואונדערלעכעס. עס קאָן ניט זיין קיין ספק, אַז בלויז ראַטן קאָנען ראַטעווען כינע פון ענדגילטיקער צעפאַלונג און פאַראָרעמונג.

וואָס איז שייך אינדיע, אינדאָכינע, אינדאָנעזיע, אַפריקע און אַזוי ווייטער, איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז אין דידאָזיקע לענדער וואַקסט אָן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע נעמט אָן צומאָל פאָרמען פון אַ נאַציאָנאַלער מילכאָמע פאַר באַפרייאונג. די הערן בורזשואַ רעכענען אויס צו פאַרגיסן דידאָזיקע לענדער מיט בלוט און זיך שטיצן אַף פּאָליצייאישע באַגנעטן, רופנדיק צו הילף אַזעלכע מענטשן ווי גאַנדי. עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז פּאָליצייאישע באַגנעטן זיינען אַ שלעכטע שטיצע. דער צאַריזם האָט זיך אויך באַמיט אין זיין צייט צו שטיצן זיך אַף פּאָליצייאישע באַגנעטן, נאָר וואָס פאַר אַ שטיצע עס איז דערפון ארויסגעקומען איז אַלעמען באַוואוסט. וואָס איז שייך די העלפער פונעם טיפּ גאַנדי, האָט זיי דער צאַריזם געהאַט אַ גאַנצע משערעדע אין דער פּערזאָן פון די ליבעראַלע פּשאָרעמאַכער פון יעדן מין, אָבער דערפון האָט זיך אויך אויסער קאָנפוז גאָרניט באַקומען.

ד) עס האָבן זיך אַנטבלויזט און פאַרשאַרפט די ווידערשפּרוכן צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער קריזיס האָט

שוין באוויזן צו פארשטארקן דעם דרוק פון די קאפיטאליסטן אפן ארבעטער־קלאס. דער קריזיס האט שוין באוויזן ארויסצורופן א נייע כוואליע קאפיטאליסטישע ראציאנאליזאציע, א נייע פארערגערונג אין דער לאגע פונם ארבעטער־קלאס, א וואוקס פון דער ארבעטסלאזיקייט, א פארברייטערונג פון דער שטענדיקער ארמיי ארבעטסלאזע, אן אראפזעצונג פונם ארבעטסלוין. עס איז קיין וואונדער ניט, אז די דאזיקע אומשטענדן רעוואלוציאניזירן די סיטואציע, פארשארפן דעם קלאסן־קאמף און שטויסן די ארבעטער צו נייע קלאסן־שלאכטן.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערן צעשטערט און צעפאלן די סאציאל־דעמאקראטישע אילוזיעס צווישן די ארבעטער־מאסן. נאך דער דערפארונג פונם געפינען זיך בא דער מאכט פון די סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע רייסן אראפ די שטרייקן, ארגאניזירן לאקאוטן און צעשיסן ארבעטער. קלינגען, ווי א בייזער שפאס, אין די אויערן פון די ארבעטער די פאלשע צוזאגן וועגן „פראדוציר־דעמאקראטיע“, „אינדוסטריעלן שאלום“, פרידלעכע מעטאדן פון קאמף. צי וועלן זיך איצט געפינען אסאך ארבעטער, וועלכע קאנען גלויבן דער פאלשער פרידיקונג פון די סאציאל־פאשיסטן? די באוואוסטע ארבעטער־דעמאנסטראציעס פונם 1־טן אויגוסט 1929 יאר (קעגן דער מילכאמע־געפאר) און דעם 6־טן מארט 1930 (קעגן ארבעטסלאזיקייט) באווייזן, אז די בעסטע מענטשן פונם ארבעטער־קלאס האבן זיך שוין אפגעקערט פון די סאציאל־פאשיסטן. דער עקאנאמישער קריזיס וועט געבן א נייעם קלאפ איבער די סאציאל־דעמאקראטישע אילוזיעס צווישן די ארבעטער. ווייניק וועלן זיך געפינען איצט ארבעטער, וואס נאך די באנקראטן און רואינירונגען אין צוזאמענהאנג מיטן קריזיס וועלן זיי מאסקים זיין צו גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו פארייכערן „יעדן ארבעטער“ דורך אנטייל אין „דעמאקראטיזירטע“ אקציאנערע קאמפאניעס. עס איז ניטא וואס צו ריידן, אז דער

קריזיס וועט געבן א צעשמעטערנדיקן קלאפ איבער אלע אזעלכע און ענלעכע צו זיי אילוזיעס.

אָבער דער אויפקלאנג פון די ארבעטער־מאסן פון דער סאציאל־דעמאָקראטיע באַטייט זייער קער צום קאָמוניזם. אזוי קומט טאַקע אין דערעמעסן פאר. דער וואוקס פון דער פראפארייניש ער באוועגונג, וועלכע שליסט זיך אָן אָן דער קאָמפאַרטיי; די וואל־ניצחונות פון די קאמפאַרטייען; די כוואליע שטרייקן, וועלכע קומען פאר באם אָנפירנדיקן אָנטייל פון די קאָמוניסטן; דאס אריבערוואקסן פון עקאָנאָמישע שטרייקן אין פאליטישע פראָטעסטן, וואס די קאָמוניסטן ארגאניזירן; מאַסאָווע דעמאָנסטראציעס פון ארבעטער, וועלכע פילן מיט דעם קאמוניזם, וואס געפינען דעם לעבעדיקסטן אפקלאַנג אינם ארבעטער־קלאס,—דאס אלץ רעדט וועגן דעם, אז די ארבעטער־מאסן זעען אין דער קאָמפארטיי די איינציקע פארטיי, וועלכע איז פעאיק צו קעמפן מיטן קאַפיטאליזם, די איינציקע פארטיי, וואס איז ווערט דעם צוטרוי פון די ארבעטער, די איינציקע פארטיי, נאָך וועלכער מע קאָן און עס לוינט גיין אין קאַמף פאר באפרייען זיך פונם קאַפיטאליזם. דאס איז א קער פון די מאַסן אין דער זייט פונם קאָמוניזם. דאס איז א גאראַנטיע פאר דער פארוואנדלונג פון אונזערע ברידערלעכע קאָמפארטייען אין גרויסע מאסן־פארטייען פונם ארבעטער־קלאס. עס איז בלויז נויטיק, אז די קאָמוניסטן זאלן קאָנען אָפשאצן די סיטואציע און אויסנוצן זי ווי געהעריק. פאַנאַנדערוויקלענדיק דעם אומבעשאָלעמדיקן קאמף קעגן דער סאציאל־דעמאָקראטיע, וועלכע שטעלט פאר מיט זיך די אַגענטור פונם קאַפיטאַל אינם ארבעטער־קלאס און צעקלאפנדיק אף שטויב אלע און אלערליי אָפנויגן פונם לעניניזם, וועלכע גיסן וואסער אף די מיל־רעדער פון דער סאציאל־דעמאָקראטיע, האָבן די קאָמפארטייען באוויזן, אז זיי שטייען אפן ריכטיקן וועג. עס איז נויטיק, אז זיי זאלן זיך ענדגילטיק פארפעסטיקן אפן דאזיקן וועג. ווייל בלויז

בא דעם באדינג קאָנען זיי רעכענען צו געווינען די מער־הייט פונם ארבעטער־קלאס און ערפאלגרייך צוגרייטן דעם פראלעטאריאט צו די קינפטיקע שלאכטן. ווייל בלויז בא דעמדאָזיקן באדינג קאָן מען אויסרעכענען אפן ווייטערדיקן וואוקס פון דער ווירקונג און אווטאָריטעט פונם קאָמוניסטישן אינטערנאציאנאל.

אָט דאס איז דער צושטאַנד פון די גרונט־ווידערשפרוכן אינם וועלט־קאפיטאַליזם, וועלכע האָבן זיך ביז גאר פאר־שארפט אין צוזאמענהאַנג מיטן עקאָנאָמישן וועלט־קריזיס.

וועגן וואס רייזדן דידאָזיקע אלע פאקטן?

וועגן דעם, אז צו דער סטאביליזאציע פונם קאפיטאליזם קומט א סאף

וועגן דעם, אז דער אויפשטייג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון די מאסן וועט אָנוואקסן מיט א נייער קראפט.

וועגן דעם, אז דער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס וועט אריבערוואקסן אין א ריי לענדער אין א פאליטישן קריזיס.

דאס הייסט, ערשטנס, אז די בורזשואזיע וועט זוכן דעם אויסוועג פון דער לאגע אין ווייטערדיקער פאשיזאציע אפן געביט פון דער אינערלעכער פאליטיק, אויסנוצנדיק צוליב דעם אלע רעאַקציאנערע קרעפטן, דערונטער אויך די סאציאל־דעמאָקראטיע.

דאס הייסט, צווייטנס, אז די בורזשואזיע וועט זוכן דעם אויסוועג אין א נייער אימפעריאליסטישער מילכאָמע און אינטערווענציע אפן געביט פון דער אויסערלעכער פאלי־טיק.

דאס הייסט, לעצטנס, אז דער פראלעטאריאט וועט, קעמפנדיק מיט דער קאפיטאליסטישער עקספלואַטאַציע און דער מילכאָמע־געפאר, זוכן דעם אויסוועג אין א רעוואלו־ציע.

## 3. די באַציאונגען צווישן פסס"ר און די קאַפיטאַליסטישע מעלוכעס

א) איך האָב אויבן גערעדט וועגן די ווידערשפרוכן פונעם וועלט־קאַפיטאַליזם. אָבער אויסער דידאָזיקע ווידערשפרוכן עקזיסטירט נאָך איין ווידערשפרוך. איך רייד וועגן דעם ווידערשפרוך צווישן דער קאַפיטאַליסטישער וועלט און דעם פסס"ר. עמעס, דערדאָזיקער ווידערשפרוך איז ניט קיין ווידערשפרוך פון אינערלעך־קאַפיטאַליסטישן כאַראַקטער. דאָס איז אַ ווידערשפרוך צווישן דעם קאַפיטאַליזם אינגאַנצן גענומען און דעם לאַנד, וואו עס ווערט געבויט דער סאָציאַליזם. אָבער דאָס שטערט אים ניט צו צעלייגן און צעוואַקלען די סאַמע יעסוידעס פונעם קאַפיטאַליזם. נאָך מער, ער דעקט אויף ביז די וואָרצלען אַלע ווידערשפרוכן פונעם קאַפיטאַליזם און קלייבט זיי צונויף אין איין בינטל, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג גופע. דעריבער איז יעדעם מאָל, ווען די קאַפיטאַליסטישע ווידערשפרוכן הויבן זיך אָן צו פאַרשאַרפן, ווענדעט די בורזשואַזיע אירע בליקן אין דער זייט פון פסס"ר: צי קאָן מען ניט לייזן דעם אָדער יענעם ווידערשפרוך פונעם קאַפיטאַליזם, אָדער אַלע ווידערשפרוכן צוזאַמענגענומען אַפן כעשבן פון פסס"ר, דעמדאָזיקן לאַנד פון די ראַטן, דער ציטאַדעל פון רעוואָלוציע, וועלכע רעוואָלוציאָניזירט מיט איר עקזיסטענץ גופע דעם אַרבעטער־קלאַס און די קאָלאָניעס, וועלכע שטערט צו מאַכן אַ נייע מילכאָמע, וועלכע שטערט איבערצוטיילן די וועלט אויף אַ נייעם אויפן, וועלכע שטערט צו באַלעבאַטעווען אויף איר גרויסן אינערלעכן מאַרק, וואָס דאָס איז אַזוי נייטיק פאַר די קאַפיטאַליסטן, באַזונדערס איצט אין צוזאַמענהאַנג מיטן עקאָנאָמישן קריזיס.

דערפון נעמט זיך די טענדענץ צו אַוואַנטוריסטישע אָנפאַלן אַפן פסס"ר און צו אינטערווענציע, וועלכע (די

טענדענץ) דאַרף זיך פאַרשטאַרקן אין צוזאַמענהאַנג מיטן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער.

דער סאַמע בולטער אויסדריקער פון דער אַזיקער טענדענץ אינם געגעבענעם מאָמענט איז דאָס איצטיקע בורזשואַזע פראַנקרייך, דאָס היימלאַנד פון דער ליבעפולער „פאַן־אייראָפּע", „די וויג" פונם קעלאָג־פאַקט, דאָס סאַמע אַגרעסיווע און מיליטאַריסטישע לאַנד פון אַלע אַגרעסיווע און מיליטאַריסטישע לענדער אין דער וועלט.

אָבער אינטערווענציע איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. דאָס איז געווי באַוואוסט דער בורזשואַזיע. עס וועט זיין גוט, — טראַכט זי, — אויב די אינטערווענציע וועט דורכגיין גלאַט און וועט זיך ענדיקן מיט דער מאַפּאָלע פון פסס"ר. נו, און וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך ענדיקן מיט דער מאַפּאָלע פון די קאַפּיטאַליסטן? עס איז דאָך שוין געווען איין אינטערווענציע, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט אַ מאַפּאָלע. אויב די ערשטע אינטערווענציע, ווען די באָלשעוויקעס זיינען געווען שוואַך, האָט זיך געענדיקט מיט אַ מאַפּאָלע, איז וואו איז די גאַראַנטיע, אַז די צווייטע וועט זיך אויך ניט ענדיקן מיט אַ מאַפּאָלע? אַלע זעען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען איצט אַסאַך שטאַרקער אי עקאָנאָמיש, אי פּאָליטיש, אי אין זין פון צוגרייטן די שוצפעאיקייט פונם לאַנד. און וואָס זאָל מען טאָן מיט די אַרבעטער פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע וועלן ניט לאָזן אינטערווענירן דעם פסס"ר, וועלכע וועלן קעמפן קעגן דער אינטערווענציע און וועלכע קאָנען אין אַ געוויסן פאַל אַ קלאַפּ טאָן די קאַפּיטאַליסטן אין רוקן? צי איז ניט בעסער צו גיין לויט דער ליניע פון פאַרשטאַרקן די האַנדלס־פאַרבינדונגען מיטן פסס"ר, קעגן וואָס די באָלשעוויקעס דערווידערן אויך ניט?

דערפון נעמט זיך די טענדענץ צו פאַרזעצן די פרידלעכע באַציאונגען מיטן פסס"ר.

אזוי אַרום האָבן מיר צוויי רייען פאַקטאָרן און צוויי פאַרשיידענע טענדענצן, וועלכע ווירקן אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען:

1) א פּאָליטיק פון אונטערייסן די עקאָנאָמישע פאַרבינדונג פונם פסס"ר מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פּראָוואָצירנדיק אָנפאַלן אַפן פסס"ר, אָפענע און באַהאַלטענע אַרבעט אַף צוגרייטן אַן אינטערווענציע קעגן פסס"ר. דאָס זיינען פאַקטאָרן, וועלכע דראָען דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון פסס"ר. די ווירקונגען פון די דאָזיקע פאַקטאָרן דערקלערן אַזעלכע פאַקטן, ווי דער איינריים פונם ענגלישן קאָנסערוואַטיוון קאַבינעט מיטן פסס"ר, דאָס פאַרכאַפּן די מיזרעד־כינעזישע אייזנבאַן דורך די כינעזישע מיליטאַריסטן, די פינאַנציעלע בלאָקאַדע פון פסס"ר, דער „מאַרש" פון די קלעריקאַלן בעראָש מיטן פויפּסט קעגן פסס"ר, די שעדיקעריי פון אונזערע ספּעצן, וואָס די אַגענטן פון די אויסלענדישע מעלוכעס אָרגאַניזירן, די אָרגאַניזירונג פון אויפרייסן און אונטערצינדונגען פון דעם מין, ווי עס האָבן דורכגעמאַכט אייניקע אָנגעשטעלטע פון „לענאַ־גאָלדפילדס", די אַטענטאַטן אַף די פאַרשטייער פון פסס"ר (פוילן), דאָס טשעפּען זיך צו אונזער עקספּאָרט (צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, פוילן) א.ד.גל.

2) דער מיטגעפיל און די שטיצע פון פסס"ר מיצאַד די אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער וואוקס פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מעכטיקייט פון פסס"ר, דער וואוקס פון דער שוצפעאיקייט פון פסס"ר, די שאָלעם־פּאָליטיק, וואָס די ראַטנמאַכט פירט דורך קעסיידער. דאָס זיינען פאַקטאָרן, וועלכע פאַרפעסטיקן די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פון פסס"ר. מיט דער ווירקונג פון די דאָזיקע פאַקטאָרן דערקלערן זיך אַזעלכע פאַקטן, ווי די ערפאָלגרייכע ליקווידאַציע פונם קאָנפליקט אַף דער מיזרעד־כינעזישער אייזנבאַן, די אויפשטעלונג פון די באַציאונגען מיט גרויס־בריטאַניע, דער וואוקס פון די עקאָנאָמישע

פאַרבינדונגען מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער א. א. וו.

דער קאַמף פון דידאָזיקע צוויי פאַקטאָרן באַשטימט די אויסערלעכע לאַגע פון פסס״ר.

ב) מע זאָגט, אַז דער שטרויכל־שטיין פאַר דער פאַרבעסערונג פון די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט די בורזשואַזע מעלוכעס איז די פראַגע וועגן די כויוועס. איך מיין, אַז דאָס איז ניט קיין אַרגומענטן פאַר צאָלן די כויוועס, נאָר אַן אויסרייד בא די אַגרעסיווע עלעמענטן פאַר אינטערווענציאָניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אונזער פּאָליטיק אינם דאָזיקן געביט איז קלאָר און פולקום באַגרינדעט. בא דער באַדינגונג, אַז מע וועט אונז געבן קרעדיטן, זיינען מיר מאַסקים צו צאָלן אַ קליינעם טייל פאַרמילכאָמעדיקע כויוועס, באַטראַכטנדיק זיי אַלס צוגאָב־פּראָצענט פאַר די קרעדיטן. אָן דערדאָזיקער באַדינגונג קאָנען מיר ניט און דאַרפן ניט צאָלן. בא אונז פאָדערט מען מערער. אַף וואָס פאַר אַ גרונט? צי איז דען ניט באַוואוסט, אַז די דידאָזיקע כויוועס האָט באַקומען די צאַרישע רעגירונג, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעוואָרפן און וואָס פאַר אירע היסכאַיוועסן קאָן די ראַטן־רעגירונג ניט נעמען אַף זיך קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט? מע רעדט וועגן אינטערנאַציאָנאַלע היסכאַיוועסן. אָבער אַפן יעסאָד פון וועלכן אינטערנאַציאָנאַלן רעכט האָבן די הערן „פאַרבינדעטע" אָפּגעהאַקט פון פסס״ר בעסאַראַביע און אָפּגעגעבן זי אין קנעכטשאַפט די רומענישע באָיאַרן? לויט וועלכע אינטערנאַציאָנאַלע היסכאַיוועסן זיינען די קאַפּיטאַליסטן און די רעגירונגען פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע, יאַפּאָניע אָנגעפאַלן אַפן פסס״ר, אינטערווענירט אים, אים באַרויבט אין מעשעך פון גאַנצע דריי יאָר און רואינירט זיין באַפעלקערונג? אויב דאָס רופט זיך אָן אינטערנאַציאָנאַלע רעכט און אינטערנאַציאָנאַלע היסכאַיוועס, וואָס זשע הייסט דאַן רויבעריי? (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן). צי איז דען ניט קלאָר, אַז דערלאָזנדיק דידאָזיקע רויבערישע אַקטן, האָבן

די הערן „פארבינדעטע“ אָפּגענומען באַ זיך דאָס רעכט זיך צו פארופן אַף אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, אַף אינטערנאַציאָנאַלע היסכאַיוועסן?

מע זאָגט ווייטער, אַז צו איינצושטעלן „נאָרמאַלע“ באַציאונגען שטערט די פראָפּאַגאַנדע פון די רוסישע באָלשעוויקעס. מיטן ציל צו פארהיטן זיך פון דער שעדלעכער ווירקונג פון דער פראָפּאַגאַנדע פארצוימען זיך די הערן בורזשואַ אַלעמאָל מיט „גרענעצן“, מיט „דראָט־פארצוימונגען“, איבערגעבנדיק ליבלעך דעם קאָוועד אָפּצוהיטן די „פארצוימונגען“ פוילן, רומעניע, פינלאַנד א. אַ. וו. מע זאָגט, אַז דייטשלאַנד כאַפּט אָן אַ קינע דערפאַר, וואָס מע וויל איר קלוימערשט ניט איבערגעבן די שוץ פון די „גרענעצן“ און די „דראָט־פארצוימונגען“. צי דאַרף מען דערווייזן, אַז די פלאַפּלעריי וועגן פראָפּאַגאַנדע איז ניט קיין אַרגומענט אַף איינשטעלן „נאָרמאַלע באַציאונגען“, נאָר א מאָטיוו פאר אינטערווענציאָניסטישער פראָפּאַגאַנדע? ווי קאָנען מענטשן, וועלכע ווילן ניט זיין קאָמיש, זיך „אָפּגרענעצן“ פון די אידייען פון באָלשעוויזם, אויב אין לאַנד גופא איז פאַראַן א באָדן, וואָס איז גינסטיק פאַר דידאָזיקע אידייען? דער צאַריזם האָט זיך אויך אין זיין צייט געהאַלטן אין „אָפּגרענעצן“ פונם באָלשעוויזם, אָבער ער האָט זיך, ווי באַוואוסט, ניט „אָפּגעגרענעצט“. ער האָט זיך ניט אָפּגעגרענעצט, ווייל דער באָלשעוויזם וואַקסט אַף שריט און טריט ניט פון אויסן, נאָר פון אינעווייניק. עס זיינען, דאַכט זיך, ניטאָ קיין מער „אָפּגעגרענעצטע“ פון די רוסישע באָלשעוויקעס, ווי כינע, אינדיע, אינדאָכינע. נו, איז וואָס? דער באָלשעוויזם וואַקסט דאָרט און וועט וואַקסן ניט געקוקט אַף אַלערליי „גרענעצן“, ווייל דאָרטן זיינען דאָ אַפּאָנים באַדינגונגען, וועלכע זיינען גינסטיק פאַרן באָלשעוויזם. איז וואָס איז דאָ שאַיעך די פראָפּאַגאַנדע פון די רוסישע באָלשעוויקעס? אָט, ווען די הערן קאַפּיטאַליסטן וואָלטן זיך קאָנען ווי עס איז „אָפּגרענעצן“ פון עקאָנאָמישן

קריזיס, פון דער אָרעמקייט בײַ די מאַסן, פון דער אַרבעטסלאָזיקייט, פון דעם נידעריקן אַרבעטסלוין, פון עקספּלואַטירן די אַרבעטנדיקע, — דעמאָלט איז אַן אַנדער זאַך, דעמאָלט וואָלט ניט געווען בײַ זיי אויך קיין באָלשעוויסטישע באַוועגונג. אָבער אין דעם גייט עס דאָך, וואָס יעדער מענואַוול זוכט צו באַרעכטיקן זיין שוואַכקייט, אָדער זיין אומפעאיקייט דערמיט, וואָס ער באַרופט זיך אַף דער פּראָפּאַגאַנדע פון די רוסישע באָלשעוויקעס.

מע זאָגט ווייטער, אַז דער שטיין אַפן וועג איז אונזער סאָוועטישער רעזשים, די קאָלעקטיוויזאַציע, דער קאַמף קעגן באַלעגופנטום, די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, דער קאַמף קעגן די שעדיקער און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן צווישן „וויסנשאַפטס־לייט", דאָס פאַרטרייבן די בעסעראָווסקיס, די דמיטריעווסקיס א.ד.גל. אָבער דאָס ווערט שוין גאָר קוריעז. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי געפעלט ניט דער ראַטן־רעזשים. אָבער אונז געפעלט ניט אויך דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן). אונז געפעלט ניט, וואָס צענדליקער מיליאָנען אַרבעטסלאָזע זיינען געצוואונגען בײַ זיי צו הונגערן און פאַראָרעמט צו ווערן, בעת ווי אַ קליין הייפעלע קאַפּיטאַליסטן באַזיצט מיליאַרדישע רייכטומער. אָבער קוים האָבן מיר שוין מאַסקים געווען זיך ניט אַריינמישן אין די אינערלעכע איניאָנים פון אַנדערע לענדער, איז דען ניט קלאָר, אַז עס איז ניט קעדאַי זיך אומקערן צו דערדאָזיקער פראַגע? קאָלעקטיוויזאַציע, קאַמף קעגן באַלעגופנטום, קאַמף קעגן שעדיקער. אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע א.ד.גל. זיינען דאָס ניט אָפּנעמבאַרע רעכט פון די אַרבעטער און פויערים פון פסס"ר, וואָס איז פאַרפיקסירט אין אונזער קאָנסטיטוציע. די קאָנסטיטוציע פון פסס"ר האַרפן מיר און מיר וועלן אויספילן מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענטקייט. פאַרשטייט זיך, אַז ווער עס וויל זיך ניט רעכענען מיט אונזער קאָנסטיטוציע קאָן זיך גיין ווייטער אַף אַלע פיר זייטן. וואָס

אין שאַיעד די בעסעדאָוועסקיס, די דמיטריעווסקיס א.אַ.וו., וועלן מיר אויך ווייטער אַרויסוואַרפן אַזעלכע מענטשן, ווי בראַקירטע סכוירע, וואָס טויג ניט און וואָס איז שעדלער פאַר דער רעוואָלוציע. זאָלן זיך גרויסן מיט זיי יענע, וועלכע האָבן באַזונדערע סימפּאַטיעס צו אָפּפאַל (געלעכטער).

די מילשטייגער פון אונזער רעוואָלוציע אַרבעטן גוט. זיי געמען אַלץ, וואָס עס טויג, און גיבן עס אָפּ די ראַטן, און דעם אָפּפאַל שליידערן זיי אַרויס. מע זאָגט, אַז אין פראַנקרייך צווישן די פּאַריזער בורזשואַ איז דאָ אַ גרויסער נאָכפרעג אַף דעראָזיקער בראַקירטער סכוירע, איז זאָלן זיי זי אימפּאָרטירן צו געזונט. עמעס, דאָס וועט עטוואָס באַלעסטיקן די אימפּאָרט-אַרטיקלען פון פראַנקרייכס האַנדלס-באַלאַנס, קעגן וואָס עס פּראָטעסטירן שטענדיק די הערן בורזשואַ. אָבער דאָס איז שוין זייער זאַך. איז לאָמיר זיך ניט אַריינמישן אין די אינערלעכע איניאָנים פון פראַנקרייך (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן).

אַזוי האַלט עס מיט די „שטערונגען“, וועלכע לאָזן ניט אײַנשטעלן „נאָרמאַלע“ באַציאונגען מיט אַנדערע לענדער.

עס באַקומט זיך, אַז די דאָזיקע „שטערונגען“ זײַנען קלוימערשטע „שטערונגען“, וועלכע זײַנען געלאָזט אין גאַנג, קעדיי צו האָבן אַ מאָטיוו פאַר אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע.

אונזער פּאָליטיק איז די פּאָליטיק פון שאָלעם און פון פאַרשטאַרקן די האַנדלס-פאַרבינדונגען מיט אַנדערע לענדער. דער רעזולטאַט פון דעראָזיקער פּאָליטיק איז די פאַרבעסערונג פון די באַציאונגען מיט אַ ריי לענדער און דאָס שליסן אַ ריי אָפּמאַכן וועגן האַנדל, טעכנישער הילף א.אַ.וו. איר רעזולטאַט איז אויך די פאַרייניקונג פון ססס"ר צום קעלאָג-פּאַקט, דאָס אונטערשרייבן דעם געוויסן פּראָטאָקאָל לויט דער ליניע פונם קעלאָג-פּאַקט מיט פּוילן, רומעניע, ליטע א.אַ.וו., דאָס אונטערשרייבן דעם פּראָטאָ־

קאָל וועגן פאַרלענגערן דעם אָפּמאַך מיט טערקיי וועגן פרייַנטשאַפט און נייטראַליטעט. צוליעצט איז דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער פּאָליטיק דער פאַקט, וואָס אונז איז געלונגען צו פאַרהיטן דעם שאָלעם, ניט לאָזנדיק די סאָנים אַרייַנציען אונז אין קאָנפליקטן, ניט געקוקט אַף אַ רײ פּראָוואָצירנדיקע אַקטן און אַוואַנטיוריסטישע אָנפאַלן פון די מילכאָמע־אונטערצינדער. דידאָזיקע שאָלעם־פּאָליטיק וועלן מיר פירן אויך ווייטער מיט אַלע קרעפטן, מיט אַלע מיטלען. קיין איין טראָט פרעמדע ערד ווילן מיר ניט. אָבער אויך אונזער ערד, קיין איין ווערשאָק פון אונזער ערד וועלן מיר קיינעם ניט אָפּגעבן. (אַפּלאָדיסמענטן).

דאָס איז אונזער אויסערלעכע פּאָליטיק.

די אויפגאַבע באַשטייט אין דורכפירן אויך ווייטער די־דאָזיקע פּאָליטיק מיט דער גאַנצער ענערגיע, וואָס איז אייגנשאַפטלעך פאַר באָלשעוויקעס.

## II. דער וואַקסנדיקער אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג און די אינערלעכע לאַגע פון פסס״ר

מיר גייען אַריבער צו דער אינערלעכער לאַגע פון פסס״ר.

אין קעגנזאַץ צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו עס הערשט איצט דער עקאָנאָמישער קריזיס און די וואַקסנדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, שטעלט פאָר מיט זיך די אינערלעכע לאַגע פון אונזער לאַנד אַ בילד פון וואַקסנדיקן אויפשטייג פון דער פאָלקסווירטשאַפט און פון פּראָגרעסיווער פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט. עס איז אויסגעוואַקסן און האָט פאַרשנעלערט די טעמפּן פון איר אַנטוויקלונג די גרויסע אינדוסטריע. עס האָט זיך פאַרפעסטיקט די שווערע אינדוסטריע. דער סאָ־

ציאַליסטישער סעקטאָר פון דער אינדוסטריע האָט זיך אַ רוק געטאָן ווייט פאָרויס. עס איז אויסגעוואַקסן אַ נייע קראַפט אין דער לאַנדווירטשאַפט — די ראַטווירטן און די קאָלווירטן. אויב מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר געהאַט אַ קריזיס פון דער טוואָרע-פּראָדוקציע און זיך געשטיצט אין אונדזער ברויט-פאַרגרייטונגס-אַרבעט דעריקער אויף דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, האָט זיך איצט דער שווערפּונקט איבערגערוקט אויף די קאָלווירטן און ראַט-ווירטן, און דעם טוואָרע-קריזיס קאָן מען רעכענען אין גרונט פאַר געלייזט. די גרונט-מאַסן פויערטום האָבן ענד-גילטיק אַ קערעווע געטאָן צו די קאָלווירטן. דער ווידערשטאַנד פונם באַלעגופנטום איז אָפּגעשלאָגן. די אינערלעכע לאַגע פון פסס"ר האָט זיך נאָך מער פאַרפעסטיקט.

דאָס איז דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער אינערלעכער לאַגע פון פסס"ר אינעם געגעבענעם מאָמענט.

לאָמיר באַטראַכטן די קאָנקרעטע אָנגאַבן.

## 1. דער וואוקס פון דער פאלקסווירטשאפט אינגאנצן גענומען

א) אויב אין 1926—1927 יאָר, ד. ה. צום 15-טן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר, האָבן מיר אין דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפט, איינגעשלאָסן די וואַלד-ווירטשאַפט, דעם פישפאַנג א.אַ.וו., געהאַט אַ ברוטאָ-פּראָדוקציע אין פאַרמילכאָמע-רובלס אויף אַ סומע פון 12.370 מיליאָן רובל, ד. ה. 106,6 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמעדיקן ניוואָ, איז אין פאָלגנדיקן יאָר, ד. ה. אין 1927—1928 יאָר, האָבן מיר געהאַט 107,2 פּראָצ. אין 1928—1929 יאָר — 109,1 פּראָצ., און אין לויפנדיקן 1929—1930 יאָר, אורטיילנדיק לויטן אַנטוויקלונגס-גאַנג פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלן מיר האָבן ניט ווייניקער פון 113—114 פּראָצ. פונם פאַר-מילכאָמעדיקן ניוואָ.

מיר האָבן דאָ אַ קעסיידערדיקן, האַגאַם פאַרהעלטניסמעסיק לאַנגזאַמען וואוקס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פראָדוקציע אינגאַנצן גענומען.

אויב אין 1926—1927 יאָר, ד. ה. צום 15־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָבן מיר געהאַט אין דער גאַנצער אינדוסטריע, סײַ אין דער קלייניער, סײַ אין דער גרויסער, רעכענענדיק אויך די מעל־אינדוסטריע, אַ ברוטאָ־פראָדוקציע אין פאַרמילכאָמעדיקע רובלס אַף אַ סומע פון 8641 מילאָן רובל, ד. ה. 102,5 פראָצ. פונם פאַרמילכאָמעדיקן ניוואָ, איז אין פאָלגנדיקן יאָר, ד. ה. אין יאָר 1927—1928, האָבן מיר געהאַט 122 פראָצ., אין 1928—1929 יאָר — 142,5 פראָצ. און אין לויפנדיקן, 1929—1930 יאָר, אורטיילנדיק לויטן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער אינדוסטריע, וועלן מיר האָבן ניט ווייניקער פון 180 פראָצ. פונם פאַרמילכאָמעדיקן ניוואָ.

מיר האָבן דאָ אַן אומגעווײַנלעך שנעלן וואוקס פון דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע אינגאַנצן גענומען.

ב) אויב אין 1926—1927 יאָר, ד. ה. צום 15־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָבן מיר געהאַט אַ פראַכט־אומזאַץ איבער אונזער גאַנצער אײַזנבאַן־נעץ 81,7 מיליאַרד טאָן־קילאָמעטער, ד. ה. 127 פראָצ. פונם פאַרמילכאָמעדיקן ניוואָ, איז אין צווייטן, ד. ה. אין 1927—1928 יאָר, האָבן מיר געהאַט 134,2 פראָצ., אין 1928—1929 יאָר — 162,4 פראָצ. און אין לויפנדיקן 1929—1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן ניט ווייניקער פון 193 פראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ. וואָס איז שייך די נײַע אײַזנבאַן־בוּאונג, ווערט פאַרן באַריכט־פעריאָד, ד. ה. רעכענענדיק פון 1927—1928 יאָר די אײַזנבאַן־נעץ פאַרגרעסערט פון 76 טויזנט קילאָמעטער ביז 80 טויזנט קילאָמעטער, וואָס באַטרעפט 136,7 פראָצ. פונם פאַרמלכאָמע־ניוואָ.

ג) אויב מע זאָל דעם צושטאַנד פונם האַנדלס־פאַרמיטלערישן אומזאַץ אין לאַנד אין 1926—1927 יאָר

אָנעמען פאַר 100 (31 מילאַרד רובל), קומט אויס, אַז פאַרן 1927—1928 יאָר זיינען די אומזאַץ־מאָסשטאַבן אויסגעוואַקסן ביז 124,6 פראָצ., אין 1928—1929 יאָר — ביז 160,4 פראָצ. און אין לויפנדיקן 1929—1930 יאָר, אורטיילנדיק לויט אַלע אָנגאַבן, וועלן די אומזאַץ־מאָסשטאַבן באַטרעפן 202 פראָצ., ד. ה. זיי וועלן פאַרדאָפּלט ווערן אין פאַרגלייך מיטן 1926—1927 יאָר.

ד) אויב מע זאָל די געמיינזאַמע באַלאַנסן פון אַלע אונזערע קרעדיט־אַנשטאַלטן אויפן 1־טן אָקטיאַבר 1927 יאָר אָנעמען פאַר 100 (9173 מיליאָן רובל) קומט אויס, אַז אויפן 1־טן אָקטיאַבר 1928 יאָר האָבן מיר געהאַט אַ וואוקס ביז 141 פראָצ. און אויפן 1־טן אָקטיאַבר 1929 — 201,1 פראָצ. ד. ה. אַ פאַרדאָפּלונג אין פאַרגלייך מיטן 1927 יאָר.

ה) אויב מע זאָל דעם אַלגעמיינעם מעלוכישן ביודזשעט אויפן 1926—1927 יאָר אָנעמען פאַר 100 (6371 מיליאָן רובל) קומט אויס, אַז אין 1927—1928 יאָר האָבן מיר אַ וואוקס פונם מעלוכישן ביודזשעט ביז 125,5 פראָצ., אין 1928—1929 יאָר — ביז 146,7 פראָצ. און אין 1929—1930 יאָר — ביז 204,4 פראָצ., ד. ה. אַ פאַרדאָפּלונג אין פאַרגלייך מיטן ביודזשעט פונם 1926—1927 יאָר (12.605 מיליאָן רובל).

ו) אויב אונזער אויסערלעכער האַנדלס־אומזאַץ (עקספּאָרט־אימפּאָרט) האָט באַטראָפן אין 1926—1927 יאָר 47,9 פראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ, איז אין 1927—1928 יאָר האָבן מיר אַ וואוקס פונם אויסערלעכן האַנדלס־אומזאַץ ביז 56,8 פראָצ., אין 1928—1929 יאָר — ביז 67,9 פראָצ. און אין 1929—1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן ניט ווייניקער ווי 80 פראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ.

ז) אין סאַכאַקל האָבן מיר אַזאַ בילד פון וואוקס פון דער גאַנצער פאָלקס־האַכנאָסע פאַרן באַריכט־פּעריאָ־

(אין אומגעענדערטע פרייזן פונם 1926—1927 יאָר): אין 1926—1927 יאָר האָט די פאָלקס־האַכנאָסע לויט די אָנגאַבן פונם מעלוכע־פּלאַן באַטראָפן 23.127 מיליאָן רובל; אין 1927—1928 יאָר — 25.396 מיליאָן רובל — אַ צוואוקס אַף 9,8 פּראָצ.; אין 1928—1929 יאָר — 28.596 מיליאָן רובל — אַ צוואוואוקס אַף 12,6 פּראָצ.; אין 1929—1930 יאָר דאַרף די פאָלקס־האַכנאָסע, אורטיילנדיק לויט אַלע אָנגאַבן, באַטרעפן ניט ווייניקער פון 34 מיליאַרד רובל, ד. ה. אַ צוואוואוקס פאַרן יאָר אַף 20 פּראָצ. דער דורכשניטלעכער יאָר־צוואוואוקס פאַר די דריי באַריכט־יאָרן באַטרעפט אַזוי אַרום העכער 15 פּראָצ.

אויב מע זאָל נעמען אין אַכט, אַז דער דורכשניטלעכער יאָר־צוואוואוקס פון דער פאָלקס־האַכנאָסע אין אַזעלכע לענדער, ווי די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, דייטשלאַנד באַטרעפט ניט מער — ווי 3—8 פּראָצ., דאַרף מען אָנערקענען, אַז דער וואוקס־טעמפּ פון דער פאָלקס־האַכנאָסע אין פסס"ר איז בעעמעס אַ רעקאָרדנער.

## 2. די ערפאָלגן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע

דער וואוקס פון דער פאָלקסווירטשאַפט גייט בײַ אונז ניט סטיכיש, נאָר אין אַ באַשטימטער ריכטונג, דהאַינע, אין דער ריכטונג פון אינדוסטריאַליזאַציע, אונטערן צייכן פון אינדוסטריאַליזאַציע, אונטערן צייכן פון וואוקס פונם ספּעציפישן געוויכט פון דער אינדוסטריע אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון דער פאָלקסווירטשאַפט, אונטערן צייכן פון פאַרוואַנדלען אונזער לאַנד פון אַן אַגראַר־לאַנד אין אַ אינדוסטריעל לאַנד.

א) די דינאַמיק פון דער פאַרהעלטעניש צווישן דער אינדוסטריע אײַנגאַנצן גענומען און דער לאַנדווירטשאַפט אײַנגאַנצן גענומען, פונם שטאַנדפּונקט פונם ספּעציפישן געוויכט פון דער אינדוסטריע אין דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער

גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט, איז פאַרן באַריכט־פעריאָד געווען אַזאַ: אין דער פאַרמילכאָמע־צייט האָט דער כיילעק פון דער אינדוסטריע אין דער ברוטאָ־פראָדוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט באַטראָפן 42,1 פראָצ., דער כיילעק פון דער לאַנדווירטשאַפט — 57,9 פראָצ.; אין 1927—1928 יאָר באַטרעפט דער כיילעק פון דער אינדוסטריע — 45,2 פראָצ., פון דער לאַנדווירטשאַפט — 54,8 פראָצ.; אין 1928—1929 יאָר איז דער כיילעק פון דער אינדוסטריע 48,7 פראָצ., פון דער לאַנדווירטשאַפט — 51,3 פראָצ.; אין 1929—1930 יאָר דאַרף דער כיילעק פון דער אינדוסטריע לויט אַלע אָנגאַבן באַטרעפן ניט ווייניקער פון 53 פראָצ., און דער כיילעק פון דער לאַנדווירטשאַפט ניט מער פון 47 פראָצ.

דאָס באַטייט, אַז דער ספעציפישער געוויכט פון דער אינדוסטריע הויבט שוין אָן פרעוואַלירן איבערן ספעציפישן געוויכט פון דער לאַנדווירטשאַפט און מיר געפינען זיך ערעוו דער פאַרוואַנדלונג פון אַן אַגראַר־לאַנד אין אַ אינדוסטריעל לאַנד (אַפלאָדיסמענטן).

ב) נאָך אַ מער בולטער איבערוואָג באַקומט זיך לעטווי־וועם דער אינדוסטריע פונעם שטאַנדפונקט פון איר ספעציפישן געוויכט אין דער סכוירישער פראָדוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט. אויב אין 1926—1927 יאָר האָט דער כיילעק סכוירישע פראָדוקציע פון דער אינדוסטריע אינם אַלגעמיינעם באַלאַנס סכוירישע פראָדוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט באַטראָפן 68,8 פראָצ., און דער כיילעק סכוירישע פראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט — 31,2 פראָצ., האָבן מיר אין 1927—1928 יאָר געהאַט פאַר דער אינדוסטריע 71,2 פראָצ., פאַר דער לאַנדווירטשאַפט — 28,8 פראָצ.; אין 1928—1929 יאָר: פאַר דער אינדוסטריע — 72,4 פראָצ., פאַר דער לאַנדווירטשאַפט — 27,6 פר.; און פאַרן 1929—1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן

האָבן פאַר דער אינדוסטריע 76 פראָצ. און פאַר דער לאַנדווירטשאַפט — 24 פראָצ.

אין דער דאָזיקער באַזונדערס גינסטיקער לאַגע פון דער לאַנדווירטשאַפט שפירט זיך צווישן אַנדערס דער קליינפויערישער און ווייניק סכוירישער כאַראַקטער פון דער לאַנדווירטשאַפט. דערביי, פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע לאַגע וועט זיך דאַרפן אין אַ געוויסער מאָס ענדערן, אַף וויפל עס וועט זיך גרעסערן די לאַנדווירטשאַפט לויט דער ליניע פון די ראַטווירטן און קאָלווירטן, אַף וויפל עס וועט זיך גרעסערן איר סכוירישקייט.

ג) אָבער די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע ביכלאַל גיט נאָך ניט דאָס פולע בילד פונם אינדוסטריאַליזאַציע־טעמפ. קעדיי צו קריגן אַ פול בילד דאַרף מען נאָך איינשטעלן די דינאַמיק פון דער פאַרהעלטעניש צווישן דער שווערער און לייכטער אינדוסטריע. דעריבער דאַרף מען אלס סאַמע בוילעטן צייגער אָפן וואוקס פון דער אינדוסטריאַליזאַציע האַלטן דעם שטייגנדיקן וואוקס פונם ספעציפישן געוויכט פון דער פראַדוקציע, וואָס אַרבעט אויס געצייג און מיטלען פון פראַדוקציע (די שווערע אינדוסטריע) אין דער אַלגעמיינער פראַדוקציע פון דער אינדוסטריע. אויב אין 1927—28 יאָר האָט דער כיילעק פראַדוקציע פון געצייג און פראָדוציר־מיטלען אין דער אַלגעמיינער פראָדוקציע פון דער גאַנצער אינדוסטריע באַטראָפן 27,2 פראָצ. און דער כיילעק פראָדוקציע פון זאַכן פאַרן ברייטן געברויך — 72,8 פראָצ., גיט אין 1928—1929 יאָר דער כיילעק פראָדוקציע פון פראַדוציר־געצייג און פראַדוציר־מיטלען 28,7 פראָצ. קעגן 71,3 און אין 1929—1930 יאָר וועט דער כיילעק פראַדוקציע פון פראַדוציר־געצייג און פראַדוציר־מיטלען לויט אַלע אָנגאַבן שוין באַטרעפן 32,7 פראָצ. קעגן 67,3 פראָצ.

אויב מע זאָל אָבער נעמען ניט די גאַנצע אינדוסטריע. נאָר בלויז די פלאַנירטע פונם העכסטן פאָלקסווירטשאַפטס־

ראַט, וועלכע כאַפּט אַרום אַלע גרונט־צווייגן פון דער אינדוסטריע, איז דאָ די פאַרהעלטעניש צווישן דער פּראָדוקציע פון פּראָדוציר־געצייג און פּראָדוציר־מיטלען און דער פּראָדוקציע פון זאַכן פאַר ברייטן געברויך נאָך מער אַ גינסטיקע: אין 1927—1928 יאָר האָט דער כיילעק פּראָדוקציע פון פּראָדוציר־געצייג און פּראָדוציר־מיטלען באַטראָפן 42,7 פּראָצ. קעגן 57,3 פּראָצ.; אין 1928—1929 יאָר — 44,6 פּראָצ. קעגן 55,4 פּראָצ., אין 1929—1930 יאָר וועט ער לויט אַלע אָנגאַבן באַטרעפן ניט וויניקער פון 48 פּראָצ. קעגן 52 פּראָצ. פּראָדוקציע פון זאַכן פאַר ברייטן געברויך.

די אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלקסווירטשאַפט גייט אונטערן צייכן פון אינדוסטריאַליזאַציע, אונטערן צייכן פון פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען אונזער אייגענע שווערע אינדוסטריע.

דאָס באַטייט, אַז מיר האָבן שוין אויפגעהויבן און מיר אַנטוויקלען ווייטער דעם יעסאָד פון אונזער עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט, אונזער שווערע אינדוסטריע.

## 3. די קאָמאַנדיר־לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און דער טעמפּ פון איר וואוקס

די אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלקסווירטשאַפט גייט אונטערן צייכן פון אינדוסטריאַליזאַציע. אָבער מיר דאַרפן ניט יעדע אינדוסטריאַליזאַציע. מיר דאַרפן אַזאַ אינדוסטריאַליזאַציע, וועלכע זיכערט דעם וואַקסנדיקן איבערוואָג פון די סאָציאַליסטישע פאָרמען פון דער אינדוסטריע איבער די פאָרמען די קליין־סכוירישע און אַוואַדע שוין קאַפּיטאַליסטישע. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונזער אינדוסטריאַליזאַציע באַשטייט אין דעם, וואָס זי

איז אַ אינדוסטריאַליזאַציע א סאָציאַליסטישע, אַ אינדוסטריאַליזאַציע, וועלכע זיכערט דעם ניצאָכן פונם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר פון דער אינדוסטריע איבער דעם פריוואַט־ווירטשאַפטלעכן סעקטאָר, איבער דעם קליין־סכוירישן און קאַפיטאַליסטישן סעקטאָר.

אָט זייַנען אייניקע אָנגאַבן וועגן דעם וואוקס פון די קאַפיטאַלע אינוועסטיציעס און דער ברוטאָ־פראָדוקציע לויט די סעקטאָרן.

א) אויב מע זאָל נעמען דעם וואוקס פון די קאַפיטאַלע אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטריע לויט די סעקטאָרן, באַקומען מיר אַזאַ בילד. דער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער סעקטאָר: אין 1926—1927 יאָר — 1270 מיליאָן רובל; אין 1927—1928 יאָר — 1614 מיליאָן רובל; אין 1928—1929 יאָר — 2046 מיליאָן רובל; אין 1929—1930 יאָר — 4275 מיליאָן רובל. דער פריוואַט־ווירטשאַפטלעכער און קאַפיטאַליסטישער סעקטאָר: אין 1926—1927 יאָר — 63 מיליאָן רובל, אין 1927—1928 יאָר — 64 מיליאָן רובל, אין 1928—1929 יאָר — 56 מיליאָן רובל, אין 1929—1930 יאָר — 51 מיליאָן רובל.

דאָס הייסט, ערשטנס, אַז די קאַפיטאַלע אינוועסטיציעס אינעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר פון דער אינדוסטריע זייַנען אויסגעוואַקסן פאַר דערדאָזיקער צייט מער ווי אין דריי מאָל (335 פראָצ.).

דאָס הייסט, צווייטנס, אַז די קאַפיטאַלע אינוועסטיציעס פונם פריוואַט־ווירטשאַפטלעכן און קאַפיטאַליסטישן סעקטאָר זייַנען געפאַלן פאַר דערדאָזיקער צייט אַף איין פינפטל (81 פראָצ.).

דער פריוואַט־ווירטשאַפטלעכער און קאַפיטאַליסטישער סעקטאָר לעבט אַפן כעשבן פונם אַלטן קאַפיטאַל און גייט צו זייַן אונטערגאַנג.

ב) אויב מע זאָל נעמען דעם וואוקס פון דער ברוטאָ־פראָדוקציע פון דער אינדוסטריע לויט די סעקטאָרן, באַ־

קומען מיר אַזאַ בילד. דער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער סעקטאָר: אין 1926—1927 יאָר — 11.999 מיליאָן רובל, אין 1927—1928 — 15.389 מיליאָן רובל, אין 1928—1929 יאָר — 18.903 מיליאָן רובל, אין 1929—1930 יאָר — 24.740 מיליאָן רובל. דער פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכער און קאַפּיטאַליסטישער סעקטאָר: אין 1926—1927 יאָר — 4.043 מיליאָן רובל, אין 1927—1928 יאָר—3704 מיליאָן רובל, אין 1928—1929 יאָר — 3389 מיליאָן רובל, אין 1929—1930 יאָר — 3310 מיליאָן ר.

דאָס הייסט, ערשטנס, אַז די ברוטאָ־פּראָדוקציע אינם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר פון דער אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסן פאַר די דריי יאָר מער ווי דאָפּלט (206,2%).

דאָס הייסט, צווייטנס, אַז די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע אינם פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכן און קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר איז געפאַלן פאַר דעמזעלבן פּעריאָד קימאַט אַף איין פינפטל (18,9 פּראָצ.).

אויב מע זאָל ווידער נעמען די פּראָדוקציע ניט פון דער גאַנצער אינדוסטריע, נאָר בלויז פון דער גרויסער (צענזאָווער) אינדוסטריע און באַטראַכטן זי לויט די סעקטאָרן, באַקומען מיר אַזאַ בילד פון די פאַרהעלטענישן צווישן דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן און פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכן סעקטאָרן. דער ספּעציפישער געוויכט פונם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר אין דער פּראָדוקציע פון דער גרויסער אינדוסטריע פונם לאַנד: אין 1926—1927 יאָר— 97,7 פּראָצ., אין 1927—1928 יאָר — 98,6 פּראָצ., אין 1928—1929 יאָר — 99,1 פּראָצ., אין 1929—1930 יאָר — 99,3 פּראָצ. דער ספּעציפישער געוויכט פונם פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכן סעקטאָר אין דער פּראָדוקציע פון דער גרויסער אינדוסטריע פונם לאַנד: 1926—1927 יאָר — 2,3 פּראָצ., אין 1927—1928 יאָר — 1,4 פּראָצ., אין 1928—1929 יאָר —0,9 פּראָצ., אין 1929—1930 יאָר — 0,7 פּראָצענט.

ווי איר זעט, זײַנען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון דער גרויסער אינדוסטריע שוין אַוועק צו גרונט.

עס איז קלאָר, אַז די פראַגע „ווער—ווועמען“, די פראַגע וועגן דעם, צי דער סאָציאַליזם וועט באַזיגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער אינדוסטריע, אָדער זיי וועלן באַזיגן דעם סאָציאַליזם, איז שוין געלייזט אין גרונט לעטוווועס די סאָציאַליסטישע פאָרמען פון דער אינדוסטריע. געלייזט ענדגילטיק און פעסט.

ג) באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען די אָנגאַבן פאַרן באַריכט-פעריאָד וועגן דעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער מעלוכישער אינדוסטריע, וואָס דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט פלאַנירט. אויב מע זאָל די ברוטאָ-פּראָדוקציע פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, וואָס דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט פלאַנירט, אָננעמען אין 1926—1927 יאָר פאַר 100, קומט אויס, אַז אין 1927—1928 יאָר איז די ברוטאָ-פּראָדוקציע פון דער דאָזיקער אינדוסטריע אויסגעוואַקסן ביז 127,4 פראָצ., אין 1928—1929 יאָר — ביז 158,6 פראָצ., און אין 1929—1930 יאָר וואַקסט זי אויס ביז 209,8 פראָצענט.

דאָס הייסט, אַז די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, וואָס דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקס-ווירטשאַפט פלאַנירט, וועלכע כאַפּט אַרום אַלע גרונט-צווייגן פון דער אינדוסטריע און די גאַנצע שווערע אינדוסטריע, האָט זיך דערשלאָגן פאַר דרײַ יאָר מער ווי אַ פאַרדאָפּלונג.

מע מוז אָנערקענען, אַז קיין איין לאַנד אין דער וועלט ווייס ניט פון אַזעלכע ווילד-שנעלע אַנטוויקלונגס-טעמפּן פון איר גרויסער אינדוסטריע.

דער דאָזיקער אומשטאַנד גיט אונז מאַקע דעם גרונט צו ריידן וועגן דעם פינפיאָר אין פיר יאָר.

ד) אייניקע באַווײַרים קוקן סקעפּטיש אַפן לאָזונג „דעם פינפיאר אין פיר יאר“. ערשט נאָך גאָר ניט לאַנג האָט איין טייל באַווײַרים אָפּגעשאַצט אונזער פינפיאָר,

וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אַפן 5-טן ראַטן־צוזאַמענפאָר, ווי פאַנטאַסטיק. איך רייד שוין ניט וועגן די בורזשואַזע שרייבער, בײַ וועלכע די אויגן קריכן אַרויס אַפן שטערן בלויז פונם וואָרט אַליין „פינפיאָר". און וואָס האָבן מיר ווירקלעך, אויב מע זאָל באַטראַכטן דעם פינפיאָר פונם שטאַנדפונקט פון זיין פאַרווירקלעכונג פאַר די ערשטע צוויי יאָר? וועגן וואָס זאָגט דער קאָנטראָל פונם אויספילן דעם פינפיאָר אין זיין אָפטימאַלן וואַריאַנט? ער זאָגט ניט נאָר וועגן דעם, אַז מיר קאָנען אויספילן דעם פינפיאָר אין פיר יאָר.

ער זאָגט נאָך וועגן דעם, אַז מיר קאָנען אים אויספילן אין אַ גאַנצער ריי אינדוסטריע-צווייגן אין דריי און אַפילע אין דריטהאַלבן יאָר. די סקעפטיקער פונם אָפאָרטוניסטישן לאַגער קאָן זיך אויסווייזן, אַז דאָס איז אומגלויבלעך. אָבער דאָס איז אַ פאַקט, וואָס באַשטרייטן אים וואָלט געווען נאַריש און קאָמיש.

אורטיילט אַליין.

לויטן פינפיאָר האָט די נאַפט-אינדוסטריע באַדאַרפט געבן אין 1932—1933 יאָר פראָדוקטן אַף 977 מיליאָן רובל. און פאַקטיש גיט זי שוין אין 1929—1930 יאָר פראָדוקציע אַף 809 מיליאָן רובל, ד. ה. 83 פראָצ. פון דער פראָדוקציע, וואָס איז אָנגעמערקט אינם פינפיאָר פאַרן 1932—1933 יאָר. הייסט עס, אַז מיר פילן אויס דעם פינפיאָריקן פלאַן פון דער נאַפט-אינדוסטריע אין אַ וועלכע דריטהאַלבן יאָר.

אין דער טאָרף-אינדוסטריע האָבן מיר באַדאַרפט באַקומען לויטן פינפיאָר אין 1932—1933 יאָר פראָדוקטן אַף 122 מיליאָן רובל. און פאַקטיש גיט זי שוין אין 1929—1930 יאָר פראָדוקטן אַף העכער 115 מיליאָן רובל. ד. ה. 96 פראָצ. פון דער פראָדוקציע, וואָס איז אָנגעמערקט אינם פינפיאָר פאַרן 1932—1933 יאָר. הייסט עס, אַז

מיר פילן אויס דעם פינפיאָריקן פּלאַן פון דער טאָרף־אינדוסטריע אין דריטהאַלבן יאָר, אויב ניט פריער.

לויטן פינפיאָר האָט די אַלגעמיינע מאַשינבויאונג באַדאַרפט געבן אין 1932—1933 יאָר פּראָדוקטן אַף 2058 מיליאָן רובל. און פאַקטיש גיט זי שוין אין 1929—1930 יאָר פּראָדוקטן אַף 1458 מיליאָן רובל, ד. ה. 70 פּראָצ. פון דער פּראָדוקציע, וואָס דער פינפיאָר האָט אָנגעמערקט פאַרן 1932—1933 יאָר. הייסט עס, אַז מיר פילן אויס דעם פינפיאָריקן פּלאַן פון אַלגעמיינער מאַשין־בויאונג אין דריטהאַלבן־דריי יאָר.

לויטן פינפיאָר האָט די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינבויאונג באַדאַרפט געבן אין 1932—1933 יאָר פּראָדוקטן אַף 610 מיליאָן רובל. און פאַקטיש גיט זי שוין אין 1929—1930 יאָר פּראָדוקטן אַף 400 מיליאָן רובל, ד. ה. העכער 60 פּראָצ. פון דער פּראָדוקציע, וואָס דער פינפיאָר האָט אָנגעמערקט פאַרן 1932—1933 יאָר. הייסט עס, אַז מיר פילן אויס דעם פינפיאָריקן פּלאַן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינבויאונג אין דריי יאָר, אויב ניט פריער.

לויטן פינפיאָר האָט די עלעקטראטעכנישע אינדוסטריע באַדאַרפט געבן אין 1932—1933 יאָר פּראָדוקציע אַף 896 מיליאָן רובל. און פאַקטיש גיט זי שוין אין 1929—1930 יאָר פּראָדוקציע אַף 503 מיליאָן רובל, ד. ה. העכער 56 פּראָצ. פון דער פּראָדוקציע, וואָס דער פינפיאָר האָט אָנגעמערקט פאַרן 1932—1933 יאָר. הייסט עס, אַז מיר פילן אויס דעם פינפיאָריקן פּלאַן פון דער עלעקטראָטעכנישער אינדוסטריע אין דריי יאָר.

אָט אַזויגע זיינען די אומגעווייניקלעכע אַנטוויקלונגס־טעמפּן פון אונזער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. מיר גייען פאָרויס מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּ, דעריאָגנדיק אין דער טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

ה) דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיי שוין דעריאָגט אינם זין פון דער גרויס פון דער פּראָדוקציע, אַז אונדזער אינדוסטריע האָט שוין דערגרייכט דעם ניוואָ פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ניין, דאָס הייסט עס נאָך ווייט ניט. דעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער אינדוסטריע און דעם אַנטוויקלונגס-ניוואָ פון דער אינדוסטריע טאָר מען ניט צונויפמישן איינעם מיטן צווייטן. באַ אונדז מישן דאָס אַ סאַך צונויף, רעכנענדיק, אַז אויב מיר האָבן זיך דערשלאָגן אומגעווינלעכע טעמפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, האָבן מיר שוין דערמיט גופא דערגרייכט דעם אַנטוויקלונגס-ניוואָ פון דער אינדוסטריע אין די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער דאָס איז אין גרונט ניט ריכטיק.

אויב מיר זאָלן נעמען, לעמאָשל, די פּראָדוקציע פון עלעקטראָ-ענערגיע, וואו מיר האָבן זייער הויכע טעמפּן. לויט דער פּראָדוקציע פון דער עלעקטרישער ענערגיע האָבן מיר זיך דערשלאָגן אַ פאַרגרעסערונג פונם 1924 יאָר ביזן 1929 יאָר קימאַט ביז 600 פּראָצ., בעת וואָס די צאָפן-אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון עלעקטראָ-ענערגיע פאַר דעמזעלבן פעריאָד ביז 181 פּראָצ., קאַנאַדע — ביז 218 פּראָצ., דייטשלאַנד — ביז 241 פּראָצ., איטאַליע — ביז 222 פּראָצ. ווי איר זעט, האָבן מיר דאָ אַ טעמפּ מאַמעש אַן אומגעווינלעכן, וואָס שטייגט אַריבער די טעמפּן פון אַלע אַנדערע מעלוכעס.

אויב אָבער מע זאָל נעמען דעם אַנטוויקלונגס-ניוואָ פון דער פּראָדוקציע פון עלעקטרישער ענערגיע אין די דאָזיקע לענדער, לעמאָשל, אין 1929 יאָר און פאַרגלייכן אים מיטן אַנטוויקלונגס-ניוואָ אין פסס"ר, וועט זיך פאַרן פסס"ר באַקומען ווייט ניט קיין פריילעך בילד. ניט געקוקט אַפן אומגעווינלעכן אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער פּראָדוקציע פון עלעקטראָ-ענערגיע, האָט די פּראָדוקציע פון עלעקטראָ-

ענערגיע אין פסס"ר אין 1929 יאָר באַטראָפן בלויז 6.465 מיליאָן קילאָוואַט־שאָ, בעאיים די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן האָבן געהאַט 126.000 מיליאָן קילאָוואַט־שאָ, קאַנאַדע האָט געהאַט 17.628 מיליאָן קילאָוו.־שאָ, דייטשלאַנד — 33.000 מיליאָן קילאָוואַט־שאָ, איטאַליע — 10.850 מילאָן קילאָוואַט־שאָ.

דער כילעק, ווי איר זעט, איז אַ קאָלסאַלער.

עס קומט אויס, אַז לויטן אַנטוויקלונגס־ניוואָ שטייען מיר הינטער דידאָזיקע אַלע מעלוכעס.

אָדער לאָמיר נעמען, לעמאָשל, די טשוהון־פראָדוקציע באַ אונז. אויב מע זאָל אָננעמען די פראָדוקציע פון טשוהון פאַרן 1926—1927 יאָר פאַר 100 (2,9 מיליאָן טאָן), איז פאַר דידאָזיקע דריי יאָר, ד. ה. פון 1927—1928 יאָר ביזן 1929—1930 יאָר ווערט די פראָדוקציע פון טשוהון באַ אונז פאַרגרעסערט קימאַט אין צוויי מאָל, דערגייענדיק ביז 190 פראָצ. (5,5 מיליאָן טאָן). דער אַנטוויקלונגס־טעמפּ איז, ווי איר זעט, אַ גאַנץ הויכער. אויב אָבער מע זאָל אַ קוק טאָן אַף דער זאַך פונם שטאַנדפונקט פונם אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער טשוהון־פראָדוקציע באַ אונז און פאַרגלייכן די גרויס פון דער טשוהון־פראָדוקציע אין פסס"ר מיט דער גרויס פון דער פראָדוקציע באַ די פאַרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, באַקומט זיך גאָר ניט קיין פריילעך בילד. אָנהויבן דערפון, אַז דעם פאַרמילכאָמעדיקן ניוואָ פון טשוהון־פראָדוקציע דערגרייכן מיר און וועלן אַריבערשטייגן ערשט אינם לויפנדיקן 1929—1930 יאָר. שוין דאָס אַליין צווינגט אונז צו קומען צו דעם אומדערבאַרעמדיקן אויספיר, אַז אָן דער ווייטערדיקער פאַרשנעלערונג פון די אַנטוויקלונגס־טעמפּן פון דער מעטאַלורגיע ריזיקירן מיר אַוועקצושטעלן אונטער אַ געפאַר דעם גורל פון אונזער גאַנצער אינדוסטריעלער פראָדוקציע. וואָס איז שייך דעם אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער טשוהון־אינדוסטריע באַ אונז און אין מאַירעוו, האָבן מיר

אזא בילד: די טשוהון־פראָדוקציע אין די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן האָט אין 1929 יאָר זיך אויסגעדריקט אין אַ ציפער 42,3 מיליאָן טאָן; אין דייטשלאַנד — 13,4 מיליאָן טאָן, אין פראַנקרייך — 10,45 מיליאָן טאָן, אין ענגלאַנד — 7,7 מיליאָן טאָן און אין פסס"ר וועט די טשוהון־פראָדוקציע אין סאָף 1929—1930 באַטרעפן סאַכאַקל 5,5 מיליאָן טאָן.

דער בילעק איז, ווי איר זעט, ניט קיין קליינער.

עס קומט אַזוי אַרום אויס, אַז לויטן אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער טשוהון־פראָדוקציע שטייען מיר הינטער די־ראָזיקע אַלע לענדער.

וואָס זאָגט דאָס אַלץ?

עס זאָגט, אַז:

1) מע טאָר ניט צונויפמישן דעם אַנטוויקלונגס־שטעמפּ פון דער אינדוסטריע מיט איר אַנטוויקלונגס־ניוואָ.

2) מיר זיינען שוידערלעך אָפּגעשטאַנען אינם זין פונם אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון אונזער אינדוסטריע פון די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

3) בלויז די ווייטערדיקע פארשנעלערונג פונם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון אונזער אינדוסטריע וועט אונז געבן די מעגלעכקייט צו דעריאָגן און אַריבעריאָגן אין טעכניש־עקאָנאָמישער הינזיכט די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

4) מענטשן, וועלכע פלאַפּלען וועגן דער נויטיקייט צו פאַרקלענערן דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון אונזער אינדוסטריע, זיינען שׂאָנים פונם סאָציאַליזם, אַגענטן פון אונזערע קלאַסן־פיינט (אַפּלאָדיסמענטן).

# 4. די לאַנדווירטשאַפט און די טוואָרע־פּראָבלעם

אויבן האָב איך גערעדט וועגן דעם צושטאַנד פון דער לאַנדווירטשאַפט אינגאַנצן גענומען, איינגעשלאָסן די וואַלדווירטשאַפט, דעם פישפאַנג א.אַ.וו. אָן דער פאַנאַ־

רערטיילונג פון דער לאַנדווירטשאַפט אַף אירע גרונט-צווייגן. אויב מע זאָל אויסטיילן פון דער לאַנדווירטשאַפט אינגאַנצן גענומען אירע גרונט-צווייגן, ווי, לעמאָשל, די טוואָרע-ווירטשאַפט, די פיצוכט און די טעכנישע קולטורן, איז די לאַגע, לויט די אָנגאַבן פונם מעלוכע-פּלאַן און פון פּאָלקאָמערד פון פסס"ר, אזא:

א) אויב מע זאָל אָנעמען די פּאַרזיי-שעטאַכן פון די ט"ואָרע-קולטורן אין 1913 יאָר פאַר 100, באַקומען מיר אַזאַ בילד פון דער באַוועגונג פון די פּאַרזיי-שעטאַכן מיט טוואָרע-קולטורן לויט די יאָרן: אין 1926—1927 יאָר — 96,9 פּראָצ.; אין 1927—1928 יאָר — 94,7 פּראָצ.; אין 1928—1929 יאָר — 98,2 פּראָצ. און אינם לויפנדיקן 1929—1930 יאָר וועלן זיי לויט אַלע אָנגאַבן באַטרעפן 105,1 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע-ניוואָ.

עס ציט יצו זיך צו די אויפמערקזאַמקייט דער פאַקט, וואָס די פּאַרזיי-שעטאַכן מיט טוואָרע-קולטורן זיינען אין 1927—1928 יאָר געפאַלן. דאָסדאָזיקע פאַלן דערקלערט זיך ניט מיט דער דעגראַדאַציע פון דער טוואָרע-ווירטשאַפט, ווי עס האָבן געפּלאַפּלט וועגן דעם די אַמעראַצים פונם לאַגער פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן, נאָר מיטן אומקום פון די ווינטער-פּאַרזייאונגען אין פאַרנעם פון 7700 טויזנט העקטאַר (20 פּראָצענט ווינטער-פּאַרזייאונגען אין פסס"ר).

אויב מע זאָל אָנעמען, ווייטער, די ברוטאָ-פּראָדוקציע פון די טוואָרע-קולטורן אין 1913 יאָר פאַר הונדערט, וועלן מיר באַקומען אַזאַ בילד: אין 1927 יאָר—91,9 פּראָצ., אין 1928 יאָר — 90,8 פּראָצענט, אין 1929 יאָר—94,4 פּראָצ. און אין 1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן באַקומען ביז 110 פּראָצ. פון דער פאַרמילכאָמעדיקער נאָרמע.

דאָ ציט אויך צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט דאָס פאַלן פון דער ברוטאָ-פּראָדוקציע פון די טוואָרע-קולטורן אין 1928 י., וואָס ווערט דערקלערט מיטן אומקום פון די ווינטער-פּאַרזייאונגען אין אוקראַינע און צפון-קאַווקאַז.

וואָס איז שײַעך דעם סכוירישן טייל ברוטאָ-פּראָדוקציע פון די טוואַוע-קולטורן (דעם אויסערדאָרפישן אומזאַץ) האָבן מיר דאָ נאָך אַ מער באַלערנד בילד. אויב מע זאָל אָננעמען דעם סכוירישן טייל טוואַוע-פּראָדוקציע פונם 13-טן יאָר פאַר הונדערט, קומט אויס, אַז אין 1927 יאָר האָבן מיר געהאַט 37 פּראָצ. סכוירע-פּראָדוקציע, אין 1928 יאָר — 36,8 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 58 פּראָצ. און אין לויפנדיקן 1930 יאָר וועלן מיר האָבן לויט אַלע אָנגאַבן ניט ווייניקער, ווי 73 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע-ניוואָ.

עס קומט אויס, אַזוי אַרום אַז אין פּראַט פון די פּאַרזיי-שעטאַכן און פון דער ברוטאָ-פּראָדוקציע פון די טוואַוע-קולטורן דערגרייכן מיר די פאַרמילכאָמע-נאָרמע און שטייגן זי עטוואָס אַריבער ערשט אינם לויפנדיקן 1930 י.

עס קומט אויס ווייטער, אַז אין פּראַט פון דער סכוירישער פּראָדוקציע פון די טוואַוע-קולטורן האָבן מיר נאָך ווייט ניט דערגרייכט די פאַרמילכאָמע-נאָרמע און וועלן נאָך אָפּשטיין פון איר הייַנטיקס יאָר אַף אַ פּראָצענט. 25.

דאָ ליגט דער יעסאָד פון אונזערע ברויט-שוועריקייטן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט אין 1928 יאָר.

דאָ ליגט אויך דער יעסאָד פון אונזער טוואַוע-פּראָבלעם.

ב) בעערעך אַזאַ בילד אַנטפּלעקט זיך, נאָר מיט נאָך מער אַליאַרמירנדיקע צייגערס אינם געביט פון פיצוכט.

אויב מע זאָל אָננעמען די צאָל פון אַלע מינים פי אין 1916 יאָר פאַר 100, וועט זיך באַקומען אַזאַ בילד לויט די יאָרן. אין 1927 יאָר איז געווען פערד 88,9 פּראָצ., גרויסע האָרנפי — 114,3 פּראָצ., שאָף און ציגן — 119,3 פּראָצ., כאַזיירים — 111,3 פּראָצ.; אין 1928 יאָר — פערד — 94,6 פּראָצ., גרויסע האָרנפי — 118,5 פּראָצ., שאָף

און ציגן — 126 פּראָצ. כאַזיירים — 126,1 פּראָצ.; אין 1929 יאָר — פערד — 96,9 פּראָצ., גרויסע האָרנפי — 115,6 פּראצ., שאָף און ציגן—127,8 פּ״אצ, כאַזיירים— 103 פּראָצ., אין 1930 יאָר—פערד — 88,6 פּראָצענט, גרויסע האָרנפי — 89,1 פּראָצ., שאָף און ציגן — 87,1 פּראָצ., כאַזיירים — 60,1 פּראָצ. פון דער נאָרמע פונם 1916 יאָר.

ווי איר זעט, איז אויב מע זאָל נעמען אין אַכט די אָנגאַבן פונם לעצטן יאָר, האָבן מיר בעפיירעשע סימאָנים פון אַן אָנגעהויבענער פאַרקירצונג פון דער פיצוכט־ווירטשאַפט.

נאָך אַ ווייניקער פרייִדיק בילד באַקומט זיך פונם שטאַנדפונקט פון סכוירישן אַרויסגאַנג פונם פיצוכט, באַזונדערס אין פראַט פון פלייש און פעטס. אויב מע זאָל אָננעמען די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון פלייש און פעטס לויט יעדן יאָר פאַר 100, באַטרעפט דער סכוירישער אַרויסגאַנג פון פלייש און פעטס אַנטשפּרעכנדיק: אין 1926 יאָר — 33,4 פּראָצ., אין 1927 יאָר — 32,9 פּראָצ., אין 1928 יאָר — 30,4 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 29,2 פּראָצ.

מיר האָבן אַזוי אַרום בעפיירעשע סימאָנים פון ניט שטאַנדהאַפטיקייט און עקאָנאָמישער ניט זיכערקייט פון דער קליינער און ווייניק־סכוירישער ווירטשאַפט אין געביט פון פיצוכט.

עס קומט אויס, אַז אַנשטאָט איבערשטייגן לויט דער פיצוכט די נאָרמעס פונם 1916 יאָר, האָבן מיר פאַרן לעצטן יאָר בעפיירעשע סימאָנים פון אָפּגיין פון דערדאָזיקער נאָרמע.

אַזוי אַרום איז נאָך דער טוואָוע־פּראָבלעם, וועלכע מיר דערלייזן שוין אין גרונט מיט ערפאָלג, שטעלט זיך פאַר אונז די פלייש־פּראָבלעם, וואָס איר שאַרפקייט שפּירט זיך שוין איצט און וועלכע וואַרט אַף איר דערלייזונג.

ג) אַן אַנדער בילד אַנטפּלעקט פאַר אונז די אַנט־

וויקלונג פון די טעכנישע קולטורן, וועלכע גיבן רוויוואַרג פאַר אונזער אינדוסטריע. אויב מע זאָל אָננעמען דעם פאַרזיי־שעטאַך פון די טעכנישע קולטורן אין 1913 יאָר פאַר 100, האָבן מיר: בוימוואָל אין 1927 יאָר — 107,1 פּראָצ., אין 1928 יאָר — 131,4 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 151,4 פּראָצ., אין 1930—217 פּראָצענט פונם פאַר־מילכאמע־ניוואָ; לײַן אין 1927 יאָר — 86,6 פּראָצ. אין 1928 יאָר — 95,7 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 112,9 פּראָצ. און אין 1930 יאָר — 125 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־דיקן ניוואָ; צוקער־בוריקעס אין 1927 יאָר — 106,6 פּראָצ., אין 1928 יאָר — 124,2 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 125,8 פּראָצ., אין 1930 יאָר — 169 פּראָצ. פונם פאַר־מילכאָמע־ניוואָ; אייל־געוויקסן אין 1927 יאָר — 179,4 פּראָצ., אין 1928 יאָר — 230,9 פּראָצ., אין 1929 יאָר— 219,7 פּראָצ., אין 1930 יאָר — ניט ווייניקער פון 260 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ.

דאָסזעלבע אין גרונט גינסטיקע בילד גיט די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון די טעכנישע קולטורן. אויב מע זאָל אָננע־מען די ברוטאָ־פּראָדוקציע פונם 1913 יאָר פאַר הונדערט, האָבן מיר בוימוואָל אין 1928 יאָר — 110,5 פּראָצ., אין 1929 — 119 פּראָצ., אין 1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן 182,8 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ; לײַן אין 1928 יאָר — 71,6 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 81,5 פּראָצ., אין 1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן 101,3 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ; צוקער־בוריקעס אין 1928 יאָר — 93 פּראָצ., אין 1929 יאָר — 58 פּראָצ., אין 1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן 139,4 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ; אייל־געוויקסן — אין 1928 יאָר — 161,9 פּראָצ., אין 1929 — 149,8 פּראָצ.. אין 1930 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן 220 פּראָצ. פונם פאַרמילכאָמע־ניוואָ.

לויט די טעכנישע קולטורן האָבן מיר אַזוי אַרום אַ

מער גינסטיק בילד, אויב מע זאָל ניט רעכענען דאָס 1929 יאָר פאַר בוריקעס, וואָס זייער גערעטעניש איז צעשעדיקט געוואָרן פון אַ באַבעלע.

כאָטש אויך דאָ, אין געביט פון די טעכנישע קולטורן, זיינען מעגלעך און וואַרשיינלעך אין דער צוקונפט ערנסטע וואַקלונגען און אָנטפּלעקונגען פון ניט שטאַנדהאַפטיקייט צוליב דער איבערוואָג פון דער קליינער ווירטשאַפט, לויטן מוסטער פון די וואַקלונגען און אָנטפּלעקונגען פון ניט שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס ווערן דעמאָנסטרירט אין דידאָזיקע ציפערן בענוגייע לוין און אייל-קולטורן, וועלכע זיינען ווייניקער פאַר אַלץ אָנגערירט מיט דער ווירקונג פון קאָלווירטן און ראַטווירטן.

פאַר אונז שטייען אַזוי אַרום פאָלגנדע פּראָבלעמען פון דער לאַנדווירטשאַפט:

1) די פּראָבלעם פון פאַרפעסטיקן די לאַגע פון די טעכנישע קולטורן דורכן פאַרזיכערן פאַר די אָנטשפּרעכנדיקע ראַיאָנען אַ גענוגע צאָל ביליקע ברויט-פּראָדוקטן.

2) די פּראָבלעם פון אויפהויבן די פיצוכט און לייזן די פלייש-פּראַגע דורך זיכערן פאַר די אָנטשפּרעכנדיקע ראַיאָנען אַ גענוגע צאָל ביליקע טוואַרע-פּראָדוקטן און פוראַזש.

3) די פּראָבלעם פון ענדגילטיקן דערלייזן די פּראַגע וועגן דער טוואַרע-ווירטשאַפט, אַלס הויפּט-פּראַגע פון דער לאַנדווירטשאַפט אינם געגעבענעם מאָמענט.

עס קומט אויס, אַז די טוואַרע-פּראָבלעם איז דער גרונט-רינג אין דער סיסטעם פון דער לאַנדווירטשאַפט און דער שליסל צו לייזן אַלע אַנדערע פּראָבלעמען אירע.

עס קומט אויס, אַז לייזן די טוואַרע-פּראָבלעם איז די ערשטע אויפגאַבע אין דער ריי אַנדערע פּראָבלעמען פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אָבער דערלייזן די טוואַרע-פּראָבלעם און אַרויספירן דערמיט גופא די לאַנדווירטשאַפט אַפן וועג פון ערנסטן

אויפֿשטייג הייסט ליקווידירן אין גרונט די אָפּגעשטאַנענקייט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, באַוואָפֿענען זי מיט טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס, באַזאָרגן זי מיט נייע קאַדרען וויסנשאַפֿטלעכע טוער, אויפֿהויבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, פֿאַרגרעסערן די סכוירישקייט. אָן דיזאָזיקע באַדינגונגען איז אַפֿילע ניט שאַיעך צו טרוימען וועגן לייזן די טוואוע־פּראָבלעם.

צי איז מעגלעך פֿאַרווירקלעכן דיזאָזיקע אַלע באַדינגונגען אַף דער באַזע פֿון דער קלייניער אינדיווידועלער פּויערשער ווירטשאַפֿט? ניין, ניט מעגלעך. ניט מעגלעך, ווייל די קליינע פּויערשע ווירטשאַפֿט איז ניט בעקויעך אָנצונעמען און באַהערשן די נייע טעכניק, ניט בעקויעך אויפֿצוהויבן אין אַ גענוגער מאָס די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, ניט בעקויעך צו פֿאַרגרעסערן אין אַ גענוגער מאָס די סכוירישקייט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. עס בלייבט איין וועג, דער וועג צו פֿאַרגרעסערן די לאַנדווירטשאַפֿט, דער וועג פֿון איינפֿלאַנצן גרויסע ווירטשאַפֿטן, באַוואָפֿנטע מיט דער מאָדערנער טעכניק. אָבער דאָס ראַטנלאַנד קאָן זיך ניט שטעלן אַפֿן וועג פֿון אָרגאַניזירן גרויסע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿטן. עס קאָן און דאַרף גיין בלויז אַף אָרגאַניזירן גרויסע ווירטשאַפֿטן פֿון סאָציאַליסטישן טיפּ, באַוואָפֿנטע מיט דער נייער טעכניק. אַזעלכע ווירטשאַפֿטן זיינען באַ אונדז די ראַטווירטן און די קאָלווירטן.

דערפֿון שטאַמט די אויפֿגאַבע איינצופֿלאַנצן ראַטווירטן און פֿאַראייניקן די קליינע פּויערשע ווירטשאַפֿטן אין גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן, אַלס איינציקער וועג צו לייזן די פּראָבלעם פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט ביכלאַל, די טוואוע־פּראָבלעם ביפֿראַט.

אַף דעמדאָזיקן וועג האָט זיך טאַקע געשטעלט די פּאַרטיי אין איר אַלטעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט נאָכן 15־טן צוזאַמענפֿאָר, באַזונדערס נאָך דעם. ווי עס האָבן

זיך אַרויסגעוויזן די ערנסטע ברויט־שוועריקייטן אין אָנ־הויב 1928 יאָר.

מע דאַרף פאַרצייכענען, אַז די ראָזיקע קאָרדינאַלע פּראָבלעם אַלס פּראַקטישע אויפגאַבע האָט אונזער פאַרטיי אַוועקגעשטעלט אין טאָג־סיידער נאָך אַפן 15־טן צוזאַמענ־פאָר, ווען עס זיינען נאָך בײַ אונז ניט געווען קיין ערנסטע ברויט־שוועריקייטן. אין דער באַוואוסטער רעזאָלוציע פונם 15־טן צוזאַמענפאָר וועגן אַרבעט אין דאָרף ווערט גלייך געזאָגט, אַז:

„אינם איצטיקן פעריאָד דאַרף די אויפגאַבע צו פאַר־אייניקן און איבערגעשטאַלטן די קליינע אינדיווידועלע פּוי־ערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע קאָלעקטיוון אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס גרונט־אויפגאַבע פון דער פאַרטיי אין דאָרף“.

עס וועט עפשער ניט איבעריק זיין צו ברענגען אויך דאָס אַנטשפּרעכנדיקע אָרט פונם באַריכט־פאָרטראָג פונם צ"ק אַפן 15־טן צוזאַמענפאָר, וואו עס ווערט פונקט אַזוי שאַרף און קלאָר אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון ליקווי־דירן די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט אַף יעסוידעס פון קאָלעקטיוויזאַציע. אָט וואָס דאָרט איז געזאָגט:

„וואו זשע איז דער אויסוועג? דער אויסוועג איז אינם איבערגאַנג פון די קליינע און צעשפּליטערטע פּויערשע ווירט־שאַפטן אין גרויסע און פאַראייניקטע ווירטשאַפטן אַפן יעסאָר פון געזעלשאַפטלעכער באַאַרבעטונג פון דער ערד, אינם איבערגאַנג צו קאָלעקטיווער ערד־באַאַרבעטונג אַף דער באַזע פון נייער העכערער טעכניק. דער אויסוועג איז אין דעם, אַז מע זאָל די קליינע און קלענסטע פּויערשע ווירט־שאַפטן ביסלעכווייז, אָבער פעסט, ניט אין אָרדענונג פון דרוק, נאָר אין אָרדענונג פון באַווייזן און איבערצייגן פאַראייניקן אין גרויסע ווירטשאַפטן אַפן יעסאָד פון געזעל־שאַפטלעכער, כאַווערישער, קאָלעקטיווער ערד־באַאַרבע־טונג, מיט דער אָנווענדונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע

מאַשינען און טראַקטאָרן, מיט דער אָנווענדונג פֿון וויסנשאַפֿטלעכע אינטענסיפֿיציר־מעטאָדן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. קיין אַנדערע אויסוועגן זיינען ניטאָ".

## 5. דער קער פֿונם פֿויערטום צום סאָציאַליזם און דער אַנטוויקלונגס־טעמפּ פֿון דער ראַטווירטיש-קאָלווירטישער בויאונג

דער קער פֿונם פֿויערטום צו קאָלעקטיוויזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן ניט מיטאַמאָל. דערדאָזיקער קער האָט זיך נאָך ניט געקאָנט אָנהויבן מיטאַמאָל. עמעס, דער לאָזונג קאָלעקטיוויזאַציע האָט די פּאַרטיי פּראָקלאַמירט נאָך אויפֿן 15־טן צוזאַמענפֿאָר. אָבער פֿאַרן מאַסאָווען קער פֿונם פֿויערטום צום סאָציאַליזם איז נאָך ניט גענוג צו פּראָקלאַמירן א לאָזונג. פֿאַרן קער פֿאָדערט זיך ווייניקסטנס נאָך איין אומשטאַנד, דהײַנו, אַז די פֿויערשע מאַסן אַליין זאָלן זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פֿונם פּראָקלאַמירטן לאָזונג און זאָלן אים אָננעמען ווי זייערן אן אייגענעם לאָזונג.

דעריבער איז דערדאָזיקער קער צוגעגרייט געוואָרן ביסלעכווייז. ער איז צוגעגרייט געוואָרן מיטן גאַנצן גאַנג פֿון אונזער אַנטוויקלונג, מיטן גאַנצן אַנטוויקלונגס־גאַנג פֿון אונזער אינדוסטריע, און פֿריער פֿאַר אַלץ מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע, וואָס שטעלט צו מאַשינען און טראַקטאָרן פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿט. ער איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער פּאָליטיק פֿון אַנטשיידענעם קאַמף קעגן באַלעגופֿנטום און דורכן גאַנג פֿון אונזערע ברויט־פֿאַרגרייטונגען אין זייערע נייע פֿאָרמען פֿאַרן 1928—1929 יאָר, וועלכע שטעלן די באַלעגופֿישע ווירטשאַפֿט אונטערן קאָנטראָל פֿון די אָרעמפֿויערשע און מיטלפֿויערשע מאַסן. ער איז צוגעגרייט געוואָרן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָאָפּעראַציע, וועלכע גע־

וואוינט צו דעם אינדיווידועלן פויער צו קאָלעקטיווער געשעפטס־פירונג. ער איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער נעץ קאָלווירטן, וואו דער פויער האָט קאָנטראָלירט די מאַשינעם פון די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטס־פאָרמען לעגאַבע דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט. ער איז, ענדלעך, צוגעגרייט געוואָרן דורך דער נעץ ראַטווירטן, וועלכע זיינען צעוואָרפן געוואָרן איבערן גאַנצן פסס״ר און באַוואָפנט מיט נייער טעכניק, וואו דער פויער האָט געקראָגן די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן אין דער קראַפט און די מאַשינעם פון דער נייער טעכניק. עס וואָלט געווען אַ טעות צו זען אין אונזערע ראַטווירטן בלויז אַ קוואַל פון ברויט־רעסורסן. פאַקטיש זיינען די ראַטווירטן מיט זייער טעכניק, מיט זייער הילף פאַר די אָרעמיקע פויערים, מיט זייער אומגעזעענעם ווירטשאַפטלעכן פאַרמעסט, געוואָרן די פירנדיקע קראַפט, וואָס האָט פאַרלייכטערט דעם קער פון די פויערשע מאַסן און זיי אַ רוק געטאָן אויפן וועג פון קאָלעקטיוויזאַציע.

אָט אַף וואָס פאַר אַ יעסאָד עס איז אַנטשטאַנען יענע מאַסאָווע קאָלווירטישע באַוועגונג פון מיליאָנען אָרעמפויערים און מיטלפויערים, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט 1929 יאָר און געעפנט מיט זיך דעם פעריאָד פונם גרויסן איבערבראָך אינם לעבן פון אונזער לאַנד.

וועלכע מאָסמיטלען האָט אָנגענומען דער צ״ק, כדי צו באַגעגענען אין דער פולער באַוואָפענונג און זיך שטעלן בעראָש פון דערהאָזיקער באַוועגונג?

די מאָסמיטלען פונם צ״ק גייען לויט דריי ליניעס: לויט דער ליניע פון אָרגאַניזירן און פינאַנסירן די ראַטווירטן, לויט דער ליניע פון אָרגאַניזירן און פינאַנסירן די קאָלווירטן, צולעצט, לויט דער ליניע פון אָרגאַניזירן די בויאונג פון טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעם און באַזאָרגן מיט זיי דאָס דאָרף דורך מאַשין־טראַקטאָרישע סטאַנציעם, דורך טראַקטאָר־קאָלאָנעם א.אַ.וו.

א) נאָך אין אַפּריל 1928 יאָר האָט די פּאָליט־ביוראָ פון צ״ק אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אָרגאַניזירן אין דריי־פיר יאָר נייע ראַטווירטן מיט אַזאַ כעשבן, אַז דידאָזיקע ראַטווירטן זאָלן קאָנען געבן צום סאָף פונם דאָזיקן טערמין ניט ווייניקער פון 100 מיליאָן פוד סכוירעש ברויט. שפּעטער איז דערדאָזיקער באַשלוס באַשטעטיקט געוואָרן דורכן פּלענום פון צ״ק. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער טוואָוע־טרעסט, וועמען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויספילונג פונם דאָזיקן באַשלוס. צוגלייך דערמיט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן פאַרפעסטיקן די אַלטע ראַטווירטן און פאַרברייטערן זייערע פאַרזיי־פעלדער. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער ראַטווירטצענטר, וועמען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דורכפירן אין לעבן דעמדאָזיקן באַשלוס.

מע קאָן ניט פאַרצייכענען, אַז דידאָזיקע באַשלוסן זיינען אויפגענומען געוואָרן אַף מעסערם מיצאַד דעם אָפּאָרטוניסטישן טייל פון אונזער פּאַרטיי. עס זיינען געווען רייד, אַז דאָס געלט, וואָס ווערט פאַרטאָן אין די ראַטווירטן, איז „אַרויסגעוואָרפן“ געלט. עס איז אויך געווען קריטיק מיצאַד מענטשן פון דער „וויסנשאַפט“, געשטיצט דורך די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי, מיקוייעד דער אומעגלעכקייט און אומזיניקייט צו אָרגאַניזירן גרויסע ראַטווירטן. אָבער דער צ״ק האָט געפירט זיין ליניע און זי דערפירט ביזן סאָף, ניט געקוקט אַף קיין זאַך.

אין 1927—1928 יאָר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַף פינאַנסירן די ראַטווירטן (ניט רעכענענדיק דעם קורצטערמיניקן אומזאַץ־קרעדיט) 65,7 מיליאָן רובל. אין 1928—1929 יאָר איז געגעבן געוואָרן 185,8 מיליאָן רובל. צולעצט, אינם לויפנדיקן יאָר איז געגעבן געוואָרן 856,2 מיליאָן רובל. עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פון די

ראַטווירטן פאַרן באַריכט־פעריאָד 18 טויזנט טראַקטאָרן פון 350 טויזנט פערד־קרעפטן.

וואָס זיינען די רעזולטאַטן פון דיזאָזיקע מאַסמיטלען?

דער פאַרזיי־שעטאַך פונם טוואוע־טרעסט האָט באַטראָפן אין 1928—1929 יאָר 150 טויזנט העקטאַר, אין 1929—1930 יאָר — 1.060 טויזנט העקטאַר, אין 1930—1931 יאָר וועט ער באַטרעפן — 4.500 טויזנט העקטאַר, אין 1931—1932 יאָר וועט ער באַטרעפן 9.000 טויזנט העקטאַר און אין 1932—1933 יאָר, ד. ה. צום סאָף פינפ־יאָר וועט ער באַטרעפן 14.000 טויזנט העקטאַר. דער פאַר־זיי־שעטאַך פונם ראַטווירטצענטר האָט באַטראָפן אין 1928—1929 יאָר 430 טויזנט העקטאַר, אין 1929—1930 יאָר — 860 טויזנט, אין 1930—1931 וועט ער באַטרעפן — 1.800 טויזנט העקטאַר, אין 1931—1932 וועט ער באַ־טרעפן 2.000 טויזנט העקטאַר און אין 1932—1933 וועט ער באַטרעפן 2.500 טויזנט העקטאַר.

דער פאַרזיי־שעטאַך פון דער אוקראַינישער ראַט־ווירט־פאַרייניקונג האָט באַטראָפן אין 1928—1929 יאָר — 170 טויזנט העקטאַר, אין 1929—1930 — 280 טויזנט העקטאַר, אין 1930—1931 וועט ער באַטרעפן — 500 טוי־זנט העקטאַר און אין 1932—1933 — וועט ער באַטרעפן 720 טויזנט העקטאַר. דער פאַרזיי־שעטאַך פון פאַרבאַנד־צוקער (אין געביט פון טוואוע) האָט באַטראָפן אין 1928—1929 יאָר — 780 טויזנט העקטאַר, אין 1929—1930 — 820 טויזנט, אין 1930—1931 — 860 טויזנט העקטאַר, אין 1931—1932 וועט ער באַטרעפן — 980 טויזנט העק־טאַר און אין 1932—1933 יאָר וועט ער באַטרעפן — 990 טויזנט העקטאַר.

דאָס באַטייט, ערשטנס, אַז בלויז דער טוואוע־טרעסט אליין וועט האָבן צום סאָף פינפיאר אזוי פיל פארזיי־שעטאַך טוואוע, וויפל עס האט איצט גאנץ ארגענטינע (אפלאדיסמענטן).

דאָס באַטייט, צווייטנס, אַז אַלע ראַטווירטן צוזאַמענגענומען וועלן האָבן צום סאָף פונם פינפיאָר אַף איין מיליאָן העקטאַר מערער פאַרזיי־שעטאַך טוואָע, איידער עס האָט איצטער גאַנץ קאַנאַדע (אַפּלאָדיסמענטן).

וואָס איז שאַיעך די ברוטאָדיקע און סכוירעדיקע טוואָרע־פּראָדוקציע פון די ראַטווירטן, האָבן מיר אַזאַ באַוועגונגס־בילד לויט די יאָרן: אין 28—1927 יאָר האָבן מיר געהאַט פון אַלע ראַטווירטן ברוטאָ־פּראָדוקציע 9,5 מיליאָן צענטנער, פון זיי — סכוירעדיקע 6,4 מיליאָן צענטנער, אין 1929—1928 יאָר — 12,8 מיליאָן צענטנער, פון זיי — סכוירעדיקע 7,9 מיליאָן צענטנער; אין 1930—1929 יאָר וועלן מיר האָבן לויט אַלע אָנגאַבן 28,2 מיליאָן צענטנער, פון זיי — סכוירעדיקע 18 מיליאָן צענטנער (108 מיליאָן פּוד); אין 1931—1930 יאָר וועלן מיר האָבן 71,7 מיליאָן צענטנער, פון זיי — סכוירעדיקע — 61 מיליאָן צענטנער (370 מיליאָן פּוד) און אַזוי ווייטער א. ד. גל.

דאָס זיינען די פאַראַגענע און די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן פון דער ראַטווירט־פּאָליטיק פון אונזער פּאַרטיי.

לויטן באַשלוס פון דער פּאָליט־ביוראָ פון צ״ק אין אַפּריל 1928 וועגן אָרגאַניזירן נייע ראַטווירטן האָט זיך באַקומען, אַז מיר דאַרפן באַקומען פון די נייע ראַטווירטן ניט ווייניקער פון 100 מיליאָן פּוד סכוירע־ברויט אין 1931—1932 יאָר. פאַקטיש באַקומט זיך אָבער, אַז מיר וועלן האָבן שוין אין 1931—1932 יאָר בלויז פון די נייע ראַטווירטן העכער 100 מיליאָן פּוד. עס באַקומט זיך, אַז מיר האָבן איבערגעשטיגן די פּראָגראַם אין צוויי מאָל.

עס באַקומט זיך, אַז די מענטשן, וועלכע האָבן געלאַכט פון דער באַשטימונג פון דער פּאָליט־ביוראָ פון צ״ק, האָבן ביטער זיך אויסגעלאַכט אליין.

לויטן 5־יאָריקן פּלאַן, וואָס דער ראַטן־צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט, האָבן מיר געזאָלט האָבן צום סאָף פונם פינפיאָריקן פּלאַן פאַרזיי־שעטאַכן אין די ראַטווירטן פון אַלע

סיסטעמען 5 מיליאָן העקטאַר, און אין דערעמעסן האָבן מיר פאַרזיי-שעטאַכן אין די ראַטווירטן שוין הייַנטיקס יאָר 3,8 מיליאָן העקטאַר. און אין קומענדיקן יאָר, ד. ה. אין דריטן יאר פונם פינפיאר, וועלן מיר האָבן 8 מיליאן העקטאַר פאַרזיי-שעטאַכן.

דאָס באַטייט, אַז מיר פילן אויס, מיר שטייגן אַריבער די פינפיאָריקע פראָגראַם פון דער ראַטווירטבויאונג אין דריי יאָר.

לויטן פינפיאָריקן פלאַן האָבן מיר געדאַרפט האָבן ברוטאָ-פראדוקציע פון טוואוע אין די ראַטווירטן צום סאָף פונם פינפיאָר 54,3 מיליאָן צענטנער. און אין דערעמעסן האָבן מיר ברוטאָ-פראָדוקציע פון טוואוע אין די ראַטווירטן שוין הייאָר 28,2 מיליאָן צענטנער. און איבעראַיאָר וועלן מיר האָבן 71,7 מיליאָן צענטנער.

דאָס באַטייט, אַז לויט דער ברוטאָ-פראָדוקציע פון טוואוע פילן מיר אויס און מיר שטייגן אַריבער דעם פינפיאר אין דריי יאר.

דעם פינפיאריקן פלאַן אין דריי יאר.

זאָלן איצט פלוידערן די בורזשואַזע שרייבאָרעם און זייערער אָפּאָרטוניסטישע צובאַמקער, אַז מע קאָן ניט אויספילן און אַריבערשטייגן דעם פינפיאָר-פלאַן פון דער ראַטווירט-בויאונג אין דריי יאָר.

ב) וואס איז שאַיעד די קאָלווירטישע בויאונג, האָבן מיר נאָך אַ מער גינסטיק בילד.

נאָך אין יולי 1928 האָט דער פּלענום פון צ"ק געהאַט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשטימונג וועגן דער קאָלווירט-בויאונג:

„קעסיידער דורכפירן אין לעבן די אויפגאַבע, וואָס עס האָט געשטעלט דער 15-טער צוזאַמענפאָר „צו פאַרייניקן און איבערגעשטאַלטן די קליינע אינדיווידועלע פויערישע ווירטשאַפטן אין גרויסע קאָלעקטיוון“, אַלס פרייוויליקע פאַראייניקונגען, וואָס זיינען געבויט אַף דער באַזע

פון דער נייער טעכניק און וואָס שטעלן פאַר די העכערע
פאָרמס פון דער טוואַרע־ווירטשאַפט סאַי אינם זין פון סאָ־
ציאַליסטישן איבערגעשטאַלטן די לאַנדווירטשאַפט, סאַי
אויך אינם זין פון זיכערן די ראַדיקאַלע העכערונג פון אי־
פּראָדוקטיווקייט און סכוירעדיקייט" (זע די רעזאָלוציע
פונם יולי־פּלענום פון צ״ק „וועגן דער פּאָליטיק פון דער
ברויט־פאַרגרייטונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיי־
נער ווירטשאַפטלעכער לאַגע". 1928 יאָר).

דערנאָך האָט די דאָזיקע באַשטימונג באַקומען איר
באַשטעטיקונג אין די רעזאָלוציעס פון דער 16־טער פּאַר־
טיי־קאָנפערענץ און אין דער ספּעציעלער רעזאָלוציע פונם
נאָיאַבער־פּלענום פון צ״ק אין 1929 יאָר וועגן דער קאָל־
ווירט־באַוועגונג. אין דער צווייטער העלפט 1929 יאָר, ווען
עס האָט זיך אָנגעמערקט דער גרונט־קער פונם פּויערטום
צו די קאָלווירטן און ווען דער מיטלפּויער איז אין זיין
מאַסע אוועק אין קאָלווירט, האָט די פּאָליט־ביוראָ פון
צ״ק אָנגענומען די ספּעציעלע באַשטימונג פונם 5־טן
יאַנוואַר 1930 „וועגן דעם קאָלעקטיוויזאַציע־טעמפּ און
די מאָסמיטלען, מיט וועלכע די מלוכה דאַרף העלפן דער
קאָלווירט־בויאונג".

אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָט דער צ״ק:

1) פעסטגעשטעלט, אַז עס איז פאַראַן אַ מאַסן־קער
פונם פּויערטום אין דער זייט צו די קאָלווירטן און די
מעגלעכקייט איבערצושטייגן דעם פינפיאָר פון דער
קאָלווירט־בויאונג אין פרילינג 1930;

2) פעסטגעשטעלט, אַז עס זיינען פאַראַן די מאַטע־
ריעלע און אַנדערע באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק צו
פאַרבייטן די באַלעגופישע פּראָדוקציע מיט דער פּראָ־
דוקציע פון די קאָלווירטן, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט
האָט ער פּראָקלאַמירט די נויטיקייט אַריבערצוגיין פון דער
באַגרענעצונגס־פּאָליטיק צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן
דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס;

3) ער האָט געגעבן די פּערספּעקטיוו וועגן דעם, אַז שוין אין פֿרילינג 1930 יאָר וועט דער פּאַרזיי־שעטאַד, וואָס ווערט באַאַרבעט אַף פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכטע יעסוידעס, באַ־דייטנדיק איבערשטייגן 30 מיליאָן העקטאַר;

4) ער האָט צעטיילט פּסס״ר אַף דריי גרופּעס ראַיאָ־נען און איינגעשטעלט פֿאַר יעדן פֿון זיי אריענטיר־טער־מינען צו פֿאַרענדיקן אין גרונט די קאָלעקטיוויזאַציע;

5) ער האָט איבערגעקוקט דעם מעטאַד פֿון דער ערד־איינאָרדענונג לעטוויוועס די קאָלווירטן און די פֿאַר־מען צו פֿינאַנסירן די לאַנדווירטשאַפֿט און האָט באַשטימט פֿאַר די קאָלווירטן אַפֿן 1929—1930 יאָר ניט ווייניקער פֿון 500 מיליאָן רובל קרעדיט;

6) ער האָט פֿעסטגעשטעלט די ארטעל־פֿארם פֿון דער קאָלווירטישער באַוועגונג אַלס גרונט־רינג פֿון דער קאָלווירט־סיסטעם איגם איצטיקן מאָמענט;

7) ער האָט געגעבן אַן ענטפֿער די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי, וועלכע פּרואוון זיך האַמעווען די קאָלווירט־באַוועגונג צוליב דעם מאַנגל אין מאַשינעס און אין טראַקטאָרן;

8) ער האָט, ענדלעך, געוואָרנט די פּאַרטיי־טוער פֿון מעגלעכע איבערבויגן אין דער קאָלווירט־באַוועגונג און פֿון דער געפֿאַר צו דעקרעטירן די קאָלווירט־בויאונג פֿון אויבן, פֿון דער געפֿאַר, וואָס באַשאַפֿט די דראָונג צו פֿאַרבייטן די ווירקלעכע און מאַסנהאַפֿטע קלאָווירט־באַוועגונג אַף אַ שפּיל אין קאָלעקטיוויזאַציע.

מע דאַרף פֿאַרצייכענען, אַז דידאָזיקע באַשטימונג פֿון צ״ק איז באַגעגנט געוואָרן מער ווי אומפֿריינטלעך מיצאַד די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין אונזער פּאַרטיי. מע האָט געשמועסט און זיך געשושקעט מיקויעד דעם, אַז דער צ״ק איז אַריינגעפֿאַלן אין פֿאַנטאַסטיק, אַז ער „צעטרענ־צלט“ פֿאָלקס־געלט אַף „ניט עקזיסטירנדיקע“ קאָלווירטן. די רעכטע עלעמענטן האָבן געריבן די הענט פֿאָרויסזעע־

דיק אַ „זיבערע“ מאַפּאַלע. אָבער דער צ״ק האָט געפירט זיין ליניע מיט דער גאַנצער אַקשאַנעס און ער האָט זי דערפירט ביזן סאָף, ניט געקוקט אַף קיין זאַך, ניט געקוקט אַף די באַלעבעסלדיקע געלעכטערלעך פון די רעכטע, ניט געקוקט אַף די איבערבויגן און קאַפּשווינדל בא די „ליניקע“.

אין 1927—1928 יאָר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו פינאַנסירן די קאָלווירטן 76 מיליאָן רובל, אין 1928—1929 יאָר — 170 מיליאָן רובל, ענדלעך, האַיאָר איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 473 מיליאָן רובל. אויסער דעם האָט מען אַרויסגעגעבן 65 מיליאָן רובל פאַר דעם קאָלעקטיוויזאַציע־פאָנד. מע האָט פעסטגעשטעלט די לגאָטעס פאַר די קאָלווירטן, וואָס הויבן אויף די פינאַנציעלע רעסורסן פון די קאָלווירטן אַף 200 מיליאָן רובל. מע האָט פאַרזיכערט פאַר די קאָלווירטן דעם ווירטשאַפטלעכן פאַרמעגן פון די אויסגעבאַלעגופטע באַלעגופים, וואָס באַטרעפט העכער 400 מיליאָן רובל. מע האָט פאַרזיכערט אַף אויסנוצן פאַר די קאָלווירטישע פעלדער ניט ווייניקער פון 30 טויזנט טראַקטאָרן מיט אַ קראַפט מער פון 400 טויזנט פערד־קראַפט, ניט רעכענענדיק 7 טויזנט טראַקטאָרן פונם טראַקטאָר־צענטער, וועלכע באַדינען די קאָלווירטן, און די הילף דורך טראַקטאָרן, וואָס די קאָלווירטן באַקומען פון דער ראַטווירטן־סיסטעם. מע האָט אַרויסגעגעבן די קאָלווירטן האַיאָר זריע־האַלוואָע און זריע־הילף 10 מיליאָן צענטנער (61 מיליאָן פוד). ענדלעך, האָט מען געגעבן אומיטלבאַרע אָרגאַניזאַציאָנעלע הילף די קאָלווירטן אַף צו באַשאַפן מאַשין־פערדישע באַזעס, וואָס זייער צאָל שטייגט אַריבער 7 טויזנט און וואו עס וועט אויסגענוצט ווערן ניט ווייניקער פון 1.300 טויזנט פערד.

וועלכע רעזולטאַטן האָבן מיר פון דידאָזיקע מאַסמיטלען?

דער פאַרזיי־שעטאַח פון די קאָלווירטן האָט באַטראָפן אין 1927 יאָר 0,8 מיליאָן העקטאַר, אין 1928 יאָר — 1,4

מיליאָן העקטאַר, אין 1929 יאָר — 4,3 מיליאָן העקטאַר, אין 1930 יאָר — ניט ווייניקער פון 36 מיליאָן העקטאַר, רעכענענדיק דעם פריליגגדיקן און ווינטערדיקן פאַרזיי.

דאָס באַטייט, ערשטנס, אַז פאַר דריי יאָר איז דער קאָלווירטישער פאַרזיי־שעטאַך אויסגעוואַקסן מער ווי אין 40 מאָל (אַפּלאָדיסמענטן).

דאָס באַטייט, צווייטנס, אַז בײַ אונזערע קאָלווירטן איז איצט פאַראַן פונקט אַזוי פיל פאַרזיי־שעטאַך, וויפל בײַ פראַנקרייך און איטאַליע צוזאַמען גענומען (אַפּלאָדיסמענטן).

וואס איז שאַיעך די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון טוואָרע און איר סכוירע־טייל האָבן מיר אַזאַ בילד. אין 1927 יאָר האָבן מיר געהאַט פון די קאָלווירטן 4,9 מיליאָן צענטנער. פון זיי סכוירעדיקע 2 מיליאָן צענטנער. אין 1928 יאָר — 8,4 מיליאָן צענטנער, פון זיי סכוירעדיקע — 3,6 מיליאָן צענטנער. אין 1929 יאָר — 29,1 מיליאָן צענטנער, פון זיי סכוירעדיקע—12,7 מיליאן צענטנער. אין 1930 יאר וועלן מיר האָבן לויט אַלע אָנגאָבן 256 מיליאן צענטנער (1.550 מיליאָן פּוד), פון זיי סכוירעדיקע ניט ווייניקער פון 82 מיליאָן צענטנער (העכער 500 מיליאָן פּוד).

מע דאַרף אָנערקענען, אַז קיין איין צווייג פון אונזער אינדוסטריע, וועלכע אַנטוויקלט זיך בכלל מיט אַ גענוג שנעלן טעמפּ, האָט נאָך ניט געגעבן אַזעלכע ניט געוועזענע טעמפּן פון אויפשטייג, ווי די קאָלווירטישע בויאונג.

וועגן וואָס ריידן די דאָזיקע ציפערן?

זיי ריידן פריער פאַר אַלץ וועגן דעם, אַז די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון טוואָרע אין די קאָלווירטן איז אויסגעוואַקסן פאַר דריי יאָר מער ווי אין 50 מאָל און די סכוירעדיקע מער ווי אין 40 מאָל.

זיי ריידן, צווייטנס, וועגן דעם, אַז מיר האָבן די מעגלעכקייט צו באַקומען דאָס יאָר פון די קאָלווירטן העכער

א העלפט פון דער גאַנצער סבוירע-פּראָדוקציע פון טוואָוע אין לאַנד.

זיי ריידן, דריטנס, וועגן דעם, אַז דעם גורל פון דער לאַנדווירטשאַפט און פון אירע גרונט-פּראָבלעמען וועלן פון איצט אָן באַשטימען ניט די אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפטן, נאָר די קאָלווירטן און די ראַטווירטן.

זיי ריידן, פערטנס, וועגן דעם, אַז דער פּראָצעס פון ליקווידירן דאָס באַלעגופטום אַלס קלאַס גייט בײַ אונז פאָרויס אין פולן גאַנג.

זיי ריידן, ענדלעך, וועגן דעם, אַז אינם לאַנד זיינען שוין פאָרגעקומען אַזעלכע עקאָנאָמישע איבערוקן, וועלכע גיבן דעם פולן גרונט פעסטצושטעלן, אַז אונז האָט זיך איינגעגעבן אַ קער צו טאָן דאָס דאָרף אַף אַ נייעם וועג, אַפן וועג פון קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס דערמיט אַליין האָבן מיר פאַרזיכערט די ערפאָלגרייכע בויאונג פונם סאָציאַליזם ניט נאָר אין שטאָט, נאָר אויך אין דאָרף.

אין איר באַשלוס פונם 5-טן יאַנוואַר 1930 האָט די פּאָליט-ביוראָ פון צ״ק באַשטימט צו פרילינג 1930 די פּראָגראַם פון די קאָלווירטישע פאַרזיי-שעטאַכן, וואָס ווערן באַאַרבעט אַף פאַרגעזעלשאַפטלעכטע יעסוידעס, אין 30 מיליאָן העקטאַר. אין דערעמעסן אָבער האָבן מיר 36 מיליאָן העקטאַר. באַקומט זיך, אַז מיר האָבן איבערגעשטיגן די פּראָגראַם פון צ״ק.

באַקומט זיך, אַז די מענטשן, וואָס האָבן געלאַכט פונם באַשלוס פון צ״ק, האָבן ביטער זיך אויסגעלאַכט פון זיך אַליין. עס האָט ניט געהאָלפן די אָפּאָרטוניסטישע פלוידערזעק פון אונזער פּאַרטיי ניט די קליינבירגערלעכע סטיכיע, ניט די איבערבויגן אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

לויטן פינפיאָריקן פּלאַן האָבן מיר געזאָלט האָבן צום סאָף פונם פינפיאָר-פּלאַן פאַרזיי-שעטאַכן אין די קאָלווירטן 20,6 מיליאָן העקטאַר. אין דערעמעסן האָבן מיר

פאַרזיי־שעטאַכן אין די קאָלווירטן שוין האַיאָר 36 מיליאָן העקטאַר.

דאָס באַטייט, אַז מיר האָבן שוין איבערגעשטיגן די פינפיאָריקע פראָגראַם פון דער קאָלווירט־בויאונג אין צוויי יאָר מער ווי אין אָנדערהאַלבן מאָל (אַפּלאָדיסמענטן).

לויטן פינפיאָריקן פלאַן האָבן מיר געזאָלט האָבן צום סאָף פון די פינף יאָר אַ ברוטאָ־פּראָדוקציע פון טוואוע אין די קאָלווירטן 190,5 מיליאָן צענטנער. אין דערעמעסן וועלן מיר האָבן אַ ברוטאָ־פּראָדוקציע פון טוואוע פון די קאָלווירטן שוין האַיאָר 256 מיליאָן צענטנער.

דאָס באַטייט, אַז מיר האָבן שוין איבערגעשטיגן די פינפיאָריקע פראָגראַם פון דער קאָלווירטישער טוואוע־פּראָדוקציע אין צוויי יאָר מערער ווי אַף 30 פּראָצענט.

דעם פינפיאָר־פלאַן אין צוויי יאָר (אַפּלאָדיסמענטן).

זאָלן איצט פלוידערן די אָפּאָרטוניסטישע יענטעס, אַז מע קאָן ניט אויספילן און איבערשטייגן דעם פינפ־יאָר־פלאַן פון דער קאָלווירטישער בויאונג אין צוויי יאָר.

## 6. די פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער און קולטורעלער לאגע פון די ארבעטער און פויערים

קומט אַזוי אַרום אַרויס, אַז דער פּראָגרעסירנדיקער וואוקס פון דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר סײַ אינם געביט פון אינדוסטריע, סײַ אינם געביט פון דער לאַנד־ווירטשאַפט איז אַ פאַקטאָר, וואָס געפינט זיך אויסער שום צווייפל.

וואָס קאָן דאָס באַטייטן פונם שטאַנדפונקט פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע?

דאָס באַטייט, אַז דערמיט גופא איז שוין פאַרלייגט דער יעסאָד פאַר דער ראַדיקאַלער פאַרבעסערונג פון דער

מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים.

פאַרוואָס, ווי אַזוי?

דערפאַר, ערשטנס, ווייל דער וואוקס פונם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר באַטייט פריער פון אַלץ אַ פאַרקירצונג פון די עקספּלואַטאַטאָרישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף, דאָס באַטייט, אַז עס פאַלט זייער ספּעציפישער געוויכט אין דער פאָלקסווירטשאַפט. און דאָס באַטייט, אַז דער כיילעק פון די אַרבעטער און פויערים אין דער פאָלקס־האַכנאָסע מוז אומפאַרמיידלעך אויסוואַקסן אַפן כעשבן פון דעם, וואָס עס ווערט פאַרקירצט דער כיילעק פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן.

דערפאַר, צווייטנס, ווייל באַם וואוקס פונם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר דאַרף אַ טייל פון דער פאָלקס־האַכנאָסע, וואָס איז ביז איצט געגאַנגען אַף צו פיטערן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און זייער כעווורע, דאַרף עס פון איצט אָן בלייבן אין דער פּראָדוקציע גופע, אַף פאַרברייטערן די פּראָדוקציע, אַף דער בויאונג פון נייע פאַבריקן און זאַוואָדן, אַף פאַרבעסערן דעם שטייגער פון די אַרבעטנדיקע, און דאָס באַטייט, אַז די צאָליקייט און קראַפט פונם אַרבעטער־קלאַס דאַרפן אויסוואַקסן און די אַרבעטסלאָזיקייט פאַרקירצט און צעזויגן ווערן.

דערפאַר, לעצטנס, ווייל דער וואוקס פונם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר, אַף וויפל ער פירט צום פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס, באַטייט ער אַ פּראָגרעסירנדיקן וואוקס פון דער אויפנעם־פעאיקייט פונם אינערלעכן מאַרק, אַ פאַרגרעסערונג פונם נאָכפרעג אַף אינדוסטריעלע פּראָדוקטן מיצאַד די אַרבעטער און פויערים. און דאָס באַטייט, אַז דער וואוקס פונם אינערלעכן מאַרק וועט אַריבעריאָגן דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און וועט זי שטויסן פאָרויס, צו אָנויפהערלעכער פאַרברייטערונג.

די אַלע און ענלעכע אומשטענדן פירן צו דער קעסיידערדיקער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים.

א) לאָמיר אָנהויבן פון דער פראַגע וועגן דעם צאַליקן וואוקס פונם אַרבעטער־קלאַס און וועגן דער פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט.

אויב די צאָל פערזאָנען פון לוין־אַרבעט (אָן די אַרבעטסלאָזע) האָט באַטראָפן אין 1926—27 יאָר 10 מיליאָן 990 טויזנט, האָבן מיר אין 1927—28 יאָר געהאַט 11.456.000, אין 1928—29 יאָר — 11.997.000 און אין 1929—30 יאָר וועלן מיר לויט אַלע אָנגאַבן האָבן ניט ווייניקער ווי 13.129.000. פון זיי פערזאָנען פון פיזישער מי (אײַנגעשלאָסן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער און די סעזאָנע אַרבעטער) אין 1926—27 יאָר 7.069.000, אין 1927—28 יאָר — 7.404.000 אין 1928—29 יאָר — 7.758.000, אין 1929—30 יאָר — 8.533.000. פון זיי אַרבעטער פון דער גרויסער אינדוסטריע (אָן די אָנגעשטעלטע) אינם 1926—27 יאָר — 2.439.000, אין 1927—28 יאָר — 2.632.000, אין 1928—29 יאָר — 2.858.000 און אין 1929—30 יאָר — 3.029.000.

דאָס הייסט, אַז מיר האָבן אַ בילד פון נאָכאַנאַנדיקן וואוקס אין דער צאָליקייט פונם אַרבעטער־קלאַס. דערביי איז, אויב דער פראָצענט וואוקס פון לוין־אַרבעט־פערזאָנען באַטרעפט פאַר דריי יאָר 19,5 פראָצ., און פערזאָנען פון פיזישער מי — 20,7 פראָצ., באַטרעפט דער פראָצענט וואוקס פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער 24,2.

לאָמיר אַריבערגיין צו דער פראַגע וועגן אַרבעטסלאָזיקייט. מע דאַרף זאָגן, אַז אין דעמדאָזיקן געביט עקזיסטירט אַ גרויסער פלאָנטער סײַ באַם פאָלקאָמאַרבעט, סײַ באַם אַלפאַרבאַנדישן פראָפראַט. פון איין זייט קומט אויס, לויט די אָנגאַבן פון דידאָזיקע אַנשטאַלטן, אַז מיר האָבן אַרבעטסלאָזע באַ אַ מיליאָן מענטשן, פון זיי באַטרעפן די

מינימאַל קוואַליפיצירטע מאַכאַקל 14,3 פראָצ. און בײַ 73 פראָצ. באַטרעפן פערזאָנען פון אַזוי גערופענער אינטעליגענטער מי און ניט קוואַליפיצירטע, דערבײַ בילדן די ריזיקע מערהייט פון דידאָזיקע לעצטע די פרויען און מינדעריעריקע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שאַיכעס צו אינדוסטריעלער פראָדוקציע. פון דער אַנדערער זײַט, איז לויט דיזעלבע אָנגאַבן, לעבן מיר איבער אַ שווידערלעכן הונגער אין קוואַליפיצירטער אַרבעטס-קראַפט, די אַרבעטס-בירזשעס באַפרידיקן ניט דעם נאָכפרעג פון אונזערע אונטערנעמונגען אַף אַרבעטס-קראַפט אַף אַ פראָצענט 80 און מיר זײַנען געצוואונגען אַזוי אַרום, אַף גיך, בוכשטעבלעך אין גאַנג, איבערלערנען די אַבסאָלוט ניט קוואַליפיצירטע מענטשן און צוגרייטן פון זיי קוואַליפיצירטע אַף באַפרידיקן כאָטש די מינימאַלע באַדערפענישן פון אונזערע אונטערנעמונגען. זײַט אַ בעריע זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעמדאָזיקן פּלאָנטער. עס איז קלאָר יעדנפאַלס, אַז דידאָזיקע אַרבעטסלאָזע בילדן ניט קיין רעזערווע און אַוואַדע ניט קיין שטענדיקע אַרמיי אַרבעטסלאָזע פון אונזער אינדוסטריע. הייסט עס, וואָס? אפילע לויט די אָנגאַבן פונם פאָלקאָמאַרבעט קומט אויס, אַז פאַר דער לעצטער צײַט האָט זיך די צאָל אַרבעטסלאָזע פאַרקלענערט אין פאַרגלײַך מיט פאַראַיאָרן מער ווי אַף 700.000 מענטשן. דאס באַטײַט אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטסלאָזע צום 1-טן מאַי דאָס יאָר מער ווי אַף 42 פראָצענט.

דאָס האָט איר אײַך נאָך איין רעזולטאַט פונם וואוקס פונם סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין אונזער פאָלקס-ווירטשאַפט.

ב) נאָך אַ מער איבעראַשנדיקער רעזולטאַט באַקומט זיך, ווען מע באַטראַכט די זאַך פונם שטאַנדפונקט פון דער פאַנאַנדערטיילונג פון דער פאָלקס-האַכנאָסע צווישן די קלאַסן. די פראַגע וועגן פאַנאַנדערטיילן די פאָלקס-האַכנאָסע צווישן די קלאַסן איז אַ קאַרדינאַלע פראַגע פונם שטאַנדפונקט

פון דער מאַטעריעלער און קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים. ניט אומזיסט סטאַרען זיך די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, צפון־אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן פאַרפלאָנטען דיראָזיקע פראַגע לעטוועס דער בורזשואַזיע, פובליקירנדיק אַלעמאָל זייערע „אַבסאָלוט אָביעקטיווע“ אויספאָרשונגען מיקויעך דעם.

לויט די אָנגאַבן פון דער אַלדייטשישער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג האָט דער כיילעק פונם אַרבעטסלוין אין דער פאָלקס־האַכנאָסע פון דייטשלאַנד באַטראָפן אין 1929 יאָר 70 פּראָצענט און דער כיילעק פון דער בורזשואַזיע — 30 פּראָצענט. לויט די אָנגאַבן פון דער פעדעראַלער האַנדלס־קאָמיסיע און נאַציאָנאַלער ביוראָ פון עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען, האָט דער כיילעק פון די אַרבעטער אין דער פאָלקס־האַכנאָסע פון די צפון־אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן פאַרן 1923 יאָר באַטראָפן העכער 54 פּראָצענט און דער כיילעק פון די קאַפּיטאַליסטן אַריבער 45 פּראָצענט. צולעצט, לויט די אָנגאַבן פון די עקאָנאָמיסטן באָליי און סטעמפ האָט דער כיילעק פונם אַרבעטער־קלאַס אין דער פאָלקס־האַכנאָסע פון ענגלאַנד פאַרן 1924 יאָר באַטראָפן עטוואָס ווייניקער פון 50 פּראָצענט און דער כיילעק פון די קאַפּיטאַליסטן עטוואָס העכער 50 פּראָצענט פון דער פאָלקס־האַכנאָסע אין ענגלאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז מע טאָר ניט אָננעמען די רעזולטאַטן פון דיראָזיקע אויספאָרשונגען אַף נעמאָנעס. מע טאָר ניט, ווייל אויסער גרייזן ריין־עקאָנאָמישע זיינען אין דיראָזיקע אויספאָרשונגען פאַראַן נאָך אַנדערע מינים טאָעסן, וועלכע האָבן דעם ציל טיילווייז צו באַהאַלטן די האַכנאָסעס פון די קאַפּיטאַליסטן און פאַרמינערן זיי, טיילווייז צעבלאָזן און איבערטרייבן די האַכנאָסעס פונם אַרבעטער־קלאַס, צורעכענענדיק צו די אַרבעטער די באַאַמטע, וועלכע קריגן קאָלאָסאַלע געהאַלטן. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז אין דיראָזיקע אויספאָרשונגען ווערן אָפטמאָל ניט דיסקאָנטירט

די האַכנאָסעס פון די פּערמערס און בּיכלאַל דאָרפישע קאַפּיטאַליסטן.

דער כאַווער וואַרגאַ האָט גענומען אונטער אַ קריטישן אַנאַליז דיזאָזיקע אָנגאַבּן. און אָט וואָס עס האָט זיך בּאַ אים בּאַקומען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער כיילעק פון די אַרבּעטער און אַנדערע אַרבּעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף, וועלכע עקספּלואַטירן ניט קיין פרעמדע מי, האָט בּאַטראָפן אין דייטשלאַנד 55 פּראָצענט פון דער פאָלקס־האַכנאָסע, אין די צפון־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן 54 פּראָצענט, אין ענגלאַנד 45 פּראָצענט און דער כיילעק פון די קאַפּיטאַליסטן אין דייטשלאַנד 45 פּראָצענט, אין די צפון־אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן 46 פּראָצענט, אין ענגלאַנד 55 פּראָצענט.

אַזוי האַלט עס אין די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

און ווי האַלט עס אין פסס"ר?

אָט האָט איר די אָנגאַבּן פונעם מעלוכע־פּלאַן וועלכע ווייזט זיך אַרויס, אַז:

א) דער כיילעק פון אַרבּעטער און אַרבּעטנדיקע פויערים, וועלכע עקספּלואַטירן ניט קיין פרעמדע מי, האָט בּאַטראָפן בּאַ אונז אין 1927—28 יאָר 75,2 פּראָצענט פון דער גאַנצער פאָלקס־האַכנאָסע (דערונטער דער כיילעק פון די שטאָטישע און דאָרפישע אַרבּעטער 33,3 פּראָצענט), אין 1928—29 יאָר — 76,5 פּראָצענט (דערונטער דער כיילעק פון די שטאָטישע און דאָרפישע אַרבּעטער 33,2 פּראָצענט), אין 1929—30 יאָר — 77,1 פּראָצענט (דערונטער דער כיילעק פון די שטאָטישע און דאָרפישע אַרבּעטער 33,5 פּראָצענט).

ב) דער כיילעק פון בּאַלעגופים און שטאָטישע קאַפּיטאַליסטן האָט בּאַטראָפן אין 1927—28 יאָר — 8,1 פּראָצענט, אין 1928—29 יאָר — 6,5 פּראָצענט, און 1929—30 יאָר — 1,8 פּראָצענט.

ג) דער ביילעק פון קוסטאַרן, וואָס זייער מערהייט שטעלט פאָר אַן אַרבעטנדיקן עלעמענט, האָט באַטראָפן אין 1927—28 יאָר 6,5 פּראָצענט, אין 1928—29 יאָר 5,4 פּראָצענט, אין 1929—30 יאָר 4,4 פּראָצענט.

ד) דער ביילעק פונם מעלוכישן סעקטאָר, וועמעס האַכנאָסעס עס זיינען האַכנאָסעס פונם אַרבעטער-קלאַס און בכלאַל פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט באַטראָפן אין 1927—28 יאָר 8,4 פּראָצענט, אין 1928—29 יאָר 10 פּראָצענט, אין 1929—30 יאָר 15,2 פּראָצענט.

ה) צוזאַמען דער ביילעק פון די אַזוי גערופענע אַנדערע (מע מיינט פענסיעס) האָט באַטראָפן אין 1927—28 יאָר 1,8 פּראָצענט, אין 1928—29 יאָר 1,6 פּראָצענט, און 1929—30 יאָר 1,5 פּראָצענט.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אין דער צייט, ווען אין די פאַרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַטרעפט דער ביילעק פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אין דער פאָלקס-האַכנאָסע באַ 50 פּראָצענט און עפּשער נאָך מער, איז באַ אונז אין פסס"ר באַטרעפט דער ביילעק פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן ניט מער ווי 2 פּראָצענט פון דער פאָלקס-האַכנאָסע.

דערמיט אייגנטלעך דערקלערט זיך דער מערקווירדיקער פאַקט, וואָס אין די צאָפן-אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין 1922 יאָר לויט די ווערטער פונם אַמעריקאַנישן בורזשואַזן שרייבער דעני „1 פּראָצענט אייגנטימער קאָנצענטרירט אין זייערע הענט 59 פּראָצענט פונם גאַנצן פאָלקס-רייכטום" און אין ענגלאַנד אין 1920—21 יאָר האָט לויט די ווערטער פון דערמאָנטן דעני, „ניט ווייניקער פון 2 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל אייגנטימער באַזעסן 64 פּראָצענט פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן רייכטום" (זע דעניס ביכל „אַמעריקע דעראָבערט ענגלאַנד").

צי קאָנען טרעפן אַזעלכע פאַקטן באַ אונז אין פסס"ר, אינם לאַנד פון די ראַטן?

עס איז קלאָר, אַז זיי קאָנען ניט. אין פסס"ר איז שוין לאַנג ניטאָ און קאָנען ניט זיין אַזעלכע „איינגעטימער".

אָבער אויב אין פסס"ר פאַלט אויס אין 1929—30 יאָר סאַכאַקל באַ 2 פראָצענט פון דער פאָלקס-האַכנאָסע אַפן כיילעק פון די עקספלואַטאַטאָרישע קלאַסן, איז וואוהין קומט אַהין די איבעריקע מאַסע פאָלקס-האַכנאָסע?

עס איז קלאָר, אַז זי בלייבט אין די הענט פון די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פויערים.

אַט וואו עס איז דער קוואַל פון קראַפט און אַוטאָריטעט פון דער ראַטנמאַכט צווישן די מיליאָנען אַרבעטער-קלאַס און פויערטום.

אָט וואו עס ליגט דער יעסאָד פונם סיסטעמאַטישן וואוקס פונם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון די אַרבעטער און פויערים אין פסס"ר.

ג) אין שיין פון דיזאָזיקע באַשליסנדיקע פאַקטן ווערן פולקום פאַרשטענדלעך די סיסטעמאַטישע פאַרגרעסערונג פונם רעאַלן אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער, דער וואוקס פונם ביודזשעט פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג פון די אַרבעטער, די פאַרשטאַרקונג פון דער הילף פאַר די אָרעמפויערשע און מיטלפויערשע ווירטשאַפטן, די פאַרגרעסערונג פון די אַסיגנירונגען פאַר אַרבעטערשער וואוינונגס-בויאונג, אַף פאַרבעסערן דעם שטייגער פון די אַרבעטער, אַף מוטער און קינד און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דער שטייגנדיקער וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין פסס"ר באַ דער פאַרקלענערונג פון דער שטערבלעכקייט, באַזונדערס פון דער קינדער-שטערבלעכקייט.

עס איז באַוואוסט, לעמאָשל, אַז דער רעאַלער אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער, רעכענענדיק דעם סאָצסטראַך און די אָראָפרעכענונגען פון די רעוואָכים אין פאָנד אַף פאַרבעסערן דעם אַרבעטער-שטייגער איז אויסגעוואַקסן לעגאַבע דעם פאַרמילכאָמע-ניוואָ ביז 167 פראָצ. בלויז דער ביודזשעט פון סאָציאַלער סטראַכירונג פון די אַרבע-

טער איז אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע דריי יאָר פון 980 מיליאָן רובל אין 1927—28 יאָר ביז 1.400 מיליאָן רובל אין 1929—30 יאָר. אַף אָפּהיטן מוטער און קינד איז אוועקגעגאַנגען פאַר די לעצטע דריי יאָר (27—1928—29—1930) 494 מיליאָן רובל. אַף פאַרשול־דערציאונג (קינדער־גערטנער, פלעצער און אַזוי ווייטער) איז אַוועקגעגאַנגען פאַר דעמזעלבן פעריאָד 204 מיליאָן רובל. אַף אַרבעטער־שער וואוינונגס־בויאונג 1880 מיליאָן רובל.

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז עס איז שוין געטאָן געוואָרן אַלץ דאָס נויטיקע פאַר דער ערנסטער פאַרגרעסערונג פונם אַרבעטסלוין, אַז מע האָט ניט געקאָנט אויפהויבן דעם רעאַלן אַרבעטסלוין אַף אַ העכערן שטאַפל. און אויב דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן, איז דערין שולדיק דער ביוראָקראַטיזם פון אונזער באַזאָרגערישן אַפּאַראַט בכלל, דער ביוראָקראַטיזם פון דער געברויך־קאָאָפּעראַציע פריער פאַר אַלץ און באַזונדערס.

לויט די אָנגאַבן פונם מעלוכע־פּלאַן כאַפּט אַרום דער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער סעקטאָר דעם אינערלעכן האַנדל אין 1929—30 יאָר אין הורט העכער 99 פּראָצענט און אין לאַכאָדים העכער 89 פּראָצענט. דאָס הייסט, אַז די קאָאָפּעראַציע שלאָגט סיסטעמאַטיש דעם פּריוואַטן סעקטאָר און ווערט אַ מאָנאָפּאָליסט אין געביט פון האַנדל. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גוט. אָבער שלעכט איז דאָס, וואָס דידאָזיקע מאָנאָפּאָליע גייט אין אַ ריי פאַלן צום שאָדן פונם געברויכער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ניט געקוקט אַף איר קימאַט מאָנאָפּאָלער לאַגע אינם האַנדל, האַלט די קאָאָפּעראַציע פאַר ליבער צו באַזאָרגן די אַרבעטער מיט מער „האַכנאָסעדיקע“ סכוירעס, וועלכע גיבן מער רעוואָכים (גאַלאַנטעריי און אַזוי ווייטער) און מיידט אויס צו באַזאָרגן זיי מיט סכוירעס ווייניקער „האַכנאָסעדיקע“, האָטש מער נויטיקע פאַר די אַרבעטער (לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן). אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זיינען די אַרבעטער

געצוואונגען בא 25 פּראָצענט פון זייערע באַדערפענישן אין לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן צו באַפרידיקן אַפן פרי־וואַטן מאַרק, איבערצאָלנדיק אין די פרייזן. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז דער אַפּאַראַט פון דער קאָאָפּעראַציע זאָרגט זיך מער פאַר אַלץ וועגן באַלאַנס און צוליב דעם גייט ער זייער שווער אַף אַראָפּזעצן די לאַכאָדים־פרייזן, ניט געקוקט אַף די קאַטעגאָרישע דירעקטיוון מיצאַד די אָנ־פירנדיקע צענטרען. עס קומט אויס, אַז די קאָאָפּעראַציע אַרבעט אין געגעבענעם פאַל ניט ווי אַ סאָציאַליסטישער סעקטאָר, נאָר ווי אַן אייגנאַרטיקער סעקטאָר, וועלכער איז אָנגעשטעקט מיט אַ מין נעפּמאַנישן גייסט. פרעגט זיך, ווער דאַרף האָבן אַזאַ קאָאָפּעראַציע און וואָס פאַר אַ נוצן קומט אַרויס די אַרבעטער פון איר מאָנאָפּאָליע, אויב זי פילט ניט אויס די אויפגאַבע פון ערנסטן פאַרבעסערן דעם רעאַלן אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער?

און אויב, ניט געקוקט דערויף, שטייגט בא אונז דאָך דער אַרבעטסלוין קעסיידער פון יאָר צו יאָר, הייסט עס, אַז אונזער רעזשים, די סיסטעם פון פאַרטיילן די פאָלקס־האַכנאָסע און די גאַנצע איינשטעלונג לויט דער ליניע פון אַרבעטסלוין זיינען אַזעלכע, אַז זיי האָבן די מעגלעכקייט צו פאַראַליזירן און אַריבערדעקן אַלע און אַלערליי מינוסן, וועלכע גייען פון דער קאָאָפּעראַציע.

אויב מע זאָל צוגעבן צו דעמאָזיקן אומשטאַנד אַ ריי אַנדערע פאַקטאָרן, ווי די פאַרגרעסערונג פון דער ראָלע פון דער געזעלשאַפטלעכער דערנערונג, די פאַרביליקערונג פון די וואוינונגען פאַר אַרבעטער, די קאָלאָסאַלע צאָל סטי־פענדיעס פאַר אַרבעטער און קינדער פון אַרבעטער, די קולטורעלע באַדינונג און אַזוי ווייטער, קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז די פאַרגרעסערונג פונעם אַרבעטסלוין בא די אַר־בעטער וועט באַטרעפן אַ פיל גרעסערן פּראָצענט, איידער דאָס ווערט אָנגעוויזן אין דער סטאַטיסטיק פון אייניקע אונזערע אַנשטאַלטן.

דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען, פּלוס דעם איבערגאַנג פון העכער 830 טויזנט אינדוסטריעלע אַרבעטער (33,5 פּראָצענט) אַף אַ 7-שאָיקן אַרבעטס-טאָג, פּלוס דעם אַריבערפירן אַף אַ 5-טאָגיקער וואָך העכער אָנדערהאַלבן מיליאָן אינדוסטריעלע אַרבעטער (63,4 פּראָצענט), פּלוס דער ברייטער נעץ אָפּרו-הייזער, סאַנאַטאָריעס און קוראָרטן פאַר אַרבעטער, דורך וועלכע עס זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן פאַר די לעצטע דריי יאָר העכער 1.700.000 אַרבעטער, — שאַפט דאָס אַלץ אַזאַ סיטואַציע פאַר דער אַרבעט און שטייגער פונם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע גיבן אונז אַ מעגלעכקייט אויפציען אַ נייעם דאָר אַרבעטער, געזונטע און לעבנסלוסטיקע, וועלכע זיינען פעאיק אויפצוהייבן די מעכטיקייט פונם ראַטנלאַנד אַף דער געהעריקער הייך און באַשיצן עס מיט דער ברוסט קעגן די אַטענטאַטן פון די סאָנים (אַפּלאָדיסמענטן).

וואָס איז שייך די הילף פאַר די פּויערים, סאַי פאַר די אינדיווידועלע סאַי די קאָלעקטיוויזירטע, האָבנדיק אין זינען אויך די הילף דער אָרעמשאַפט, האָט זי זיך אויסגעדריקט פאַר די לעצטע דריי יאָר 27—1928—29—1930) אין אַ סומע ניט ווייניקער פון 4 מיליאַרד רובל, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן לויט דער ליניע פון קרעדיט און פון מעלוכישן ביודזשעט. עס איז באַוואוסט, אַז בלויז זריע-הילף איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די פּויערים פאַר די דאָזיקע דריי יאָר ניט ווייניקער פון 154 מיליאָן פּוד זריע.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס די אַרבעטער און פּויערים לעבן באַ אונז אין אַלגעמיין ניט שלעכט, די שטערבלעכקייט פון דער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלענערט אין פאַרגלייך מיט דער פאַרמילכאָמע-צייט אַף 36 פּראָצ. לויט דער אַלגעמיינער און אַף 42,5 פּראָצ. לויט דער קינדער-ליניע, און דער יערלעכער צוואוואוקס פון דער באַפעלקערונג באַטרעפט באַ אונז העכער 3 מיליאָן נעפּאַ-

שעם (אַפּלאָדיסמענטן). וואָס איז שייעך דער קולטורעלער לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים, האָבן מיר אויך אין דעם געביט אייניקע דערגרייכונגען, וועלכע קאָנען אָבער אין קיין פאַל אונז ניט באַפרידיקן איבער זייער אומבאַדייטנדיקייט. אויב מע זאָל ניט רעכענען די פאַרשיידנערליי אַרבעטער־קלובן, די לייענשטיבלעך, ביבליאָטעקן און ליקפּונקטן, וועלכע כאַפּן אַרום היינטיקס יאָר 10,5 מיליאָן מענטשן, איז די לאַגע מיטן קולטור־בילדונגס־וועזן אַזאַ: די שולן פאַר אָנפאַנגלעכער בילדונג כאַפּן אַרום אין לויפנדיקן יאָר 11.638.000 שילער; די שולן פון דער צווייטער שטופּע — 1.945.000; די אינדוסטריעל־טעכנישע, טראַנספּאָרטלעכע, לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן און פּראָדוציר־קורסן פון מאַסאָווער קוואַליפיקאַציע — 333.100; די טעכניקומס און גלייכע צו זיי פּראַפשולן — 238.700; די הויכשולן און די טעכנישע הויכשולן — 190.400. דאָס אַלץ האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו דערפירן דעם פּראָצענט איוורעדיקע אין פסס"ר ביז 62,6 קעגן די 33 פּראָצ. פאַר דער מילכאָמע.

דער איקער איז איצט איבערצוגיין צו אָבליגאַטאָרישער אָנפאַנגס־בילדונג. איך זאָג „דער איקער“, ווייל אַזאַ איבערגאַנג וואָלט באַטייט אַ באַשלוסנדיקן טראָט אין דער קולטור־רעוואָלוציע. און איבערגיין צו דעם איז שוין לאַנג צייט, ווייל מיר האָבן איצט אַלץ דאָס נויטיקע אַף אָרגאַניזירן די אַלגעמיינע אָנפאַנגלעכע בילדונג אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט ראַיאָנען פון פסס"ר. ביז איצט זיינען מיר געווען געצוואונגען „צו שפּאָרן אַף אַלץ, אַפילע אַף שולן“, קעדיי „צו ראַטעווען, אויפשטעלן די שווערע אינדוסטריע“ (לענין). פאַר דער לעצטער צייט אָבער האָבן מיר שוין אויפגעשטעלט די שווערע אינדוסטריע און רוקן זי ווייטער. הייסט עס, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען מיר דאַרפן זיך נעמען פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַלגעמיינער אָבליגאַטאָרישער אָנפאַנגס־בילדונג.

איך מיין, אַז דער צוזאַמענפּאַר וועט האַנדלען ריכ־טיק, אויב ער וועט אָננעמען וועגן דעם אַ באַשטימטן און גאַנץ קאַטעגאָרישן באַשלוס. (אַפּלאָדיסמענטן).

## 7. די שוועריקייטן פון וואוקס, דער קלאסנקאמף און דער אנגריף פונם סאציאליזם אפן גאנצן פראָנט

איך האָב גערעדט וועגן אונזערע דערגרייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט. איך האָב גערעדט וועגן די דערגרייכונגען אין געביט פון דער אינ־דוסטריע, אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט, אין געביט פון רעקאָנסטרויִרן די גאַנצע פאָלקסווירטשאַפט אַף יע־סוידעס פון סאָציאַליזם. איך האָב גערעדט לעצטנס וועגן די דערגרייכונגען לויט דער ליניע פון פאַרבעסערן די מאַ־טעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים.

אָבער עס וואָלט געווען אַ פעלער צו טראַכטן, אַז מיר האָבן זיך דערשלאָגן די־דאָזיקע דערגרייכונגען „גרינג און רואיק“, אין דער אָרדענונג, אַזוי צו זאָגן, פון סטיכישקייט, אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען און ווילנס־אָנשטרענגונגען, אָן קאַמף און אויפרייסלונג. אַזעלכע דערגרייכונגען גיבן זיך ניט פון זיך אַליין. אינדערעמעסן האָבן מיר זיך דער־שלאָגן די־דאָזיקע דערגרייכונגען אין אַנטשיידענעם קאַמף קעגן שוועריקייטן, אין ערנסטן און דויערהאַפטן קאַמף פאַרן בייקומען די שוועריקייטן.

וועגן שוועריקייטן ריידן בײַ אונז אַלע, אָבער ניט אַלע גיבן זיך אָפּ אַ חשבון איבם כאַראַקטער פון די־דאָזיקע שוועריקייטן. אָבער די פּראָבלעם פון די שוועריקייטן האָט פאַר אונז די סאַמע ערנסטע באַדייטונג.

דערפון קומט די פראַגע: אין וואָס באַשטייען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אונזערע שוועריקייטן, וועל־

בע פייטלעכע קרעפטן באַהאַלטן זיך הינטער זיי און ווי אַזוי באַקעמפן מיר זיי?

א) באַ דער כאַראַקטעריסטיק פון אונזערע שוועריקייטן דאַרף מען האָבן אין זין ווייניקסטנס פאָלגנדע אומשטענדן:

פריער פאַר אַלץ דאַרף מען דיסקאָנטירן דעם אומשטאַנד, אַז אונזערע איצטיקע שוועריקייטן זיינען שוועריקייטן פונם רעקאנסטרוקטיון פעריאָד. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז זיי אונטערשיידן זיך ראַדיקאַל פון די שוועריקייטן פונם אויפשטעלונגס־פעריאָד פון אונזער ווירטשאַפט. אויב באַם אויפשטעלונגס־פעריאָד האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָנלאָדן די אַלטע זאַוואָדן און העלפן דער לאַנדווירטשאַפט אַף איר אַלטער באַזע, האַנדלט זיך איצט וועגן דעם, מע זאָל ראַדיקאַל איבערבויען, רעקאָנסטרואירן סאַי די אינדוסטריע, סאַי די לאַנדווירטשאַפט, ענדערנדיק זייער טעכנישע באַזע, באַוואָפּנענדיק זיי מיט מאָדערנער טעכניק. דאָס הייסט, אַז פאַר אונז שטייט די אויפגאַבע צו איבערבויען די גאַנצע טעכנישע באַזע פון דער פאָלקסווירטשאַפט. און דאָס פאָדערט נייע, מער גרעסערע קאַדרען, וועלכע זאָלן זיין פעאיק צו באַהערשן די נייע טעכניק און זי אַ רוק טאָן פאָרויס.

מע דאַרף האָבן אין זינען, צווייטנס, דעם אומשטאַנד, אַז די רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט באַגרענעצט זיך ניט באַ אונז מיטן איבערבויען איר טעכנישע באַזע, נאָר פאַרקערט, זי פאָדערט צוזאַמען דערמיט אַן איבערבויאונג פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. איך האָב אין זין דעריקער די לאַנדווירטשאַפט. אין דער אינדוסטריע, וועלכע איז שוין פאַראייניקט און סאָציאַליזירט, האָט שוין די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע אין גרונט אַ גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַזע. די אויפגאַבע פון דער רעקאָנסטרוקציע באַשטייט דאָ אין פאַרשטאַרקן דעם פּראָצעס פון אָרויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן

אין דער אינדוסטריע. ניט אַזוי פּאַשעט האַלט עס אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. די רעקאָנסטרוקציע פֿון דער טעכנישער באַזע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט פֿאַרפֿאָלגט, פֿאַרשטייט זיך, דיזעלבע צילן. אָבער די באַזונדערקייט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט באַשטייט בײַ אונז אין דעם, וואָס אין איר פּרעוואַלירט נאָך אַלץ די קלײנע פּויערשע ווירטשאַפֿט, וואָס די קלײנע ווירטשאַפֿט האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו באַהערשן די נײַע טעכניק, וואָס צוליב דעם איז די איבערבויאונג פֿון דער טעכנישער באַזע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אומעגלעך אָן דער גלײכצײַטיקער איבערבויאונג פֿונעם אַלטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטײגער, אָן דער פֿאַראײניקונג פֿון די קלײנע ווירטשאַפֿטן אין גרויסע קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן, אָן דעם אויסקאָרטשעווען די וואָרצלען פֿונעם קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע אומשטענדן קאָנען ניט ניט פֿאַרקאָמפּליצירן אונזערע שוועריקייטן, קאָנען ניט ניט פֿאַרקאָמפּליצירן אונזער אַרבעט אַף בײַקומען דידאָזיקע שוועריקייטן.

מע דאַרף האָבן אין זינען, דריטנס, דעם אומשטאַנד, אַז אונזער אַרבעט פֿאַר דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, וועלכע רײַסט די עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונגען פֿונעם קאַפּיטאַליזם און קערט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע קרעפֿטן פֿון דער אַלטער וועלט, מוז אַרויסרופֿן אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד פֿון דידאָזיקע קרעפֿטן. און, ווי באַוואוסט, איז עס טאַקע אַזוי. בײַזוויליקע שעדיקונג פֿונעם אויבערשיכט פֿון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ אין אַלע צווײַגן פֿון אונזער אינדוסטריע, דער כאַיעשער קאַמף פֿונעם באַלעגופֿנטום קעגן די קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטס־פֿאָרמען אין דאָרף, דער סאַבאָטאַזש פֿון די מאָסמיטלען פֿון דער ראַטנמאַכט מיצאַד די ביוראָקראַטישע עלעמענטן פֿונעם אַפּאַראַט, וועלכע זײַנען די אַגענטור פֿונעם קלאַסן־פֿײַנט, — דאָס זײַנען דערווײַל די הויפּט־פֿאָרמען פֿון ווידערשטאַנד מיצאַד די אָפּ־

שטאַרבנדיקע קלאַסן אין אונזער לאַנד. עס איז קלאָר, אַז די ראָזיקע אומשטענדן קאָנען ניט דינען אַף פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט איבער דער רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

מע דאַרף האָבן אין זינען, פערטנס, דעם אומשטאַנד, אַז דער ווידערשטאַנד פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן אין אונזער לאַנד קומט פאָר ניט איזאָלירט פון דער אויסערלע־כער וועלט, נאָר ער באַגעגנט שטיצע מיצאַד דער קאַפּי־טאַליסטישער אַרומרינגלונג. די קאַפּיטאַליסטישע אַרומ־רינגלונג איז ניט קיין פּאָשעטער געאָגראַפישער באַגריף. די קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג הייסט, אַז אַרום דעם פּסס״ר זיינען פאַראַן פיינטלעכע קלאַסן־קרעפטן, וועלכע זיינען גרייט צו שטיצן אונזערע קלאַסן־שׂונאים אין פּסס״ר סיי מאָראַליש, סיי מאַטעריעל, סיי דורך אַ פינאַנץ־בלאָקאַדע און בײַ אַ געלעגנהייט אויך דורך אַ מילכאָמע־אינטערווענציע. עס איז דערוויזן, אַז די שעדיקונג פון אונ־זערע ספּעצן, די אַנטיסאָוועטישע אַרויסטרעטונגען פונם באַלעגופנטום, די אונטערצינדונגען און אויפרייסן פון אונזערע אונטערנעמונגען און אייגריכטונגען ווערן סובסי־דירט און באַגייסטערט פון אויסן. די אימפּעריאַליסטישע וועלט איז ניט פאַרינטערעסירט, אַז דער פּסס״ר זאָל זיך שטעלן אַף די פיס און זאָל קריגן אַ מעגלעכקייט צו דער־יאָגן און אַריבעריאָגן די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דערפון נעמט זיך איר הילף די קרעפטן פון דער אַלטער וועלט אין פּסס״ר. פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד קאָן אויך ניט דינען אַף פאַרלייכטערן אונזער רעקאָנסטרוקטיווע אַרבעט.

אָבער די כאַראַקטעריסטיק פון אונזערע שוועריקייטן וועט זיין ניט קיין פולע, אויב מע זאָל ניט נעמען אין אַכט נאָך איין אומשטאַנד. עס האַנדלט זיך וועגן דעם באַזונ־דערן כאַראַקטער פון אונזערע שוועריקייטן. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז אונזערע שוועריקייטן, זיינען ניט קיין שווע־

ריקייטן פון יערידע אָדער שוועריקייטן פון שטילשטאַנד, נאָר שוועריקייטן פון וואוקס, שוועריקייטן פון אויפשטייג, שוועריקייטן פון באַוועגן זיך ווייטער. דאָס הייסט, אַז אונזערע שוועריקייטן אונטערשיידן זיך ראַדיקאַל פון די שוועריקייטן בײַ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ווען מע רעדט וועגן שוועריקייטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָט מען אין זינען שוועריקייטן פון יערידע, ווייל אַמעריקע לעבט איצט איבער אַ קריזיס, ד. ה. אַ יערידע פון דער ווירטשאַפט. ווען מע רעדט וועגן שוועריקייטן אין ענגלאַנד, האָט מען אין זינען שוועריקייטן פון שטילשטאַנד, ווייל ענגלאַנד לעבט שוין איבער עטלעכע יאָר אַ שטילשטאַנד. ד. ה. אַז אָפּשטעל אינעם גאַנג פאָרויס. און ווען מיר ריידן וועגן אונזערע שוועריקייטן, מיינען מיר ניט קיין יערידע און ניט קיין שטילשטאַנד אין דער אַנטוויקלונג, נאָר אַ וואוקס פון אונזערע קרעפטן, אַן אויפשטייג פון אונזערע קרעפטן, אַ פאָרויסבאַוועגונג פון אונזער עקאָנאָמיק. אויף וויפל פונקטן זיך אַ רוק טאָן פאָרויס צו אַזאַ און אַזאַ טערמין, אויף וויפל פּראָצענטן אויסאַרבעטן מערער פּראָדוקטן, אויף וויפל מיליאָן העקטאַר פאַרזייען מערער, אויף וויפל כאָדאָשים פריער אויסבויען אַ זאַוואָד, אַ פאַבריק, אַן אייזנבאַן — אָט וועלכע פראַגן מע האָט בײַ אונז אין זינען, ווען מע רעדט וועגן שוועריקייטן. הייסט עס, אַז אונזערע שוועריקייטן צום אונטערשייד, לאָמיר זאָגן, פון אַמעריקעס און ענגלאַנדס שוועריקייטן, זיינען שוועריקייטן פון וואוקס, שוועריקייטן פון פאָרויסבאַוועגונג.

וואָס זשע באַטייט דאָס? דאָס באַטייט, אַז אונזערע שוועריקייטן, זיינען אַזעלכע שוועריקייטן, וועלכע אַנטהאַלטן אליין אין זיך די מעגלעכקייט בײַצוקומען זיי. דאָס הייסט, אַז דער שטריך, וואָס צייכנט אויס אונזערע שוועריקייטן, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי גיבן אונז אליין אַ באַזע פאַר בײַקומען זיי.

וואָס דרינגט פון דעם אַלעמען אַרויס?

פון דעם דרינגט קורדעמקאָל אַרויס, אַז אונזערע שוועריקייטן זיינען ניט קיין שוועריקייטן פון קליינע און צופעליקע „ניט גלאַטקייטן“, נאָר שוועריקייטן פון קלאַסנקאַמף.

דערפון דרינגט אַרויס, צווייטנס, אַז הינטער אונזערע שוועריקייטן באַהאַלטן זיך אונזערע קלאַסן־פיינט, אַז די דאָזיקע שוועריקייטן ווערן פאַרקאָמפּליצירט דורכן פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן אין אונזער לאַנד, דורך דער שטיצע פאַר די דאָזיקע קלאַסן פון אויסן, דורך דער אָנוועזנהייט פון ביוראָקראַטישע עלעמענטן אין אונזערע אייגענע אַנשטאַלטן, דורך דער אומזיכערקייט און רוטינע אין אייניקע צווישנשיכטן פון אונזער פּאַרטיי.

דערפון דרינגט אַרויס, דריטנס, אַז קעדיי בייצוקומען די שוועריקייטן, איז נויטיק פריער פאַר אַלץ אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, דערשטיקן זייער ווידערשטאַנד און אָפּרייניקן אַזוי אַרום דעם וועג פאַר שנעלער באַוועגונג פאָרויס.

דערפון דרינגט אַרויס לעצטנס, אַז דער עצעם־כאַראַקטער פון אונזערע שוועריקייטן, וועלכע זיינען שוועריקייטן פון וואוקס, גיט אונז מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען נויטיק צו דערשטיקן די קלאַסן־סאָנים.

אָבער קעדיי אויסצונוצן דידאָזיקע מעגלעכקייטן און פאַרוואַנדלען זיי אין ווירקלעכקייט, קעדיי צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון די קלאַסן־סאָנים און זיך דערשלאָגן דאָס בייקומען די שוועריקייטן, דערויף עקזיסטירט בלויז איין מיטל: אָרגאַניזירן דעם אָנגריף אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן איבערן גאַנצן פראָנט און איזאָלירן די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין אונזערע אייגענע רייען, וועלכע שטערן דעם אָנגריף, וועלכע וואַרפן זיך אין פּאַניק פון איין זייט אין דער צווייטער און טראָגן אַריין אין דער פּאַרטיי אומזיכערקייט אינם ניצאָכן (אַפּלאָדיסמענטן).

קיין אַנדערע מיטלען זיינען ניטאָ.

בלויז מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם קאָפּ, קאָנען זוכן דעם אויסוועג אין כאַווער בוכאַרינס קינדערשער פאָרמולע וועגן פרידלעכן אריינוואקסן פון די קאפּיטאליסטישע עלעמענטן אינם סאָציאַליזם. די אַנטוויקלונג איז באַ אונז געגאַנגען און גייט ווייטער ניט לויט כאַווער בוכאַרינס פאָרמולע. די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען און גייט ווייטער לויט לענינס פאָרמולע „ווער — וועמען". צי מיר וועלן זיי, די עקספּלואַטאַטאָרן, צערייבן און דערשטיקן אָדער זיי וועלן אונז, די ארבעטער און פויערים פון פסס"ר, צערייבן און דערשטיקן — אַזוי שטייט די פראַגע, כאַווערים.

אַלזאָ, ארגאניזירן דעם אנגריף פונם סאציאליזם אפן גאנצן פראנט — אָט וואָס פאַר אַן אויפגאַבע עס האָט זיך געשטעלט פאַר אונז באַם פאַנאַנדערוויקלען די אַרבעט איבער דער רעקאָנסטרוקציע פון דער גאנצער פאָלקס-ווירטשאַפט.

די פאַרטיי האָט טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען איר מיסיע, ווען זי האָט אָרגאַניזירט דעם אָנגריף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער לאַנד.

ב) אָבער צי איז דערלאָזבאַר ביכלאַל אַן אָנגריף און דערביי אַן אָנגריף איבערן גאַנצן פראָנט אין באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון נעפּ?

אַנדערע מיינען, אַז אָנגריף פאָרט זיך ניט מיט נעפּ, אַז נעפּ איז אין טאָך גערעדט אַ צוריקטריט, אַז וויבאַלד דער צוריקטריט איז פאַרענדיקט, דאַרף דער נעפּ אָפּגעשאַפט ווערן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאַרישקייט. אַ נאַרישקייט, וואָס שטאַמט אָדער פון די טראָצקיסטן, וועלכע האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען אין לעניניזם און מיינען „אָפּשאַפן" דעם נעפּ „איינס און צוויי", אָדער פון די רעכטע אפּאָרטוניסטן, וועלכע האָבן אויך אין לעניניזם גאָרניט פאַרשטאַנען און מיט דער פּלאַפּלעריי וועגן „דער געפאַר אָפּצושאַפן דעם נעפּ" רעכענען זיי אויסדינגען זיך

אַן אָפזאָג פון אָנגריף. ווען דער נעפ זאָל זיך אויסשעפן מיט צוריקטריט, וואָלט לענין ניט געזאָגט אַפן 11-טן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר, ווען מע האָט געהאַלטן באַם דורכפירן דעם נעפ מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענטקייט, אַז „דער צוריקטריט איז פאַרענדיקט“. צי דען האָט לענין, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם סאָף פון צוריקטריט, ניט דערקלערט צוזאַמען דערמיט, אַז מיר רעכענען דורכפירן דעם נעפ „ערנסט און אַף לאַנג“? עס איז גענוג נאָר אַוועקצושטעלן די דאָזיקע פראַגע, כדיי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן אַבסורד פון דער פלאַפלעריי וועגן דעם, אַז נעפ בינדט זיך ניט מיט אָנגריף. אינדערעמעסן איז נעפ מעכאַיעוו ניט נאָר אַ צוריקטריט און אַ דערלאָזן אַן אויפלעבונג פונם פריוואַטן האַנדל, דערלאָזן אַן אויפלעבונג פונם קאַפיטאַליזם באַם באַוואָרענען די רעגולירנדיקע ראָלע פון דער מעלוכע (די אָנפאַנגלעכע סטאַדיע פון נעפ). אינדערעמעסן איז דער נעפ מעכאַיעוו צוזאַמען דערמיט אַף אַ געוויסער אַנטוויקלונגס-סטאַדיע אַן אָנגריף פונם סאָציאַליזם אַף די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן, אַ פאַרשמעלערונג פונם טעטיקייטס-פעלד פאַרן פריוואַטן האַנדל, אַ פאַרהעלטנישמעסיקע און אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פונם קאַפיטאַליזם, אַ וואַקסנדיקן איבערוואָג פונם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר איבערן ניט פאַרגעזעלשאַפטלעכטן, דעם ניצאָכן פונם סאָציאַליזם איבערן קאַפיטאַליזם (די איצטיקע סטאַדיע פון נעפ). דער נעפ איז איינגעפירט געוואָרן צוליבן ניצאָכן פונם סאָציאַליזם איבער די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן. אַריבערגייענדיק אין אָנגריף אַפן גאַנצן פראָנט, שאַפן מיר נאָך ניט אָפ דעם נעפ, ווייל דער פריוואַטער האַנדל און די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן בלייבן נאָך, — אָבער מיר שאַפן אַף געוויס אָפ די אָנפאַנגלעכע סטאַדיע פון נעפ, פאַנאַנדערוויקלענדיק זיין ווייטערדיקע סטאַדיע, די איצטיקע סטאַדיע פון נעפ, וועלכע איז די לעצטע סטאַדיע פון נעפ.

אָט וואָס לענין האָט געזאָגט אין 1922 יאָר, אין אַ יאָר אַרום נאָכן איינפירן דעם נעפּ:

„מיר טרעטן איצט אָפּ צוריק, אָבער מיר טוען דאָס, קעדיי צוערשט אָפּטרעטן און דערנאָך זיך פאַנאַנדערלויפן און שטאַרקער אַ שפרונג טאָן פאָרויס. בלויז אונטער דעם דאָזיקן איינציקן באַדינג זיינען מיר אָפּגעטראָטן צוריק אינם דורכפירן אונדזער נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. וואו און ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך איצט איבערבויען, צופּאַסן זיך, רעאָרגאַניזירן זיך, קעדיי נאָכן צוריקטריט אָנהויבן דעם סאַמע פאַרעקשנטן אָנגריף פאָרויס, — ווייסן מיר נאָך ניט. קעדיי דורכפירן די דאָזיקע אַלע אָפּעראַציעס אין אַ נאָרמאַלער אָרדענונג, דאַרף מען, ווי עס זאָגט דאָס שפריכוואָרט, ניט צען מאָל, נאָר הונדערט מאָל צומעסטן פאַרן באַשליסן“ (באַנד 18, טייל 2, זייט 103).

דאכט זיך, קלאָר.

נאָר עס פרעגט זיך: צי איז שוין אָנגעקומען די צייט אַף אַריבער אין אָנגריף, צי איז שוין רייף געוואָרן דער מאָמענט פאַרן אָנגריף?

לענין האָט געזאָגט אין אַ צווייט אָרט, אין דעמזעלבן 1922 יאָר וועגן דער נויטיקייט:

„זיך צונויפשליסן מיט דער פויערשער מאַסע, מיטן פּשוטן האָרעפּאַשנעם פויערטום און אָנהויבן זיך באַוועגן פאָרויס ניט דער ערעד, אומענדלעך לאַנגזאַמער, איידער מיר האָבן געטרוימט, דערפאַר אָבער אַזוי, אַז עס וועט זיך ווירקלעך באַוועגן מיט אונדז די גאַנצע מאַסע“... אַז „דאַן וועט די פאַרשנעלערונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג אין דער רעכטער צייט אָנקומען אַזאַ, וועגן וועלכער מיר קאָנען איצט אַפילע ניט טרוימען“. (באַנד 18; טייל 2, זייט 29—30).

און אָט שטעלט זיך אַליין דיזעלבע פראַגע: צי איז שוין געקומען די צייט פאַר אַזאַ פאַרשנעלערונג פון דער באַוועגונג, פאַר פאַרשנעלערן דעם טעמפּ פון אונדזער אַנטוויק-

לונג, צי האָבן מיר ריכטיק אויסגעקליבן דעם מאָמענט, איבערגייענדיק אין אַנטשיידענעם אָנגריף אַפן גאַנצן פראָנט אין דער צווייטער העלפט 1929 יאָר?

אַף דערהאָזיקער פראַגע האָט די פאַרטיי שוין געגעבן אַ קלאָרן און באַשטימטן ענטפער.

יאָ, אַזאַ מאָמענט איז שוין געקומען.

יאָ, די פאַרטיי האָט ריכטיק אויסגעקליבן דעם מאָמענט, איבערגייענדיק אין אָנגריף אַפן גאַנצן פראָנט.

וועגן דעם רעדט די וואַקסנדיקע אַקטיווקייט פונם אַרבעטער-קלאַס און דער אומגעוועזענער וואוקס פון דער פאַרטייס אַווטאָריטעט צווישן די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטנדיקע.

וועגן דעם רעדט די וואַקסנדיקע אַקטיווקייט פון די אָרעמפויערשע און מיטלפויערשע מאַסן און דער ראַדיקאַלער קער פון די דאָזיקע מאַסן צו דער קאָלווירטישער בויאונג.

וועגן דעם ריידן אונזערע דערגרייכונגען סײַ אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, סײַ אין דער בויאונג פון ראַטווירטן און קאָלווירטן.

וועגן דעם רעדט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן איצט אַ מעגלעכקייט ניט נאָר צו פאַרבייטן די באַלעבאַטישע פראָדוקציע מיט דער פראָדוקציע פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן, נאָר זי אויך איבערשטייגן אין עטלעכע מאָל.

וועגן דעם רעדט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן שוין באַוויזן צו לייזן אין גרונט די טוואוע-פראָבלעם און אָנזאַמלען געוויסע ברויט-רעזערוון, איבערטראָגנדיק דעם שווער-פונקט פון דער סכוירישער טוואוע-פראָדוקציע פון דער אינדיווידועלער פראָדוקציע אין דער קאָלווירטיש-ראַטווירטישער פראָדוקציע.

אָט וואו עס איז דער באַווייז דערפון, אַז די פאַרטיי האָט ריכטיק אויסגעקליבן דעם מאָמענט, איבערגייענדיק

אין אָנגריף אַפן גאַנצן פראָנט און פּראָקלאַמירנדיק דעם לאָזונג צו ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס.

וואָס וואָלט געווען, ווען מיר זאָלן געווען פאָלגן די רעכטע אָפּאָרטוניסטן פון כאַווער בוכאַרינס גרופּע, ווען מיר זאָלן זיך געווען אָפּזאָגן פונם אָנגריף, איינשרומפּן דעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער אינדוסטריע, פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן און זיך באַזירן אַף דער אינדיווידועלער פויערשער ווירטשאַפט?

מיר וואָלטן אַף געוויס אַראָפּגעריסן אונזער אינדוסטריע, געפּאַטערט די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, געבליבן אָן ברויט און אָפּגערייניקט דעם וועג פאַר דער הערשאַפט פונם באַלעגופנטום. מיר וואָלטן געזעסן בא א צעבראָכענער קאָרעטע.

וואָס וואָלט געווען, ווען מיר זאָלן געווען פאָלגן די „לינקע“ אָפּאָרטוניסטן פון טראָצקי-זינאָוויעווס גרופּע און וואָלטן אָנגעהויבן דעם אָנגריף אין 1926—27 יאָר, ווען מיר האָבן ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו פאַרבייטן די באַלעגופישע פּראָדוקציע אַף דער פּראָדוקציע פון קאָלווירטן און ראַטווירטן?

מיר וואָלטן געוויס אין דעם איניען דורכגעפאַלן, וואָלטן דעמאָנסטרירט אונזער שוואַכקייט, וואָלטן פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פונם באַלעגופנטום און פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן בכלל, מיר וואָלטן געשטויסן דעם מיטלפויער אין די אָרעמס פונם באַלעגופנטום, אַראָפּגעריסן אונזער סאָציאַליסטישע בויאונג און געבליבן אָן ברויט. מיר וואָלטן געזעסן באַ אַ צעבראָכענער קאָרעטע.

די רעזולטאַטן — דיזעלבע.

ניט אומזיסט זאָגן בא אונז די אַרבעטער: „וועסט גיין „לינקס“, וועסטו קומען אַף רעכטס“ (אַפּלאָדיסמענטן).

אייניקע כאַווירים מיינען, אַז די הויפּט-זאַך אינם אָנגריף פונם סאָציאַליזם זיינען רעפּרעסיעס, און אויב די רעפּרעסיעס וואַקסן ניט אָן, איז אויך ניטאָ קיין אָנגריף.

צי איז דאָס ריכטיק? דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק.

רעפּרעסיעס זייַנען אַ נייטיקער עלעמענט פֿון אָנגריף, אָבער אַן עלעמענט אַ באַהילפֿיקער און ניט דער איקער. דער איקער אין אָנגריף פֿונם סאָציאַליזם בײַ אונדזערע איצטיקע באַדינגונגען באַשטייט אין פֿאַרשטאַרקן דעם אַנט־וויקלונגס־טעמפּ פֿון אונדזער אינדוסטריע, אין פֿאַרשטאַרקן דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פֿון די ראַטווירטן און קאָלווירטן, אין פֿאַרשטאַרקן דעם טעמפּ פֿון עקאָנאָמישן אַרויסשטויסן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פֿון שטאָט און דאָרף, אין מאָביליזירן די מאַסן אַרום דער סאָציאַליסטישער בויאונג, אין מאָביליזירן די מאַסן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. איר קאָנט אַרעסטירן און אַרויסשיקן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער באַלעגופֿים, אָבער אויב איר וועט גלייכצייטיק דער־מיט ניט טאָן אַלץ דאָס נייטיקע צו פֿאַרשנעלערן די בוי־אונג פֿון די נייע ווירטשאַפֿטס־פֿאָרמען, צו פֿאַרבייטן מיט נייע ווירטשאַפֿטס־פֿאָרמען די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע פֿאָרמען, אַרונטערצורייסן און ליקווידירן די פּראָדוציר־קוואַלן פֿאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פֿון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דאָרף, — וועט דאָס באַלעגופֿנטום אַלצייגס אויפֿלעבן און וועט וואַקסן.

אַנדערע מיינען, אַז דער אָנגריף פֿונם סאָציאַליזם איז דורכויס אַ באַוועגונג פֿאָרויס, אָן אַנטשפּרעכנדיקער צו־גרייטונג, אָן אַ קרעפֿטן־איבערגרופּירונג אינם גאַנג פֿונם אָנגריף, אָן אַ פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די דעראָבערטע פּאָזי־ציעס, אָן אַן אויסנוצן די רעזערוון צו אַנטוויקלען די ער־פֿאָלגן, און אויב עס האָבן זיך באַוויזן סימאָנים, לאָמיר זאָגן, פֿון אָפּפֿלוס פֿון די קאָלווירטן בײַ אַ טייל פּויערים, הייסט דאָס, אַז מיר האָבן שוין אַן „אָפּפֿלוס פֿון דער רע־וואָלוציע“, אַ פֿאַל פֿון דער באַוועגונג, אַן אָפּשטעל פֿונם אָנגריף.

צי איז דאָס ריכטיק? דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק.

ערשטנס, איז קיין איין אָנגריף, עס זאָל אַפילע זיין דער סאַמע ערפאָלגרייכער, באַגייט זיך ניט אָן אייניקע דורכרייסן און פאַרלויפּעניש אף באַזונדערע טיילן פראָנט. רייד אַף דעם גרונט וועגן אַן אָפּשטעל אָדער דורכפאַל פונם אָנגריף הייסט ניט פאַרשטיין דעם טאָך פונם אָנגריף.

צווייטנס, איז ניט געווען. און עס קאָן ניט זיין קיין דערפאָלגרייכער אָנגריף אָן אַן איבערגרופּירונג פון די קרעפטן אינם גאַנג פונם אָנגריף גופא, אָן אַ פאַרפעסטיקונג פון די פאַרכאַפּטע פּאָזיציעס, אָן דעם אויסנוצן די רעזערוון צו אַנטוויקלען דעם דערפאָלג און דערפירן דעם אָנגריף ביזן סאָף. בײַ דורכויסיקער באַוועגונג פאָרויס, ד. ה. ווען מע היט ניט אָפּ די דאָזיקע באַדינגונג, מוז דער אָנגריף זיך אומפאַרמיידלעך אויסוועפּן און דורכפאַלן. דורכויסיקע באַוועגונג פאָרויס איז אַ טויט פאַרן אָנגריף. וועגן דעם רעדט די רייכע דערפאַרונג פון אונזער בירגער-קריג.

דריטנס, ווי קאָן מען דורכפירן אַן אַנאַלאָגיע צווישן „אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציע“, וועלכער אַנטשטייט געוויינלעך אַף דער באַזע פון דער באַוועגונגס ירידע, און דעם אָפּפלוס פון די קאָלווירטן בײַ אַ טייל פויערים, וועלכער איז אַנטשטאַנען אַף דער באַזע פון דער באַוועגונגס ווייטערדיקן אויפשטייג, אַף דער באַזע פון ווייטערדיקן אויפשטייג אין אונזער גאַנצער סאָציאַליסטישער בויאונג, סײַ אינדוסטריעלער, סײַ קאָלווירטישער, אַף דער באַזע פון אונזער רעוואָלוציעס ווייטערדיקן אויפשטייג? וואָס פאַר אַ שײַכעס קאָן זיין צווישן די דאָזיקע צוויי אַבסאָלוט פאַרשיידענע דערשיינונגען?

ג) אין וואָס באַשטייט דער טאָך פונם באָלשעוויסטישן אָנגריף אין אונזערע איצטיקע באַדינגונגען?

דער טאָך פונם באָלשעוויסטישן אָנגריף באַשטייט קוי-

דעמקאָל אין מאָביליזירן די קלאַסן־וואַכזאַמקייט און די רעוואָלוציאָנערע אַקטיווקייט פון די מאַסן קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער לאַנד; מאָביליזירן די שעפערישע איניציאַטיוו און די זעלבסטטעטיקייט פון די מאַסן קעגן דעם ביוראָקראַטיזם פון אונזערע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכער לאָזט ניט אַרויס אַף דער ליכטיקער שיין די קאָלאָסאַלע רעזערוון, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון אונזער אָרדענונג און לאָזט זיי ניט אויסנוצן; אָרגאַניזירן דעם געווער און דעם אַרבעטס־אויפשטייג פון די מאַסן פאַר אויפהייבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, פאַר פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע בויאונג.

דער טאָך פונם באָלשעוויסטישן אָנגריף באַשטייט, צווייטנס, אין אָרגאַניזירן די איבערבויאונג פון דער גאַנצער פּראַקטישער אַרבעט פון די פּראָפאַריינישע, קאָאָפּעראַטיווע, סאָוועטישע און אַלערליי אַנדערע מאַסאָווע אָרגאַניזאַציעס אין העסקעם מיט די באַדערפענישן פונם רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד; שאַפן אין זיי אַ קערן פון די סאַמע אַקטיווע און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אָפּשטויסנדיק און איזאָלירנדיק די אָפּאָרטוניסטישע, טרעדיוניאָניסטישע, ביוראָקראַטישע עלעמענטן; אַרויסשמייסן פון זיי די פרעמדע און איבערגעבוירענע עלעמענטן און אַרויסרוקן נייע טוער פון אונטן.

דער טאָך פונם באָלשעוויסטישן אָנגריף באַשטייט, ווייטער, אין מאָביליזירן דעם מאַקסימום מיטלען אַף פינאַנסירן אונזער אינדוסטריע, אַף פינאַנסירן אונזערע ראַטווירטן און קאָלווירטן און ווענדן אַף דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער דאָזיקער גאַנצער אַרבעט די בעסטע מענטשן פון אונזער פּאַרטיי.

דער טאָך פונם באָלשעוויסטישן אָנגריף באַשטייט, לעצטנס אין מאָביליזירן די פּאַרטיי גופא פאַר דער אָרגאַניזאַציע פונם גאַנצן אָנגריף; פאַרפעסטיקן און אָפּשלייפן

די פאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, אַרויסטרייבנדיק פון זיי די עלעמענטן פון ביוראָקראַטיזם און איבערגעבורטן; איזאָלירן און אָפּשטויסן די אויסדריקער פונם רעכטן און „לינקן“ אָפּנויגן פון דער לענינשער פאַרטיי, אַרויסרוקנדיק אַפן פאָדער־גרונט עכטע, פעסטע לענינצעס.

דאָס זיינען די יעסוידעס פונם באָלשעוויסטישן אָנגריף אין געגעבענעם מאָמענט.

ווי האָט פאַרווירקלעכט די פאַרטיי דעמדאָזיקן פּלאַן פון אָנגריף?

איר ווייסט, אַז די פאַרטיי האָט פאַרווירקלעכט דעמדאָזיקן פּלאַן מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענטקייט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס די פאַרטיי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע זעלבסטקריטיק, קאָנצענטרירנדיק די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן אַף די כעסרוינעס פון אונזער בויאונג, אַף די כעסרוינעס פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן. נאָך אַפן 15 צוזאַמענפאָר איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די נויטיקייט צו פאַרשטאַרקן די זעלבסטקריטיק. דער שאַכטער פּראָצעס און די שעדיקונג אין פאַרשיידענע אינדוסטריע־צווייגן, וועלכע האָבן אויפגעדעקט, אַז עס פעלט רעוואָלוציאָנערער כויש אין באַזונדערע פאַרטיי־רינגען, פון איין זייט, דער קאַמף קעגן באַלעגופּנטום און די אויפגעדעקטע כעסרוינעס פון אונזערע דאָרפישע אָרגאַניזאַציעס, פון דער צווייטער זייט, האָבן געגעבן אַ ווייטערדיקן שטויס דער זעלבסטקריטיק. אין זיין ווענדונג פונם 2־טן יוני 1928 האָט דער צ. ק. געגעבן אַן ענדגילטיקע אויספורעמונג דער קאַמפּאַניע פאַר זעלבסטקריטיק, רופנדיק אַלע קרעפטן פון דער פאַרטיי און פונם אַרבעטער־קלאַס צו פאַנאַנדערוויקלען די זעלבסטקריטיק „פון אויבן ביז אַראָפּ און פון אונטן ביז אַרויף“, ניט „געשוינט פערזאָנען“. אָפּגרענעצנדיק זיך פון דער טראָצקיסטישער „קריטיק“, וועלכע גייט פון יענער זייט באַריקאַדע און וועלכע האָט דעם ציל צו דיסקרע=

דיטירן און אָפּשוואַכן די ראַטנמאַכט, האָט די פּאַרטיי דערקלערט פֿאַר דער אויפֿגאַבע פֿון דער זעלבסטקריטיק אויפֿצודעקן אָן ראַכמאָנעס די כעסרוינעס פֿון אונזער אַרבעט, קעדיי פֿאַרבעסערן אונזער בויאונג, קעדיי פֿאַרפֿעסטיקן די ראַטנמאַכט. עס איז באַוואוסט, אַז דער רוף פֿון דער פּאַרטיי האָט געפֿונען דעם לעבעדיקסטן אָפּקלאַנג אין די מאַסן פֿונם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום.

די פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט ווייטער אַ ברייטע קאַמפּאַניע פֿון קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם, געבנדיק דעם לאָזונג דורכצופֿירן דאָס רייניקן די פּאַרטייאישע, פּראָפֿאַרייִנישע, קאָאָפּעראַטיווע און סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון פֿרעמדע פֿאַרביוראָקראַטעוועטע עלעמענטן. די פֿאָרזעצונג פֿון דעראָזיקער קאַמפּאַניע איז די באַוואוסטע באַשטימונג פֿון צ. ק. און צק״ק דעם 16 מאַרט 1930 יאָר וועגן אַרויסרוקן אַרבעטער אין מעלוכע־אַפּאַראַט און וועגן מאַסאָוון אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דעם סאָוועטישן אַפּאַראַט (שעפֿטום פֿון די זאַוואָדן). עס איז באַוואוסט, אַז די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט אַרויסגערופֿן דעם גרעסטן אויפֿשטייג און אַקטיווקייט בײַ די אַרבעטער־מאַסן. דער רעזולטאַט פֿון דעראָזיקער קאַמפּאַניע איז דער קאָלאָסאַלער אויפֿשטייג פֿון דער פּאַרטייס אויטאָריטעט צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן, דער וואוקס פֿון צוטרוי צו איר בײַם אַרבעטער־קלאַס, דאָס אַרייַנטרעטן פֿון נייע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין דער פּאַרטיי, די רעזאָלוציעס פֿון די אַרבעטער וועגן דעם פֿאַרלאַנג אַרייַנצוטרעטן אין דער פּאַרטיי גאַנצע צעכנוויז און זאַוואָדנוויז. צולעצט, איז דער רעזולטאַט פֿון דעראָזיקער קאַמפּאַניע דאָס, וואָס אונזערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַפֿרייט פֿון אַ ריי פֿאַרגליווערטע און ביוראָקראַטישע עלעמענטן, וואָס דער אַלפֿאַרבאַנדישער צענטראַלער ראַט פֿון די פּראָפֿאַרייִנען האָט זיך באַפֿרייט פֿון דער אַלטער אָפּאָרטוניסטישער אָנפֿירונג.

די פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט ווייטער אַ ברייטן סאַ־

ציאַליסטישן געוועט און מאַסאָווון אַרבעטס־אויפשטייג אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. דער אויפרוף פון דער 16־טער פּאַרטיי־קאָנפערענץ וועגן געוועט האָט אַוועקגעשטעלט די זאַך אַף רעלסן. די שלאָג־בריגאַדעס רוקן זי ווייטער. דער לעניניסטער קאָמיוג און די אַרבעטער־יוגנט, מיט וועלכע ער פירט אָן, באַקרוינען די זאַך פונם געוועט און פון דער שלאָגלעריי מיט באַשלימנדיקע דערפאָלגן. מע דאַרף אָנער־קענען, אַז אונזער רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט אָפּגעשפּילט אין דערדאָזיקער זאַך אַן אויסשליסלעכע ראָליע. עס קאָן שוין איצט קיין ספק ניט זיין, אַז איינער פון די סאַמע וויכטיקע פאַקטן,' אויב ניט דער סאַמע וויכטיקער פאַקט פון אונזער בויאונג אין געגעבענעם מאָמענט, איז דער סאָציאַליסטישער געוועט פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, דער איבערוף פון הונדערטער טויזנטער אַרבעטער וועגן די דער־גרייכטע רעזולטאַטן אין געוועט, די ברייטע אַנטוויקלונג פון דער שלאָגלעריי. בלויז בלינדע זעען ניט, אַז אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן און אין זייער באַציאונג צו אַרבעט איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלער איבערבראָך, וועל־כער האָט אין גרונט געענדערט דעם אויסזען פון אונ־זערע זאַוואָדן און פאַבריקן. ערשט ניט לאַנג האָבן זיך בא אונז געהערט שטימען וועגן דער „אויסגעטראַכטקייט" און „ניט אויסגעהאַלטנקייט" פונם געוועט און פון דער שלאָג־לעריי. איצט באַערט מען דידאָזיקע „קלוגע" מענטשן אַפי־לע מיט קיין שפּאַס ניט, — מע האַלט זיי פאַשעט פאַר „כאַכאָמים", וועלכע האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט. איצט איז דער געוועט און שלאָגלעריי אַ זאַך אַ דעראָבערטע און אַ פּאַרפּעסטיקטע. עס איז אַ פאַקט, אַז דער סאָציאַליס־טישער געוועט כאַפּט אַרום בא אונז ניט ווייניקער פון צוויי מיליאָן אַרבעטער און אין שלאָג־בריגאַדעס איז אַריינגע־צויגן העכער אַ מיליאָן אַרבעטער.

דאָס סאַמע מערקווירדיקע אינם געוועט באַשטייט אין דעם, וואָס ער מאַכט אַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש אין די

אָנשויאונגען פון מענטשן אַף אַרבעט, ווייל ער פאַרוואַנדלט די אַרבעט פון אַ ביזאָיענדיקער און שווערער לאַסט, ווי זי האָט זיך גערעכנט פריער, אין אַ זאַך פון ערע, אין אַ זאַך פון רום, אין אַ זאַך פון מוט און העלדנטאַט. קיין שום ענלעכעס איז ניטאָ און קאָן ניט זיין אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָרט, באַ זיי, באַ די קאַפּיטאַליסטן, איז דאָס סאַמע געוואונשענע, וואָס פאַרדינט געזעלשאַפטלעכע באַוויליקונג — האָבן רענטע, לעבן אַף פּראָצענטן, זיין פריי פון אַרבעט, וואָס רעכנט זיך פאַר אַ מיעסער באַשעפטיקונג. באַ אונז אין פסס״ר איז פאַרקערט — די סאַמע געוואונשענע זאַך, וואָס פאַרדינט געזעלשאַפטלעכע באַוויליקונג, ווערט די מעגלעכקייט צו זיין אַן אַרבעטס-העלד, די מעגלעכקייט צו זיין אַ שלאָגלער-העלד, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט קאָוועד, מיט אָרעאָל צווישן מיליאָנען אַרבעטנדיקע.

פאַר ניט ווייניקער מערקווירדיק אינם געוועט דאַרף מען האַלטן דעם פאַקט, וואָס ער הויבט זיך אָן פאַרשפּרייטן אויך אין דאָרף און האָט שוין פאַרכאַפּט אונזערע ראַטווירטן און קאָלווירטן. אַלעמען זיינען באַוואוסט די פילצאָליקע פאַקטן פון עכטן אַרבעטס-ענטוזיאַזם אין די מיליאָניקע מאסן ראַטווירטניקעס און קאָלווירטניקעס.

ווער האָט געקאָנט טרוימען מיט צוויי יאָר צוריק וועגן אַזעלכע דערפאָלגן פונם געוועט און פון דער שלאָגלעריי?

די פּאַרטיי האָט מאָביליזירט, ווייטער, די פינאַנציעלע רעסורסן פונם לאַנד אַף פאַנאַנדערוויקלען די ראַטווירטן און קאָלווירטן, באַזאָרגט די ראַטווירטן מיט די בעסטע אָרגאַניזאַטאָרן, געגעבן צוהילף די קאָלווירטן 25 טויזנט פאָרגעשריטענע אַרבעטער, אַרויסגערוקט די בעסטע מענטשן פון די קאָלווירטישע פּויערים אַף אָנפירן מיט די קאָלווירטן, אָרגאַניזירט אַ נעץ קורסן פאַר קאָלווירטניקעס און אַזוי אַרום געלייגט די יעסוידעס פאַר אויסאַר-

בעטן בעסטע און אויסגעפּרוּווטע קאַדרען פֿאַר דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

צולעצט, האָט די פּאַרטיי איבערגעבויט אירע אייגענע רייען אויף אַ שלאַכט־אויפֿן, איבערבאַוואָפֿנט די פּרעסע, אָרגאַניזירט דעם קאַמף אויף צוויי פֿראָנטן, צעשמעטערט די רעשטן טראָצקיזם, צעקלאַפּט אויף פּיצלעך די רעכטע אָפּנייגלער, איזאָלירט די טאָלעראַנטלער, געזיכערט אַזוי אַרום די איינהייט פֿון אירע רייען אויף דער באַזע פֿון דער לענינישער ליניע, וואָס איז נויטיק פֿאַרן דערפֿאָלגרייכן אָנגריף, און האָט דורכגעפֿירט אַ ריכטיקע אָנפֿירונג מיטן אָנגריף, איינצוימענדיק און אַוועקשטעלנדיק אויפֿן אָרט סײַ די פּאַוואָלי־גייער פֿונעם לאַגער פֿון די רעכטע, סײַ די „לינקע“ איבערבויגער אין געביט פֿון דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

דאָס זײַנען די גרונטיקע מאָמענטן, וואָס די פּאַרטיי האָט דורכגעפֿירט, קעדיי צו פֿאַרווירקלעכן דעם אָנגריף אויפֿן גאַנצן פֿראָנט.

אַלעמען איז באַוווּסט, אַז דערדאָזיקער אָנגריף איז באַקרוינט געוואָרן מיט דערפֿאָלג אין אַלע געביטן פֿון אונדזער אַרבעט.

אָט וואו עס ליגט די סיבה דערפֿון, וואָס אונדז איז געלונגען בײַצוקומען אַ גאַנצע ריי שוועריקייטן פֿונעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד פֿון אונדזער פֿאָלקסווירטשאַפֿט.

אָט וואו עס ליגט די סיבה דערפֿון, וואָס אונדז גיט זיך איין בײַצוקומען מיט דערפֿאָלג די סאַמע גרעסטע שוועריקייט פֿון אונדזער בויאונג, די שוועריקייט אויסצוקערעווען די גרונט־מאַסן פֿויערטום צום סאָציאַליזם.

אויסלענדער פֿרעגן צומאָל וועגן דער אינערלעכער לאַגע פֿון פֿסס״ר. אָבער צי קאָן זײַן אַ ספֿק אין דעם, אַז די אינערלעכע לאַגע פֿון פֿסס״ר איז אַ פֿעסטע און ניט אומצואוואַקלען? גיט אַ קוק אויף די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אויפֿן וואוקס פֿונעם קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט אין

דידאָזיקע לענדער, אַף די שטרייקן און לאָקאַוטן, אַף די רעגירונגס-פיינטלעכע דעמאָנסטראַציעס, — וואָס פאַר אַ פאַרגלייך קאָן זיין צווישן דער אינערלעכער לאַגע אין די־דאָזיקע לענדער און אינערלעכער לאַגע אין פסס״ר?

מע דאַרף אַנערקענען, אַז די ראַטנמאַכט איז איצט די סאַמע פעסטע מאַכט פון אַלע עקזיסטירנדיקע מאַכטן אין דער גאַנצער וועלט.

## 8. די קאפיטאליסטישע אדער סאציאליסטישע ווירטשאפט-סיסטעם?

מיר האָבן אַזוי אַרום אַ בילד פון דער אינערלעכער לאַגע אין פסס״ר.

מיר האָבן צוזאַמען דערמיט אַ בילד פון דער אינערלעכער לאַגע אין די וויכטיקסטע קאַפיטאַליסטישע לענדער.

ניט ווילנדיק קומט אויף די פראַגע: וואָס זשע זיינען די סאַכאַקלען, אויב מע זאָל דידאָזיקע צוויי בילדער פאַרגלייכן און שטעלן זיי איינס קעגן דעם אַנדערן?

דידאָזיקע פראַגע איז נאָך מער אינטערעסאַנט, ווייל די בורזשואַזע טוער פון אַלע לענדער, די בורזשואַזע פרעסע פון אַלע גראַדן און ראַנגען, פון העל-קאַפיטאַליסטישע ביז מענשעוויסטיש-טראָצקיסטישע שרייען אין איין קאָל וועגן דער „בליאָוגג" פון די קאַפיטאַליסטישע לענדער, וועגן דעם „אומקום" פון פסס״ר, וועגן דעם „פינאַנציעלן און ווירטשאַפטלעכן קראַך" פון פסס״ר און אַז. וו.

אַלזאָ, איז וואָס זשע זיינען די סאַכאַקלען פונם אַנאַליז פון דער לאַגע בא אונז אין פסס״ר און בא זיי אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער?

לאָמיר פאַרצייכענען די וויכטיקסטע אַלגעמיין-באַוואוסטע פאַקטן.

בא זיי, בא די קאַפיטאַליסטן, איז אַן עקאָנאָמישער קריזיס און יערידע פון דער פראָדוקציע סאַי אין געביט

פון דער אינדוסטריע, סײַ אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט.

בײַ אונז אין פסס״ר איז אַן עקאָנאָמישער אויפשטײַג און וואוקס פון דער פראָדוקציע אין אַלע געביטן פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

בײַ זיי, בײַ די קאַפיטאַליסטן, איז אַ פאַרערגערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע, אַן אַראָפזעצונג פונם אַרבעטסלוין בײַ די אַרבעטער און א וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזיקייט.

בײַ אונז אין פסס״ר איז אַ אויפשטײַג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע, אַ העכערונג פונם אַרבעטסלוין בײַ די אַרבעטער און אַ פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט.

בײַ זיי, בײַ די קאַפיטאַליסטן, איז אַ וואוקס פון שטרײַקן און דעמאָנסטראַציעס, וואָס פירט צום פאַרלירן מיליאָנען אַרבעטס־טעג.

בײַ אונז אין פסס״ר איז ניטאָ קיין שטרײַקן און עס איז פאַראַן אַ וואוקס פונם אַרבעט־אויפשטײַג בײַ די אַרבעטער און פויערים, וועלכער גיט אונזער אָרדענונג מיליאָנען צוגאָביקע אַרבעטס־טעג.

בײַ זיי, בײַ די קאַפיטאַליסטן, איז אַ פאַרשאַרפונג פון דער אינערלעכער לאַגע און אַן אָנוואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונם אַרבעטער־קלאַס קעגן דעם קאַפיטאַליסטישן רעזשים.

בײַ אונז אין פסס״ר איז אַ פאַרפעסטיקונג פון דער אינערלעכער לאַגע און א באַהעפטונג פון די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטער־קלאַס אַרום דער ראַטנמאַכט.

בײַ זיי, בײַ די קאַפיטאַליסטן, איז אַ פאַרשאַרפונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אַ וואוקס פון דער נאַציאָנאַל־באַפרייענדיקער באַוועגונג אין אינדיע, אין אינדאָכינע, אין אינדאָנעזיע, אַף די פיליפין־אינזלען א.א.וו., וועלכע גייט אַריבער אין אַ נאַציאָנאַלער מילכאָמע.

בײַ אונדז אין פּסס״ר איז אַ פאַרפעסטיקונג פון די יעסוידעס פון נאַציאָנאַלער ברודערשאַפט, אַ געזיכערטער נאַציאָנאַלער שאָלעם און באַהעפטונג פון די מיליאָניקע מאַסן פעלקער פון פּסס״ר אַרום דער ראַטנמאַכט.

בײַ זיי, בײַ די קאַפּיטאַליסטן, הערשט פאַרלאָרנקייט און אַ פּערספּעקטיוו אַף ווײַטערדיקער פאַרערגערונג פון דער לאַגע.

בײַ אונדז אין פּסס״ר הערשט גלויבן אין אונדזערע קרעפטן און אַ פּערספּעקטיוו פון ווײַטערדיקער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע.

מע פּלאַפּלט וועגן „אומקום“ פון פּסס״ר, וועגן „אויפפאַל“ פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער א. ד. גל. צי וועט ניט זײַן ריכטיקער צו ריידן וועגן דעם אומפאַרמײַדלעכן אומקום פון די, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אַזוי „אומגעריכט“ אין קעסל־גרוב פון עקאָנאָמישן קריזיס און קאָנען נאָך אַלץ ניט אַרויסקריכן פון יערידע־זומפּ?

וואו זײַנען די סיבעס פון אַזאַ ערנסטן דורכפאַל בײַ זיי, בײַ די קאַפּיטאַליסטן, און פון די ערנסטע דערפאָלגן בײַ אונדז אין פּסס״ר?

מע זאָגט, אַז דער צושטאַנד פון דער פאָלקסווירטשאַפט הענגט אַסאַך אָפּ פון דער שעפע אָדער פון מאַנגל אין קאַפּיטאַל. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. צי דערקלערט זיך דער קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און דער אויפשטײַג אין פּסס״ר מיט דער שעפע קאַפּיטאַלן בײַ אונדז און מיטן מאַנגל אין קאַפּיטאַלן בײַ זיי? ניין, פאַרשטייט זיך, אַז ניט. יעדן איז באַוואוסט, אַז קאַפּיטאַלן אין פּסס״ר איז פאַראַן אַסאַך ווייניקער, איידער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ווען די זאַך זאָל געלייזט ווערן אין געגעבענעם פאַל מיטן צושטאַנד פון דער אָנזאַמלונג, וואָלטן מיר געהאַט אַ קריזיס, און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַן אויפשטײַג.

מע זאָגט, אַז דער צושטאַנד פון דער ווירטשאַפט

הענגט אַסאַך אָפּ פון דער טעכנישער און אָרגאַניזאַציאָנע-
לער אונטערגעשמידטקייט פון די ווירטשאַפטלעכע קאַד-
רען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. צי דערקלערט
זיך ניט דער קריזיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער
און דער אויפשטייג אין פסס"ר מיטן מאַנגל אין טעכני-
שע קאַדרען בײַ זיי און מיט זייער שעפע בײַ אונדז? ניין,
פאַרשטייט זיך, אַז ניט. יעדן איז באַוואוסט, אַז טעכניש
אויסגעפּרואוווטע קאַדרען איז אין די קאַפּיטאַליסטישע
לענדער פאַראַן אַסאַך מער, ווי בײַ אונדז אין פסס"ר. מיר
האָבן קיינמאָל ניט באַהאַלטן און טראַכטן ניט צו באַ-
האַלטן, אַז אין געביט פון טעכניק זײַנען מיר שילער בײַ
די דײַטשן, ענגלענדער, פראַנצויזן, איטאַליענער און פרוי-
ער פאַר אַלץ און דעריקער בײַ די אַמעריקאַנער. ניין, דאָ
ווערט די זאַך ניט געלייזט מיט דער שעפע אָדער מאַנגל
אין טעכנישע קאַדרען, הגם די קאַדרען-פּראָבלעם האָט
אַן ערנסטע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער
פאָלקסווירטשאַפט.

עפשער באַשטייט דער באַשייד פון דער פראַגע אין
דעם, וואָס דער ניווא פונם קולטורעלן צושטאַנד איז בײַ
אונדז העכער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? ווידער
אַמאָל—ניין. יעדן איז באַוואוסט, אַז דער אַלגעמיין-קול-
טורעלער ניווא פון די מאַסן איז בײַ אונדז נידעריקער, ווי
אין די צפון-אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן, אין
ענגלאַנד, אין דײַטשלאַנד א.א.וו. ניין, די זאַך איז ניט
אין דער קולטורעלקייט פון די מאַסן, הגם זי האָט טאַ-
קע אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון
דער פאָלקסווירטשאַפט.

עפשער ליגט דאָ די סיבה אין די פערזענלעכע מאַי-
לעס פון די אָנפירער מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער?
ווידער א מאָל—ניין. די קריזיסן זײַנען געבאָרן געוואָרן צו-
זאַמען מיטן אָנקום פון דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַ-
ליזם. שוין העכער אַ יאָרהונדערט קומען פאָר פעריאָדישע

עקאָנאָמישע קריזיסן פונם קאַפּיטאַליזם, איבערכאַזערנדיק זיך יעדע 12, 10, 8, און ווייניקער יאָר. אַלע פּאַרטייען פונם קאַפּיטאַליזם, אַלע וויפל ניט איז אָנגעזעענע טוער פונם קאַפּיטאַליזם (פון די סאַמע „געניאַלע" ביז די סאַמע מיטלמעסיקע) האָבן געפּרוּווט זייערע קרעפטן אינם געביט פון „אויסמיידן" אָדער „פאַרניכטן" דעם קריזיס. אָבער זיי אַלע האָבן געליטן אַ מאַפּאַלע. וואָס זשע איז דאָ פאַר אַ וואונדער אין דעם, וואָס הואווער מיט זיין גרופּע האָט אויך געליטן אַ מאַפּאַלע? ניין, די זאַך איז דאָ ניט אין די אָנפירער אָדער פּאַרטייען פונם קאַפּיטאַליזם, הגם אויך די אָנפירער און די פּאַרטייען פונם קאַפּיטאַליזם האָבן דאָ ניט קיין קליינע באַדייטונג.

אין וואָס זשע גייט עס, אויב אַזוי?

וואו ליגט די סיבע דערפון, וואָס דער פסס"ר, ניט געקוקט אַף זיין קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, ניט געקוקט אַפן מאַנגל אין קאַפּיטאַלן, ניט געקוקט אַפן מאַנגל אין טעכניש-אויסגעשמידטע ווירטשאַפטלעכע קאַדרען, געפינט זיך אין צושטאַנד פון וואַקסנדיקן עקאָנאָמישן אויפשטייג און האָט אַפן פראָנט פון דער עקאָנאָמישער בויאונג באַשליסנדיקע דערפאָלגן, און די פאַרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ניט געקוקט אַף דער קאַפּיטאַלן-שעפע, אַף דער שעפע אין טעכנישע קאַדרען און אַפן פיל העכערן ניוואָ פון קולטורעלקייט, געפינען זיך אין צושטאַנד פון וואַקסנדיקן עקאָנאָמישן קריזיס און ליידן אין געביט פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אַ מאַפּאַלע נאָך אַ מאַפּאַלע?

די סיבע איז אינם אונטערשייד פון די עקאָנאָמישע ווירטשאַפט-סיסטעמען באַ אונז און באַ די קאַפּיטאַליסטן.

די סיבע איז אינם באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט-סיסטעם.

די סיבע איז אין די פאָרצוגן פון דער סאָוועטישער

ווירטשאַפט=סיסטעם לעגאַבע דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם.

וואָס איז אַזוינס די סאָוועטישע ווירטשאַפט=סיסטעם?

די סאָוועטישע ווירטשאַפט=סיסטעם באַטייט, אַז:

1) די מאַכט פונם קלאַס קאַפיטאַליסטן איז אַראָפגעוואָרפן און פאַרביטן מיט דער מאַכט פונם אַרבעטער=קלאַס.

2) די געצייג און מיטלען פון דער פראָדוקציע — די ערד, די פאַבריקן, די זאַוואָדן און אַזוי ווייטער זיינען אָפגענומען באַ די קאַפיטאַליסטן און איבערגעגעבן אין אייגנטום דעם אַרבעטער=קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסן פויערטום.

3) די אַנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע איז אונטערגעוואָרפן ניט דעם פרינציפ פון קאָנקורענץ און פון זיכערן דעם קאַפיטאַליסטישן רעוואַח, נאָר דעם פרינציפ פון פּלאַנאָווער אָנפירונג און פון סיסטעמאַטישן אויפהויבן דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע.

4) די פאַרטיילונג פון דער פאָלקס=האַכנאָסע קומט פאָר ניט אין די אינטערעסן פון באַרייכערן די עקספלואַטאַטאָרישע קלאַסן און פון זייערע פילצאָליקע פאַראַזיטישע געזינדלעך, נאָר אין די אינטערעסן פונם סיסטעמאַטישן העכערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים און פון פאַרברייטערן די סאָציאַליסטישע פראָדוקציע אין שטאָט און אין דאָרף.

5) די סיסטעמאַטישע פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע און דער קעסיידערדיקער וואוקס פון זייערע באַדערפענישן (קויף=פעאיקייט), וועלכע זיינען אַ שטענדיק=וואַקסנדיקער קוואַל פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער פראָדוקציע, גאַראַנטירן דעם אַרבעטער-קלאַס פון קריזיסן פון איבערפראָדוקציע, פון וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזיקייט און אַזוי ווייטער.

6) דער אַרבעטער־קלאַס איז דער באַלעבאָס פונם לאַנד, וועלכער אַרבעט ניט פאַר די קאַפּיטאַליסטן, נאָר פאַר זײַן אייגענעם קלאַס.

וואָס איז אַזוינס די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט־סיסטעם?

די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט־סיסטעם באַטײַט, אַז:

1) די מאַכט אין לאַנד געהערט די קאַפּיטאַליסטן.

2) די געצײַג און מיטלען פון דער פּראָדוקציע זײַנען קאָנצענטרירט אין די הענט בײַ די עקספּלואַטאַטאָרן.

3) די פּראָדוקציע איז אונטערגעוואָרפן ניט דעם פּרינציפּ פון פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, נאָר דער פּרינציפּ פון זיכערן הויכן קאַפּיטאַליסטישן רעוואַך.

4) די פאַרטיילונג פון דער פאָלקס־האַכנאָסע קומט פאָר ניט אין די אינטערעסן פון פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטנדיקע, נאָר אין די אינטערעסן פון זיכערן דעם מאַקסימום רעוואָכים פאַר די עקספּלואַטאַטאָרן.

5) די קאַפּיטאַליסטישע ראַציאָנאַליזאַציע און דער שנעלער וואוקס פון דער פּראָדוקציע, וועלכע האָבן דעם ציל צו זיכערן הויכע רעוואָכים פאַר די קאַפּיטאַליסטן, שטויסט זיך אָן, ווי אָן אַ פאַרצוימונג, אָן דעם דאַלעם און פאַרמינערונג פון דער מאַטעריעלער געזיכערטקייט בײַ די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטנדיקע, וועלכע האָבן ניט שטענדיק די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זייערע באַדערפעניש אַפילע אין די ראַמען פון קלענסטן מינימום, און דאָס שאַפט אומבאַדינגט אַ באָדן פאַר אומפאַרמיידלעכע קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע, פאַרן וואוקס פון דער אַרבעטסלאָזיקייט און אַזוי ווייטער.

6) דער אַרבעטער־קלאַס איז אַ קלאַס אַן עקספּלואַטירטער, וועלכער אַרבעט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַ פרעמדן קלאַס, פאַרן קלאַס עקספּלואַטאַטאָרן.

דאָס זיינען די פאָרצוגן פון דער סאָוועטישער ווירט־שאַפט־סיסטעם לעגאַבע דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

דאָס זיינען די פאָרצוגן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטס־אָרגאַניזאַציע לעגאַבע דער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרגאַניזאַציע.

אָט וואו עס ליגט די סיבע דערפון, וואָס באַ אונז אין ססס״ר איז א וואקסנדיקער עקאָנאָמישער אויפשטייג, און באַ זיי, באַ די קאַפּיטאַליסטן — אַ וואקסנדיקער עקאָנאָ־מישער קריזיס.

אָט וואו עס ליגט די סיבע דערפון, וואָס באַ אונז אין ססס״ר יאָגט דער וואוקס פונם געברויך (קויף־פעאי־קייט) באַ די מאַסן די גאַנצע צייט אַריבער דעם וואוקס פון דער פראָדוקציע און שטויסט זי פאָרויס און באַ זיי, באַ די קאַפּיטאַליסטן איז, פאַרקערט, קאַן דער וואוקס פונם געברויך באַ די מאַסן (קויף־פעאיקייט) קיינמאָל ניט אָנ־יאָגן נאָכן וואוקס פון דער פראָדוקציע און שטייט די גאַנצע צייט אָפּ פון איר, פאַרורטיילנדיק די גאַנצע צייט די פראָדוקציע אויף קריזיסן.

אָט וואו עס ליגט די סיבע דערפון, וואָס באַ זיי, באַ די קאַפּיטאַליסטן, רעכנט זיך פאַר פולקום נאָרמאַל צו פאַר־ניכטן בעשאַס קריזיסן „די מיסרעס" סכוירעס און פאַר־ברענען „די איבעריקע" לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, כדי אונטערצוהאַלטן די הויכע פרייזן און זיכערן הויכע רעוואָכים, ווען באַ אונז אין ססס״ר וואָלט מען די שול־דיקע אין אַזעלכע פאַרברעכנס געשיקט אין מעשוגאָים־הויז (אַפּלאָדיסמענטן).

אָט וואו עס ליגט די סיבע דערפון, וואָס דאָרט, באַ די קאַפּיטאַליסטן, שטרייקן די אַרבעטער און דעמאָנסט־רירן, אָרגאַניזירנדיק דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער עקזיסטירנדיקער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט, בעת ווען באַ אונז אין ססס״ר האָבן מיר אַ בילד פון גרויסן אָר־

בעטס־געוועט צווישן מיליאָנען אַרבעטער און פויערים, וועלכע זיינען גרייט מיט דער ברוסט צו פאַרטיידיקן די ראַטנמאַכט.

אָט וואו עס ליגט די סיבע פון דער שטאַנדהאַפטיקייט און פעסטיקייט פון דער אינערלעכער לאַגע פון פסס״ר, פון דער ניטשטאַנדהאַפטיקייט און וואַקלדיקייט פון דער אינערלעכער לאַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מע דאַרף אַנערקענען, אַז די ווירטשאַפטס־סיסטעם, וועלכע ווייסט ניט וואו אַהינצוטאָן די „מויסרעס“ פון איר פראַדוקציע, איז געצוואונגען זיי צו פאַרברענען אין א מאָמענט, ווען אין די מאַסן הערשט נויט און אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און רואינירונג, — אַזאַ ווירטשאַפטס־סיסטעם שרייבט זיך אַליין אונטער איר טויט־אורטייל.

די לעצטע יאָרן זיינען געווען א פעריאָד פון אויספּרואוון אַף דער פּראַקטיק, א פעריאָד פון עקזאַמען פאַר צוויי קעגנזעצלעכע ווירטשאַפט־סיסטעמען — דער סאָוועטישער און דער קאַפּיטאַליסטישער. פאַר דידאָזיקע יאָרן זיינען נעוויעסן וועגן „אומקום“ און „קראַך“ פון דער סאָוועטישער סיסטעם געווען איבערגענוג. רייד און ליב־געזאַנגען וועגן דער „בליאונג“ פונם קאַפּיטאַליזם — נאָך מער. און וואָס האָט זיך באַקומען? דידאָזיקע יאָרן האָבן אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־סיסטעם איז א באַנקראָטירטע סיסטעם, אַז די סאָוועטישע ווירטשאַפטס־סיסטעם פאַרמאָגט אַזעלכע פאָרצוגן, וועגן וועלכע עס וואַגט ניט צו טרוימען קיין איין בורזשואַזע מעלוכע, זאָל זי זיין די סאַמע „דעמאָקראַטישע“, „אַלגעמיין־פאָלקישע“ און אַז. וו.

אין זיין רעדע אַף דער קאָנפערענץ פון דער רק״פ אין מאַי 1921 האָט לענין געזאָגט:

„איצט ווירקן מיר אויף אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע דעריקער מיט אונזער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק. אַלע קוקן אַף דער סאָוועטישער רוסלענדישער רע־

פובליק, אלע אריבעטנדיקע אין אלע לענדער פון דער וועלט, אלע אן אויסנאם און אן שום גוזמע. דאס איז דערגרייכט. פארשווייגן, באהאלטן קאנען די קאפיטאליסטן גארניט, זיי כאפן מער פאר אלץ אונטער הריבער אונזערע ווירטשאפטלעכע פעלערן און אונזער שוואכקייט. אף דערדאזיקער ארענע איז דער קאמף אריבערגעטראגן געווארן אין אלוועלטלעכן מאסשטאב. וועלן מיר לייזן די דאזיקע אויפגאבע, האבן מיר דאן געוואונען אין צווישנפעלקערלעכן מאסשטאב אף געווים און ענדגילטיק" (באנד 18, טייל 1, זייט 282).

מע דארף אנערקענען, אז די אויפגאבע, וואס לענין האט אוועקגעשטעלט, פילט אונזער פארטיי אויס מיט דערפאלג.

## 9. די ארדנטלעכע אויפגאבן

### א) אלגעמיינע

1) פריער פאר אלץ, די פראבלעם ריכטיק פאנאנדערצוטיילן די אינדוסטריע איבער פסס"ר. ווי מיר זאלן ניט אנטוויקלען די פאלקסווירטשאפט, קאנען מיר זיך ניט באגיין אן דער פראגע וועגן דעם, ווי אזוי ריכטיק פארטיילן די אינדוסטריע אלס פירנדיקן צווייג פון דער פאלקסווירטשאפט. איצט האלט דאס אזוי, אז אונזער אינדוסטריע, ווי אויך אונזער פאלקסווירטשאפט, שפארט זיך אן אין גרונט אף דער קוילן-מעטאלורגישער באזע אין אוקראינע. פארשטייט זיך, אז אן א באזע איז ניט דענקבאר די אינדוסטריאליזאציע פונם לאנד. און אט אזא באזע איז בא אונז די אוקראינישע הייצווארג-מעטאלורגישע באזע. אבער צי קאן אף ווייטער בלויז דידאזיקע איינע באזע באפרידיקן סאי דעם דארעם, סא דעם צענטראלן טייל פסס"ר, סאי דעם צאפן, סאי דעם צאפן-מיזרעד און דעם וויטן מיזרעד און טורקעסטאן? אלע אנגאבן זאגן אונז, אז זי

קאָן ניט. דאָס נייע אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלקסווירטשאַפט באַשטייט צווישן אַנדערס אין דעם, וואָס דיראָזיקע באַזע איז שוין געוואָרן פאַר אונז קנאַפ. דאָס נייע באַשטייט אין דעם, אַז אַלמעגלעכער אַנטוויקלענדיק דיראָזיקע באַזע אויך ווייטער, זאָלן מיר צוזאַמען דערמיט אָנהויבן טייקעף שאַפן אַ צווייטע קוילן־מעטאַלורגישע באַזע. דיראָזיקע באַזע דאַרף זיין דער אוראַל־קוזנעצקער קאָמבינאַט, די פאַרייניקונג פון די קוזנעצקער קאָקסירנדיקע קוילן מיטן אוראַלער אַרץ (אַפלאָדיסמענטן). די בויאונג פונם אַוטאָזאַוואָד אין נ״זשני, פונם טראַקטאָר־זאַוואָד אין טשעליאַבינסק, פונם מאַשינבויערשן זאַוואָד אין סווערדלאָווסק, פון די קאָמבאַין־זאַוואָדן אין סאַראַטאָוו און נאָוואָסיבירסק; די וואַקסנדיקע קאָלירטע מעטאַלורגיע אין סיביר און קאַזאַקסטאַן, וועלכע פאָדערט די באַשאַפונג פון אַ גאַנץ רעמאָנט־וואַרשטאַטן און אַ ריי גרונטיקע מעטאַל־זאַוואָדן אין מיזרעך; צולעצט, דער באַשלוס וועגן אויסבויען טעקסטיל־פאַבריקן אין נאָוואָסיבירסק און אין טורקעסטאַן, — דאָס אַלץ באַפוילט, מע זאָל טייקעף צוטרעטן צו שאַפן אַ צווייטע קוילן־מעטאַלורגישע באַזע אַף אוראַל.

איר ווייסט, אַז דער צ. ק. פון אונזער פאַרטיי האָט זיך טאַקע אַרויסגעזאָגט אין דעמאָזיקן גייסט אין זיין רעזאָלוציע וועגן אוראַלמעט.

2) ווייטער גייט די פראָבלעם פון ריכטיקן פאַרטיילן די גרונט־צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט איבער פס״ר, די פראָבלעם פון ספעציאַליזירן אונזערע געגנטן לויט לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן און צווייגן. פאַרשטייט זיך, אַז באַ דער קליינפויערשער ווירטשאַפט איז קיין ערנסטע דורכפירונג פון ספעציאַליזאַציע ניט מעגלעך. ניט מעגלעך, ווייל די קליינע ווירטשאַפט, אַלס אַ ניטשטאַנדהאַפטיקע ווירטשאַפט, וועלכע האָט ניט קיין נויטיקע רעזערוון, איז געצוואונגען צו פלאַנצן באַ זיך אַלע

און אַלערלײ קולטורן, קעדײ באַ אַ דורכפאַל פון אײניקע
קולטורלן זאָל מען קענען אַרױספאָרן אַף אַנדערע. עס איז
אױך פאַרשטענדלעך, אַז ניט זיכערנדיק אין די הענט באַ
דער מעלוכע קײן געװיסע טװאָרע־רעזערװן, איז אומעגלעך
אַװעקצושטעלן די ספּעציאַליזאַציע. איצט, װען מיר זײנען
אַריבערגעגאַנגען צו גרױסער װירטשאַפט און געזיכערט אין
די הענט באַ דער מעלוכע טװאָרע־רעזערװן, קענען מיר
און דאַרפן זיך שטעלן די אױפגאַבע צו אָרגאַניזירן ריכ־
טיק די ספּעציאַליזאַציע לױט קולטורן און צװײגן. דער
אױסגאַנג־פּונקט פאַר דעראָזיקער זאַך איז דערבײ די ענד=
גילטיקע לײזונג פון דער טװאָרע=פּראָבלעם. איך זאָג „אױס=
גאַנגס־פּונקט“, װײל אָן דער לײזונג פון דער טװאָרע־פּראָב=
לעם, אָן דער אָרגאַניזירונג פון אַ רײכער נעץ טװאָרע־לאַ=
גערן אין די ראַיאָנען פון פּיצוכט, פון בױמװאָל, פון בו=
רעקעס, ליין, טאַבאַק איז אומעגלעך אַ רוק טאָן פאָרױס
די פּיצוכט און די טעכנישע קולטורן, איז אומעגלעך צו
זיכערן די אָרגאַניזירונג פון דער ספּעציאַליזאַציע פון אונ־
זערע געגנטן לױט די קולטורן און צװײגן.

די אױפגאַבע באַשטײט אין אױסנוצן די געשאַפענע מעג־
לעכקײטן און אַ רוק טאָן פאָרױס דידאָזיקע זאַך.

3) װײטער גײט די פּראָבלעם פון קאַדרען סײ אין
געביט פון דער אינדוסטריע סײ אין געביט פון דער
לאַנדװירטשאַפט. אַלעמען איז באַװאוסט די שװאַכע טעכ־
נישע אונטערגעשמידטקײט פון אונזערע װירטשאַפטלעכע
קאַדרען, פון אונזערע ספּעציאַליסטן, טעכניקער און
װירטשאַפטלעכע טוער. די זאַך װערט פאַרקאָמפּליצירט
דערמיט, װאָס אײן טײל ספּעציאַליסטן, װאָס איז פאַרבונ=
דן מיט די געװעזענע באַלעבאַטים און סטימולירט פון
אױסלאַנד, האָט זיך אַרױסגעװיזן בעראָש פון דער שעדי־
קונגס=אַרבעט. די זאַך װערט נאָך מער פאַרקאָמפּליצירט
דערמיט, װאָס אַ גאַנצע רײ װירטשאַפטלער־קאָמוניסטן
אונזערע האָבן דערבײ ניט אַרױסגעװיזן קײן רעװאָלוציא=

נערע וואַכזאַמקייט און זייער אָפּטמאָל אַרייַנגעפאַלן אין
גייסטיקער געפענגעניש צו די שעדיקונג-עלעמענטן. און
פאַר אונז שטייען דאָך קאָלאָסאַלע אויפגאַבן צו רעקאָנ-
סטרואירן די גאַנצע פאָלקסווירטשאַפט, וועלכע פאָדערן אַ
גרויסע צאָל נייע קאַדרען, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו באַ-
הערשן די נייע טעכניק. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז די
קאַדרען-פּראָבלעם בײַ אונז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בע-
עמעס ברענענדיקע פּראָבלעם.

די לייזונג פון דערדאָזיקער פּראָבלעם גייט בײַ אונז
לויט דער ליניע פון פאָלגנדיקע מאָסמיטלען: 1) אַנטשיי-
דענער קאַמף קעגן די שעדיקער; 2) מאַקסימום זאָרג און
כוש בעגוועגייע דער ריזיקער מערהייט ספּעציאַליסטן און
טעכניקער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגרענצט פון די שעדי-
קער (איך האָב אין זינען ניט שיינריידער און קונצנמאַכער
פונם אוסטריאַלאָוו-טיפּ, נאָרווירקלעכע וויסנשאַפטלעכע
טוער, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען מיטן אַרבעטער-קלאַס אָן
כאָכמעס); 3) אָרגאַניזירן טעכנישע הילף פון אויסלאַנד;
4) שיקן אונזערע ווירטשאַפטלער קיין אויסלאַנד זיך לער-
נען און בכלאַל קריגן דערפאַרונג אין טעכניק; 5) איבער-
געבן די טעכנישע וויסנשאַפטלעכע לערן-אַנשטאַלטן די
אַנטשפּרעכנדיקע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי
אויסצואַרבעטן שנעלער פון מענטשן פונם אַרבעטער-
קלאַס אַ גענוגע צאָל טעכניקער און ספּעציאַליסטן.

די אויפגאַבע באַשטייט אין פאַנאַנדערוויקלען די אַר-
בעט צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע מאָסמיטלען.

4) די פּראָבלעם פון קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם. די
געפאַר פון ביוראָקראַטיזם באַשטייט פריער פאַר אַלץ אין
דעם, וואָס ער לאָזט ניט אַרויס אָף דער ליכטיקער שיין
קאָלאָסאַלע רעזערוון, וועלכע ליגן פאַרבאָרגן אין די טיפע-
ניש פון אונזער אָרדענונג, ניט לאָזנדיק זיי אויסנוצן, סטאַ-
רעט ער זיך מאַכן צו נישט די שעפערישע איניציאַטיוו
פון די מאַסן, פאַרפעסטענדיק זיי מיט קאַנצעלאַרעריי און

פירט דערצו, אַז דער פּאַרטײיִם יעדער נײַער אָנהױב זאָל פּאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קלײנלעכער און נישטיקער גריבלערײַ. די געפאַר פון ביוראָקראַטיזם באַשטײט, צווישנס, אין דעם, וואָס ער דולדעט ניט קײן קאָנטראָל איבער דער אויספילונג און פּרוּווט זיך פּאַרוואַנדלען די גרונט־אָנווײַזונגען פון די אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס אין אַ פּוסט פּאַפּיר, וואָס איז אָפּגעריסן פונם לעבעדיקן לעבן. אַ געפאַר שטעלן פאָר ניט בלויז און ניט אַזוי פיל די אַלטע ביוראָקראַטן, וועלכע זײַנען געבליבן שטעקן אין אונזערע אַנשטאַלטן, נאָר אויך — באַזונדערס — די נײַע ביוראָקראַטן, די סאָוועטישע ביוראָקראַטן, צווישן וועלכע קאָמוניסטן־ביוראָקראַטן שפּילן ווײַט ניט די לעצטע ראָליע.

איך בין אויסן די „קאָמוניסטן“, וועלכע סטאַרען זיך מיט קאַנצעליאַרישע פּאַראָרדענונגען און „דעקרעטן“, וואָס אין זײער קראַפט גלויבן זײ ווי אין אַ פעטיש, פּאַרבײַטן די שעפערישע איניציאַטיוו און זעלבסטטעטיקײט פון די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום.

די אויפגאַבע באַשטײט אין צעקלאַפּן דעם ביוראָקראַטיזם אין אונזערע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, ליקווידירן די ביוראָקראַטישע „זיטן“ און „געוואוינהײטן“ און אָפּרײניקן דעם וועג פּאַר אויסנוצן די רעזערוון פון אונזער אָרדענונג, פּאַר פּאַנאַנדערוויקלען די שעפערישע איניציאַטיוו און די זעלבסטטעטיקײט פון די מאַסן.

די דאָזיקע אויפגאַבע איז ניט קײן לײַכטע. מע קאָן זי ניט לײזן „אײנס און צווײ“, אָבער מע מוז זי לײזן אום יעדן פּרײַז, אויב מיר ווילן ווירקלעך איבערגעשטאַלטן אונזער לאַנד אַף יעסוידעס פון סאָציאַליזם.

אין קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם גײט די אַרבעט פון דער פּאַרטײ לױט פיר ליניעס: לױט דער ליניע פון פּאַנאַנדערוויקלען די זעלבסטקריטיק, לױט דער ליניע פון אָרגאַניזירן דעם קאָנטראָל איבער דער אויספילונג, לױט דער ליניע פון רײניקן דעם אַפּאַראַט און צולעצט לױט

דער ליניע פון ארויסרוקן פון אונטן א'ן אפאראט א ריי איבערגעגעבענע טוער פון מענטשן פונעם אַרבעטער־קלאַס.

די אויפגאַבע באַשטייט אין אָנווענדן אַלע קרעפטן אַף אויספילן דיראָזיקע אַלע מאָסמיטלען.

5) די פראָבלעם פון וואוקס פון אַרבעטס־פראָדוקטיווקייט. אָן סיסטעמאַטישן וואוקס פון דער אַרבעטס־פראָדוקטיווקייט סײַ אין געביט פון דער אינדוסטריע, סײַ אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט קאָנען מיר ניט לייזן די אויפגאַבן פון רעקאָנסטרוקציע, קאָנען מיר ניט נאָר ניט דעריאָגן און אַריבעריאָגן די פאָרגעשריטענע קאַפיטאַליסטישע לענדער, נאָר אַפילע פאַרהיטן די זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ. דעריבער האָט די פראָבלעם פון וואוקס פון דער אַרבעטס־פראָדוקטיווקייט פאַר אונז אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג.

די מאָסמיטלען פון דער פאַרטיי צו לייזן דיראָזיקע פראָבלעם גייען לויט דריי ליניעס: לויט דער ליניע פון סיסטעמאַטישן פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטנדיקע, לויט דער ליניע פון איינפירן כאַווערשע אַרבעטס־דיסציפלין אין די אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט, לויט דער ליניע פון אָרגאַניזירן דעם סאַציאַליסטישן געוועט און שלאַגלעריי. דאָס אַלץ אַף דער באַזע פון פאַרבעסערטער טעכניק און ראַציאָנעלער אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע. די אויפגאַבע באַשטייט אין פאַנאַנדערוויקלען ווייטער די מאַסאָווע קאַמפאַניע צו פאַרווירקלעכן דיראָזיקע מאָסמיטלען.

6) די פראָבלעם פון באַזאָרגונג. אַהער באַציט זיך די פראַגע וועגן גענוגנדיקן באַזאָרגן די אַרבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף מיט די נויטיקע פראָדוקטן, די פראַגע וועגן צופאַסן דעם קאָאָפעראַטיוון אַפאַראַט צו די נויטן פון די אַרבעטער און פויערים, די פראַגע וועגן סיסטעמאַטישן פאַרגרעסערן דעם רעאַלן אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער, די פראַגע וועגן פאַרקלענערן די פרייזן אַף די

אינדוסטריעלע סכוירעס און לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן. וועגן די כעסרוינעס פון דער געברויך-קאָאָפּעראַציע האָב איך שוין גערעדט. מע מוז ליקווידירן דיזאָזיקע כעסרוינעס און זיך דערשלאָגן די דורכפירונג פון דער פּאָליטיק אראפּצוואַרפן די פּרייזן. וואָס איז שייך דעם מאַנגל אין סכוירעס (סכוירע-הונגער), האָבן מיר איצט אַ מעגלעכקייט צו פאַנאַנדערוויקלען די רויוואַרג-באַזע פון דער לייכטער אינדוסטריע און אַ רוק טאָן פאָרויס די פּראָדוקציע פון שטאָטישע סכוירעס פון מאַסאָווען געברויך. די באַזאָרגונג מיט ברויט קאָן מען האַלטן שוין פאַר געזיכערט. שווערער האַלט עס מיט פלייש, מילך-פּראָדוקטן און גרינס. דיזאָזיקע שוועריקייט קאָן צום באַדויערן ניט ליקווידירט ווערן אין משך פון עטלעכע כאָדאָשים. קעדיי בייצוקומען דיזאָזיקע שוועריקייט דאַרף מען האָבן וויניקסטנס אַ יאָר. אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר האָבן אַ מעגלעכקייט, פריער פאַר אַלץ אדאַנק די אָרגאַניזירטע דערצו ראַטווירטן און קאָלווירטן, צו באַוואָרענען פולשטענדיק די באַזאָרגונג מיט פלייש, מילך-פּראָדוקטן און גרינס. און וואָס הייסט באַהערשן די באַזאָרגונג מיט דיזאָזיקע פּראָדוקטן, ווען מיר האָבן שוין אין אונזערע הענט ברויט-רעזערוון, מאַנופאַקטור, פאַרשטאַרקטע וואוינונגס-בויאונג פאַר אַרבעטער און ביליקע קאָמונאַלע באַדינונג? דאָס הייסט באַהערשן די אַלע גרונט-פאַקטאָרן, וועלכע באַשטימען דעם בודזשעט פונעם אַרבעטער און זיין רעאַלן אַרבעטסלוין, דאָס הייסט זיכערן דעם שנעלן וואוקס פונעם רעאַלן אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער אַף געוויס און ענדגילטיק.

די אויפגאַבע באַשטייט אין פאַנאַנדערוויקלען די אַרבעט פון אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין דערדאָזיקער ריכטונג.

7) די פּראָבלעם פון קרעדיט און געלט-צירקוליאַציע. די ראַציאָנעלע אָרגאַניזאַציע פונעם קרעדיט-וועזן און

די ריכטיקע מאַנעווּרירונג מיט די געלט־רעזערוון האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט. די מאָסמיטלען פֿון דער פּאַרטיי צו לייזן דידאָזיקע פּראָבלעם גייען לויט צוויי ליניעס: לויט דער ליניע פֿון קאָנצענטרירן די גאַנצע זאַך פֿון קורצטערמיניקן קרעדיט אין מעלוכע־באַנק און לויט דער ליניע פֿון אָר־גאַניזירן די אָנמעזומענע צערעכענונג אין פֿאַרגעזעלשאַפֿט־לעכן סעקטאָר. דערמיט אַליין ווערט, ערשטנס, דער מע־לוכע־באַנק פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיין־מעלוכישן אַפּאַ־ראַט פֿאַר פּראָדוקציע־דיסקאָנט און פֿאַר פּראָדוקטן־פֿאַר־טיילונג, צווייטנס, ווערן פֿון דער צירקוליאַציע באַפֿרייט גאַנ־צע מאַסן געלט. עס קאָן ניט זיין קיין שום סאָפֿעק, אַז די־דאָזיקע מאָסמיטלען וועלן ברענגען (זיי ברענגען שוין) צו דער איינרעגולירונג פֿונם גאַנצן קרעדיט־וועזן און צו דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון אונזער טשערוואָנעץ.

8) די פּראָבלעם פֿון רעזערוון. עס איז שוין גערעדט געוואָרן עטלעכע מאָל און ס'איז ניט שאַטעד איבערצוכאַ־זערן, אַז אַ מעלוכע ביכלאַל, אונזער מעלוכע באַזונדערס, קאָן זיך ניט באַגיין אָן רעזערוון. מיר האָבן געוויסע רע־זערוון פֿון ברויט, סכוירעס, וואַלוטע. אונזערע כאַווײרים האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פֿילן פֿאַר דערדאָזיקער צייט די גינסטיקע ווירקונג פֿון דידאָזיקע רעזערוון. אָבער „געוויסע" רעזערוון איז פֿאַר אונז ניט גענוג. מיר דאַרפֿן האָבן מער סאָלידע רעזערוון לויט אַלע ליניעס. דערפֿון דרינגט די אויפֿגאַבע אָנצוזאַמלען רעזערוון.

## ב) אין דער אינדוסטריע

1) די הויפּט־פּראָבלעם איז די פֿאָרסירטע אַנטוויק־לונג פֿון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע. געמט אין אַכט, אַז מיר האָבן דערגרייכט די פֿאַרמילכאָמעדיקע נאָרמע טשוהון־פּראָדוקציע און מיר שטייגן זי איבער ערשט אין

לויפנדיקן 1929-30 י. דאָס איז אַ גרויסע געפאַר פאַר אונזער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט. קעדיי צו ליקווידירן די דאָזיקע געפאַר, דאַרף מען אײַנרעגולירן די פאָרסירטע אַנטוויקלונג פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע. מיר דאַרפן צום סאָף פינפיאָר ניט צען מיליאָן טשוהון, ווי דאָס פאָדערט דער פינפיאָר, נאָר 17 מיליאָן טאָן. די דאָזיקע אויפגאַבע דאַרפן מיר אויספילן אום יעדן פרייז, אויב מיר ווילן, ווי ס'דאַרף צו זײַן, פאַנאַנדערוויקלען די אינדוסטריאַליזאַציע פון אונזער לאַנד.

באָלשעוויקעס דאַרפן באַווײַזן, אַז זיי וועלן קאָנען זיך ספּראַווען מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע.

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז מיר דאַרפן פאַרוואַרפן די לײַכטע אינדוסטריע. ניין, דאָס הייסט עס ניט. ביז איצט האָבן מיר געשפּאָרט אף אַלץ, דערונטער אויך אף דער לײַכטער אינדוסטריע, אָבער די שווערע אינדוסטריע האָבן מיר שוין אויפגעשטעלט, מע דאַרף זי בלויז פאַנאַנדערוויקלען ווײַטער. איצט קאָנען מיר זיך אויסקערעווען צו דער לײַכטער אינדוסטריע און זי אַ רוק טאָן פאָרויס מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּ. דאָס נײַע אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער אינדוסטריע באַשטייט, צווישן אַנדערעם, אין דעם, וואָס מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּ סײַ די שווערע סײַ די לײַכטע אינדוסטריע. דאָס איבערשטײַגן די פּלענער פון די בוימוואָל, לײַן און בורעקעס-פאַרזייאונגען דאָס יאָר, די דערפאָלגרייכע לייזונג פון דער קענדיר-פּראָבלעם און קינסטלעכן זייד, — דאָס אַלץ רעדט וועגן דעם, אַז מיר האָבן אַ מעגלעכקייט ווירקלעך אַ רוק צו טאָן פאָרויס די לײַכטע אינדוסטריע.

2. די פּראָבלעם פון ראַציאָנאַליזאַציע, אַראָפּזעצונג פונם קערנקאָסט און פאַרבעסערונג פון דער קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע. מע קאָן ווײַטער ניט דולדן די לעכער אין געביט פון ראַציאָנאַליזאַציע, די ניטאויספילונג

פונעם פלאַן פון אַראָפּזעצן דעם קערנקאַסט און די העסלע־
כע קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע בא אַ רײ אונזערע
אונטערנעמונגען. דידאָזיקע לעבער און כעסרוינעם דריקן
אַף אונזער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט און לאָזן זי ניט
רוקן זיך פאָרויס. עס איז צייט, לאַנג צייט צו פאַרענדיקן
מיט דעמדאָזיקן שענדלעכן פלעק.

באָלשעוויקעס דאַרפן ווייזן, אַז זיי קאָנען זיך ספּראַ־
ווען מיט דערדאָזיקער אויפגאַבע.

3) די פּראָבלעם פון איינפערזאַניקייט. ניט צו דולדן
ווערן אויך די ברוכן אין געביט פון דורכפירן די איינפער־
זאָניקייט אין די אונטערנעמונגען. די אַרבעטער קלאָגן זיך
אַלץ: „ס'איז ניטאָ קיין באַלעבאָס אין זאַוואָד“, „ניטאָ קיין
אָרדענונג אין דער אַרבעט“. מע קאָן ווייטער ניט דולדן,
אַז אונזערע אונטערנעמונגען זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן פון
פּראָדוציר־אָרגאַניזמען אין פאַרלאַמענטן. אונזערע פאַר־
טייאישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן סאָ־
קאָלסאָף פאַרשטיין, אַז ניט באַוואָרענענדיק די איינפערזאָ־
ניקייט און ניט האָבנדיק איינגעשטעלט אַ שטרענגע פאַר־
אַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גאַנג פון דער אַרבעט, קאָנען מיר
ניט לייזן די אויפגאַבן צו רעקאָנסטרויִרן די אינדוסטריע.

## ג) אין דער לאַנדווירטשאַפט

1) די פּראָבלעם פון פיצוכט און טעכנישע קול־
טורן. איצט, ווען מיר האָבן שוין געלייזט אין גרונט די
טוואָוע־פּראָבלעם, קאָנען מיר צוטרעטן צום גלייכצייטיקן
לייזן אויך די פּראָבלעם פון פיצוכט, וואָס איז אינעם איצ־
טיקן מאָמענט אַ צאַפּלדיקע פּראָבלעם, און די פּראָבלעם
פון טעכנישע קולטורן. בא דער לייזונג פון דידאָזיקע פּראָב־
לעמעס דאַרף מען גיין מיט דעמזעלבן וועג, מיט וועל־
כן מיר זיינען געגאַנגען אין געביט פון לייזן די טוואָוע־
פּראָבלעם. דאָס הייסט דורך אָרגאַניזירן ראַטווירטן און

קאָלווירטן, וועלכע זייַנען די שטיצפּונקטן פון אונזער פּאָליטיק, ביסלעכווייז איבערגעשטאַלטן דעם טעכנישן און עקאָנאָמישן יעסאָד פון דער איצטיקער קליינפּויערשער פיצוכט און פון די טעכנישע קולטורן. דער „פיציכטלער", „שעפּסנציכטלער", „כאַזערציכטלער", דער „פּוטער און מילך־טרעסט" פליוס די קאָלווירטן אין געביט פון פיצוכט; די עקזיסטירנדיקע ראַטווירטן און קאָלווירטן אין געביט פון טעכנישע קולטורן, — דאָס זייַנען די אויסגאַנגס־פּונקטן פאַר דער לייזונג פון די פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר אונז.

2) די פּראָבלעם פון ווייטערדיקן פאַנאַנדערוויקלען די ראַטווירטישע און קאָלווירטישע בויאונג. ס'איז קוים נויטיק צו מאַריך זייַן וועגן דעם, אַז די דאָזיקע פּראָבלעם איז פאַר אונז אַן ערשטרייאיקע פּראָבלעם פון אונזער גאַנצער בויאונג אין דאָרף. איצט זעען אַפילו בלינדע, אַז דאָס פּויערטום האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן, אַ ראַדיקאַלן קער פונעם אַלטן צום נייעם, פון באַלעגופּישער פאַרשקלאַפונג צו פרייען קאָלווירטישן לעבן. מע קאָן שוין זיך ניט אומקערן צום אַלטן. דאָס באַלעגופּנטום איז פאַרורטיילט און וועט ליקווידירט ווערן. עס בלייבט בלויז איין וועג — דער קאָלווירטן־וועג, און דער קאָלווירטן־וועג איז שוין ניט קיין אומבאַוואוסטער און ניט אויספּרובירטער. ער איז אויספּרובירט און דורכקאָנטראָלירט אַף טויזנטער אויפּאַגים דורך די פּויערשע מאַסן גופא. ער איז אויסגעפּראוווט און אָפּגעשאַצט ווי אַ נייס, וואָס גיט די פּויערים אַ באַפרייאונג פון דער באַלעגופּישער פאַרשקלאַפונג פון נויט, פון פינסטערניש. אין דעם איז דער יעסאָד פון אונזערע דערגרייכונגען.

ווי אַזוי וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען ווייטער די נייע באַוועגונג אין דאָרף? פאָרנט וועלן גיין די ראַטווירטן, ווי דער רוקנביין פון דער איבערבויאונג פונעם אַלטן דאָרף־שטייגער. נאָך זיי וועלן זיך ציען די פילצאַליקע קאָלווירטן,

אַלס שטיץ־פונקטן פאַר דער נייער באַוועגונג אין דאָרף. די פאַרייניקטע אַרבעט פון דידאָזיקע צוויי סיסטעמען שאַפט באַדינגונגען פאַר דער פולער קאָלעקטיוויזאַציע פון אַלע געגנטן פון פסס"ר.

איינע פון די סאַמע מערקווירדיקע דעראָבערונגען פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט שוין באַוויזן אַרויסצורוקן טויזנטער אָרגאַניזאַטאָרן און צענדליקער טויזנטער אַגיטאַטאָרן פאַר דער קאָלווירטישער זאַך פון צווישן די פויערים גופע. איצט וועלן שוין ניט מיר אַליין, קוואַליפיצירטע באָלשעוויקעס, נאָר די פויערים פון די קאָלווירטן, צענדליקער טויזנטער פויערים אָרגאַניזאַטאָרן און אַגיטאַטאָרן פון דער קאָלווירטישער זאַך טראָגן פאָרויס די פאָן פון קאָלעקטיוויזאַציע. און די פויערים־אַגיטאַטאָרן זיינען אויסגעצייכנטע אַגיטאַטאָרן פאַר דער קאָלווירטישער באַוועגונג, ווייל זיי וועלן געפינען אַזעלכע אַרגומענטן לעטויוועס די קאָלווירטן, פאַרשטענדלעכע און אָנעמבאַרע פאַר דער איבעריקער מאַסע פויערים, וועגן וועלכע מיר, קוואַליפיצירטע באָלשעוויקעס, קאָנען אַפילע ניט טרוימען.

עס הערן זיך דאָ און דאָרט שטימען וועגן דער נויטיקייט אָפּצוזאָגן זיך פון דער פּאָליטיק פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. עס זיינען דאָ יעדיעס, אַז אַפילע אין אונזער פּאַרטיי זיינען פאַראַן אָנהענגער פון דערדאָזיקער „אידייע". אָבער אַזוי קאָנען ריידן בלויז מענטשן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעשלאָסן ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק מיט די סאָנים פון קאָמוניזם. דער מעטאָד פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע איז דער נויטיקער מעטאָד, אָן וועלכן עס איז אוממעגלעך אויסצופילן דעם פינפיאָריקן קאָלעקטיוויזאַציע־פּלאַן פון אַלע געגנטן אין פסס"ר. ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אים, ניט פאַראַטנדיק דעם קאָמוניזם ניט פאַראַטנדיק די אינטערעסן פונם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום?

דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז אין געביט פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג וועט בײַ אונדז אַלץ דורכגיין „גלאַט“ און „נאָרמאַל“. וואַקלונגען איבערוויגיק אין די קאָלווירטן וועלן נאָך זיין. צופאַלן און אַפּפאַלן וועלן נאָך זיין. אָבער דאָס קאָן ניט און דאַרף ניט ברענגען אין פאַרלעגנהייט די בויער פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג. דאָס קאָן אַוודאי ניט דינען אַלס ערנסטע שטערונג פאַר דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג. אַזאַ געזונטע באַוועגונג, ווי עס איז אָן סאָפעק די קאָלווירטישע באַוועגונג, וועט זיך אַלצייגנס דערשלאָגן אירס, ניט געקוקט אַף קיין זאַך, ניט געקוקט אַף אייגצלנע שטערונגען און שוועריקייטן.

די אויפגאַבע באַשטייט אין צוגרייטן די קרעפטן און אַוועקשטעלן די זאַך פאַר דער ווייטערדיקונג פאַנאַנדערוויקלונג פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג.

3) די פּראָבלעם פון דערנעענטערן וואָס מער דעם אַפּאַראַט צו די ראַיאָנען און דערפער. עס קאָן קיין סאָפעק ניט זיין, אַז מיר וואָלטן ניט געקאָנט אויפהייבן די קאָלאָסאַלע אַרבעט איבערצובויען די לאַנדווירטשאַפט און אַנטוויקלען די קאָלווירטישע באַוועגונג, ווען מיר זאָלן ניט געווען דורכפירן די ראַיאָנירונג. די פאַרגרעסערונג פון די געגנטן און זייער איבערגעשטאַלטונג אין ראַיאָנען, די פאַרניכטונג פון די גובערניעס און זייער איבערגעשטאַלטונג אין קלענערע איינסן (קרייזן), צולעצט די באַשאַפונג פון געגנטן, אַלס דירעקטע שטיצפונקטן פונם צ. ק. — דאָס איז דער אַלגעמיינער אויסזען פון דער ראַיאָנירונג. דער ציל פון דער ראַיאָנירונג איז צו דערנעענטערן דעם פאַרטיי-סאָוועטישן און ווירטשאַפטלעך-קאָאָפּעראַטיוון אַפּאַראַט צום ראַיאָן און צום דאָרף, כדי צו קריגן אַ מעגלעכקייט באַצייטנס צו לייזן די אָנגעווייטיקסטע פראַגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון איר אויפשטייג, פון איר רעקאָנ-

סטרוקציע. אין דעם זין, כאַזער איך איבער, האָט די ראַיאָנירונג געגעבן אַ ריזיקן פליוס אונזער גאַנצער בויאונג.

אָבער צי איז אַלץ געטאָן געוואָרן, קעדיי ווירקלעך צו דערנענטערן און ווי ס׳דאַרף צו זיין דערנענטערן דעם אַפאַראַט צו די ראַיאָנען און דערפער? ניין, ניט אַלץ איז געטאָן געוואָרן. איצט איז דער שווערפונקט פון דער קאָלווירטישער בויאונג אַריבערגעטראָגן אין די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס. אַהער ציען זיך צונויף די פעדים פון דער קאָלווירטישער בויאונג און פון יעדער אַנדער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין דאָרף, סאַי לויט דער ליניע פון קאָאָפעראַציע, סאַי לויט דער ליניע פון די ראַטן, סאַי לויט דער ליניע פון קרעדיט, סאַי לויט דער ליניע פון די פאַרגרייטונגען. צי זיינען די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס גענוג באַזאָרגט מיט די נויטיקע טוער אַף אויפהויבן דידאָזיקע גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעט? עס קאָן ניט זיין קיין ספק, אַז זיי זיינען באַזאָרגט מיט טוער זייער קנאַפ. וואו זשע איז דער אויסוועג? וואָס דאַרף מען טאָן, קעדיי צו פאַריכטן דעמדאָזיקן דעפעקט און פאַרזיכערן די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע צווייגן פון אונזער אַרבעט מיט דער גענוגער צאָל נויטיקע טוער? צוליב דעם דאַרף מען טאָן וויניקסטנס צוויי זאַכן: 1) אָפשאַפן די קרייזן (אַפלאָדיםמענטן), וועלכע ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אומנויטיקע מעכיצע צווישן דער געגנט און די ראַיאָנען, און אַפן כעשבן פון די באַפרייטע קרייזישע טוער פאַרשטאַרקן די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס; 2) פאַרבינדן די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס דירעקט מיט דער געגנט (קאַנטקאָם, נאַצ. צ. ק.). אָט דאָס וועט טאַקע העלפן דערפירן ביזן סאָף די ראַיאָנירונגס־אַרבעט, דערפירן ביזן סאָף די דערנענטערונג פונם אַפאַראַט צו די ראַיאָנען און צו די דערפער.

דאָ האָט מען אַפלאָדירט באַם ריידן וועגן דער פערספעקטיוו אָפצושאַפן די קרייזן. נאַטירלעך, אַז די קרייזן דאַרף מען ליקווידירן. אָבער עס וואָלט געווען אַ פעלער צו

מיינען, אַז דאָס גיט אונז דאָס רעכט מאַכן מיט דער בלאָטע די קרייזן, ווי עס באַגייען זיך אייניקע כ"ב אין „פּראַוודאַ". מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די קרייזן האָבן אַרויסגעטראָגן אַף זייערע פּלייצעס אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט און האָבן אָפּגעשפּילט אין זייער צייט אַ גרויסע היסטאָרישע ראָליע (אַפּלאָדיסמענטן). אויך האַלט איך, אַז עס וואָלט געווען אַ פעלער אַרויסצואווייזן צו פיל איילעקייט אין פראַט פון אָפּשאַפן די קרייזן. דער צ"ק האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אָפּשאַפן די קרייזן, אָבער ער טראַכט קלאָל ניט, אַז מע דאַרף דאָס דורכפירן טייקעף. ס'איז קלאָר, אַז עס וועט נאָך אויסקומען דורכמאַכן די נויטיקע צוגרייטונגס-אַרבעט פאַרן אָפּשאַפן די קרייזן.

## ד) אינם טראַנספּאָרט

צולעצט די פּראָבלעם פון טראַנספּאָרט. עס איז ניט נויטיק מאַריך זיין וועגן דער ריזיקער באַדייטונג פונם טראַנספּאָרט פאַר דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט. און ניט גאָר פאַר דער פאָלקסווירטשאַפט. ווי באַוואוסט, האָט דער טראַנספּאָרט די סאַמע ערנסטע באַדייטונג אויך פאַר דער לאַנדשוץ. און אָט, ניט געקוקט אַף דער קאָלאָסאַלער באַדייטונג פונם טראַנספּאָרט, שטייט די טראַנספּאָרט-ווירטשאַפט, די רעקאָנסטרוקציע פון דערדאָזיקער ווירטשאַפט נאָך אַלץ אָפּ פון דעם אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ. צי דאַרף מען נאָך דערווייזן, אַז באַ אַזאַ לאַגע ריזיקירן מיר צו פאַרוואַנדלען דעם טראַנספּאָרט אין אַ „שמאָל אָרט" פון דער פאָלקסווירטשאַפט, וואָס קאָן פאַרטאָרמאָזירן אונזער באַוועגונג פאָרויס? צי איז שוין ניט צייט צו מאַכן אַ סאָף צו אַזאַ לאַגע?

באַזונדערס שלעכט האַלט עס מיטן טייך-טראַנספּאָרט. ס'איז אַ פאַקט, אַז דער וואָלגער שיפאַנג האָט זיך קוים דערשלאָגן 60 פּראָצ., און דער דניעפּרישער 40

פראָצ. פון פאַר דער מילכאָמע. 60 און 40 פראָצ. פון
פאַר דער מילכאָמע — דאָס איז אַלץ וואָס דער טייד־
טראַנספּאָרט קאָן אריינטראָגן אין צעטל פון זיינע „דער־
גרייכונגען". ניט שאַיעך צו ריידן — אַ גרויסע „דערגריי־
כונג". צי איז ניט צייט צו פאַרענדיקן מיט דערדאָזיקער
שאַנד? (שטימען: „צייט").

די אויפגאַבע באַשטייט אין נעמען זיך סאָפּקאָלסאָף
באָלשעוויסטיש פאַרן טראַנספּאָרט און אים אַ רוק טאָן
פאָרויס.

דאָס זיינען די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון דער
פּאַרטיי.

וואָס פאָדערט זיך צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויפ־
גאַבן?

צוליב דעם פאָדערט זיך פריער פאַר אלץ און דעריקער
פארזעצן דעם פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף אַף די קאַפּי־
טאַליסטישע עלעמענטן אַפן גאַנצן פראָנט און דערפירן
אים ביזן סאָף.

דערין ליגט דער צענטר און דער יעסאָד פון אונ־
זער פּאָליטיק אינם געגעבענעם מאָמענט. (אַפּלאָדיסמענטן).

## III. די פּאַרטיי

איך גיי אַריבער צו דער פראַגע וועגן דער פּאַרטיי.

איך האָב אויבן גערעדט וועגן די פאַרצוגן פון דער
סאָוועטישער ווירטשאַפט־סיסטעם לעגאַבע דער קאַפּיטאַ־
ליסטישער סיסטעם. איך האָב גערעדט וועגן יענע קאָלאָ־
סאַלע מעגלעכקייטן, וועלכע עס גיט אונז אונזער אָרדע־
נונג אין דער זאַך פון קאַמף פאַרן פולשטענדיקן ניצאָכן
פונם סאָציאַליזם. איך האָב גערעדט וועגן דעם, אַז אָן
דידאָזיקע מעגלעכקייטן, אָן דער אויסנוצונג פון דידאָזי־

קע מעגלעכקייטן וואָלטן מיר זיך ניט דערשלאָגן יענע ערפאָלגן, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט פאַרן פאַרגאַנגענעם פעריאָד.

אָבער אָט איז אַ פראַגע: צי האָט אונזער פּאַרטיי באַוויזן ריכטיק אויסצונוצן די מעגלעכקייטן, וועלכע עס גיט אונז די סאָוועטישע אָרדענונג; צי האָט זי ניט געהאַלטן דידאָזיקע מעגלעכקייטן ערגעץ וואו באַהאַלטן און אַזוי אַרום געשטערט דעם אַרבעטער-קלאַס פאַנאַנדערצואוויקלען ביזן סאָף זיין רעוואָלוציאָנערע מעכטיקייט; צי האָט זי באַוויזן אַרויסצופרעסן פון דידאָזיקע מעגלעכקייטן דאָס אַלץ, וואָס מע האָט געקאָנט אַרויספרעסן, כדי פאַנאַנדערצואוויקלען איבערן גאַנצן פראָנט די סאָציאַליסטישע בויאונג?

די ראַטן-אָרדענונג גיט קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן פאַרן פולן ניצחון פונעם סאָציאַליזם. אָבער אַ מעגלעכקייט איז נאָך ניט קייןווירקלעכקייט. כדי צו פאַרוואַנדלען די מעגלעכקייט אין אַ ווירקלעכקייט איז נויטיק אַ גאַנצע ריי באַדינגונגען, וואָס צווישן זיי שפּילט די ליניע פון דער פּאַרטיי און די ריכטיקע דורכפירונג פון דערדאָזיקער ליניע ווייט ניט די לעצטע ראָלע.

עטלעכע ביישפּילן.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטן באַהויפּטן, אַז דער נעפּ זיכערט אונז דעם ניצחון פונעם סאָציאַליזם, — הייסט עס, אַז מע קאָן ניט באַאומרואיקן זיך מיקויעך דעם טעמפּ פון דער אינדוסטריאַליזאַציע, דער אַנטוויקלונג פון די ראַטווירטן און קאָלווירטן א. ד. גל., ווייל דאָס קומען פונעם ניצחון איז סײַ ווי געזיכערט אין דער אָרדענונג, אַזוי צו זאָגן, פון סטיכישקייט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק און נאַריש. ריידן אַזוי, — הייסט אָפּלייקענען די ראָלע פון דער פּאַרטיי אין דער בויאונג פונעם סאָציאַליזם, אָפּלייקענען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער פּאַרטיי פאַר דערדאָזיקער בויאונג. לענין האָט קלאָר ניט

געזאָגט, אַז דער נעפּ גאַראַנטירט אונז דעם ניצאָכן פונעם סאָציאַליזם. לענין האָט בלויז גערעדט וועגן דעם, אַז „עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זיכערט אונז דער נעפּ פולשטענדיק די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק“. אָבער אַ מעגלעכקייט איז נאָך ניט קיין ווירקלעכקייט. כדי צו פאַרוואַנדלען די מעגלעכקייט אין אַ ווירקלעכקייט, דאַרף מען פריער פון אַלץ אָפּוואַרפן די טעאָריע פון סטיכישקייט, מע דאַרף איבערבויען (רעקאָנסטרואירן) די פאָלקסווירטשאַפט און פירן אַן אַנטשיידענעם אָנגריף אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטן באַהויפּטן ווייטער, אַז אין אונזער אָרדענונג זיינען ניט פאַרלייגט קיין גרונטן פאַר אַ שפּאַלטונג צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם פּויערטום, — הייסט עס, אַז מע קאָן זיך ניט באַאומרואיקן מיקויעד איינשטעלן אַ ריכטיקע פּאָליטיק בענוגע צו די סאָציאַלע גרופּן פונעם דאָרף, ווייל דער באַלעגוף וועט כאַי ווי אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם, און דער בונד פון די אַרבעטער און פּויערים וועט געזיכערט זיין אין סיידער, אַזוי צו זאָגן, פון סטיכישקייט. דאָס איז אויך ניט ריכטיק און נאַריש. אַזוי קאָנען ריידן נאָר מענטשן, וועלכע פאַרשטייען ניט, אַז די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי און דערצו נאָך פון אַזאַ פּאַרטיי, וואָס שטייט בא דער מאַכט, איז דאָך דער גרונט־מאָמענט, וועלכער באַשטימט דעם גורל פונעם בונד צווישן די אַרבעטער און פּויערים. לענין האָט קלאָר ניט געהאַלטן פאַר אויסגעשלאָסן די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם פּויערטום. לענין האָט גערעדט וועגן דעם, אַז „אין אונזער סאָציאַלער אָרדענונג זיינען ניט פאַרלייגט מיט קיין נייטווענדיקייט די גרונטן פון אַזאַ שפּאַלטונג“, נאָר „אויב עס וועלן אַנטשטיין ערנסטע קלאַסן־סטירעס צווישן די דאָזיקע קלאַסן, דעמאָלט וועט די שפּאַלטונג זיין

אומפאַרמיידלעך“. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט לענין געהאַלטן, אַז:

„די הויפּט־אויפגאַבע פון אונזער צ“ק און צק“ק, ווי פון אונזער פּאַרטיי אינגאַנצן גענומען, באַשטייט דערין, אַז מע זאָל אויפמערקזאַם נאָכשפּירן נאָך די אומשטענדן, פון וועלכע עס קאָן אַרויסקומען אַ שפּאַלטונג, און וואָרענען זיך קעגן זיי, ווייל אין לעצטן סאַכאַקל וועט דער גורל פון אונזער רעפּובליק אָפּהענגיק זיין דערפון, צי די פּויערישע מאַסע וועט גיין מיטן אַרבעטער־קלאַס, היטנדיק טרייהייט דעם בונד מיט אים, אָדער זי וועט לאָזן די „נעפּלייט“, דאָס הייסט דער נייער בורזשואַזיע, צעשיידן זי מיט די אַרבעטער, צעשפּאַלטן זי מיט זיי“.

הייסט עס, אַז אַ שפּאַלטונג צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם פּויערטום איז ניט אויסגעשלאָסן, אָבער זי איז קלאָל ניט קיין כיווו, ווייל אין אונזער אָרדענונג איז פאַרלייגט די מעגלעכקייט אויסצומיידן די דאָזיקע שפּאַלטונג און פאַרפעסטיקן דעם בונד פונם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום. און וואָס פאָדערט זיך קעדיי די דאָזיקע מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט? קעדיי די מעגלעכקייט ניט צו דערלאָזן צו קיין שפּאַלטונג פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט, דאַרף מען פריער פון אַלץ באַגראָבן די טעאָריע פון סטיכישקייט, מע דאַרף אַרויסרייסן די וואָרצלען פונם קאַפּיטאַליזם, אָרגאַניזירנדיק קאָלווירטן און ראַטווירטן, און אַריבערגיין פון דער פּאָליטיק פון באַגרענעצן די עקספּלואַטאַטאָרישע טענדענצן פונם באַלעגופנטום צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס.

עס קומט אַזוי אַרויס, אַז מע דאַרף שטרענג אונטערשיידן צווישן די מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַראַן אין אונזער אָרדענונג, און דער אויסנוצונג פון די דאָזיקע

מעגלעכקייטן, דער פֿאַרוואַנדלונג פֿון דידאַקטישע מעגלעכקייטן אין אַ ווירקלעכקייט.

עס קומט אַרויס, אַז עס זייַנען פֿולשטענדיק דענקבאַר פֿאַלן, ווען מעגלעכקייטן פֿאַר אַ ניצלעכן זייַנען פֿאַראַן, אָבער די פּאַרטיי זעט ניט די דידאַקטישע מעגלעכקייטן אָדער זי קאָן זיי ניט ריכטיק אויסנוצן און דעריבער קאָן זיך אָנשטאָט אַ ניצלעכן באַקומען אַ מאַפּאָלע.

און אָט איז אַלץ דיזעלביקע פֿראַגע: צי האָט די פּאַרטיי באַוויזן ריכטיק אויסצונוצן די מעגלעכקייטן און פֿאַרצונגען, וועלכע עס גיט אונדז די ראַטן־אָרדענונג; צי האָט זי אַלץ געטאָן קעדיי צו פֿאַרוואַנדלען דידאַקטישע מעגלעכקייטן אין אַ ווירקלעכקייט און זיכערן אַזוי אַרום פֿאַר אונדזער בויאונג דעם מאַקסימום ערפֿאָלגן?

אַנדערש געזאָגט: צי האָבן די פּאַרטיי און איר צ"ק ריכטיק אָנגעפֿירט מיט דער בויאונג פֿונם סאָציאַליזם פֿאַרן פֿאַרגאַנגענעם פּעריאָד?

וואָס פֿאָדערט זיך פֿאַר אַ ריכטיקער פּאַרטיי־אָנפֿירונג אין אונדזערע היינטצייטיקע באַדינגונגען?

פֿאַר אַ ריכטיקער פּאַרטיי־אָנפֿירונג איז נויטיק, כּוץ אַלעם איבעריקן, אַז די ליניע פֿון דער פּאַרטיי זאָל זייַן אַ ריכטיקע, אַז די מאַסן זאָלן פֿאַרשטיין די ריכטיקייט פֿון דער פּאַרטיי־ליניע און זאָלן זי אַקטיוו שטיצן, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך ניט באַגרענעצן מיט אויסאַרבעטן אַ גענעראַלע ליניע, נאָר זי זאָל טאָג איין טאָג אויס אָנפֿירן מיט דער דורכפֿירונג פֿון דער ליניע אין לעבן, אַז די פּאַרטיי זאָל פֿירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די אָפּנייגן פֿון דער גענעראַלער ליניע און דער טאָלעראַנטקייט צו זיי, אַז אינעם קאַמף קעגן די אָפּנייגן זאָל די פּאַרטיי שמידן די איינהייט פֿון אירע רייען און די אייַזערנע דיסציפּלין.

וואָס האָט די פּאַרטיי און איר צ"ק געטאָן צו פֿאַרווירקלעכן דידאַקטישע באַדינגונגען?

# 1. פראַגן פון אַנפירונג מיט דער סאַציאַליס־טישער בויאונג

א) די גרונטיקע איינשטעלונג פון דער פּאַרטיי אינם געגעבענעם מאָמענט באַשטייט אין אַריבערגיין פונם אָנגריף פונם סאָציאַליזם אַף באַזונדערע טיילן פונם ווירטשאַפטלעכן פראָנט צו אַן אָנגריף אַפן גאַנצן פראַנט, סאַי אין געביט פון דער אינדוסטריע, סאַי אין געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער 14-טער צוזאַמענפאָר איז געווען דעריקער אַ צוזאַמענפאָר פון אינדוסטריאַליזאַציע. דער 15-טער צוזאַמענפאָר איז געווען דעריקער אַ צוזאַמענפאָר פון קאָלעקטיוויזאַציע. דאָס איז געווען די צוגרייטונג צום אַלגעמיינעם אָנגריף. אַלס אונטערשייד פון די דורכגעגאַנגענע עטאַפּן איז דער פּעריאָד פאַרן 16-טן צוזאַמענפאָר אַ פּעריאָד פון גרויסן אַלגעמיינעם אָנגריף פונם סאָציאַליזם איבערן גאַנצן פראַנט, אַ פּעריאָד פון פאַרשטאַרקטער בויאונג פונם סאָציאַליזם סאַי אינם געביט פון דער אינדוסטריע, סאַי אינם געביט פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער 16-טער צוזאַמענפאָר איז אַ צוזאַמענפאָר פון פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף פונם סאָציאַליזם אַפן גאַנצן פראַנט, פון ליקווידירן דאָס באַלעגופּנטום אַלס קלאַס און דורכפירן אין לעבן די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע.

אַט דאָס האָט איר אין צוויי ווערטער דעם טאָך פון דער גענעראַלער ליניע פון אונזער פּאַרטיי.

צי איז ריכטיק דידאָזיקע ליניע?

יאָ, ריכטיק. די פאַקטן זאָגן, אַז די גענעראַלע ליניע פון אונזער פּאַרטיי איז די איינציק-ריכטיקע ליניע. (אַפּלאָדיסמענטן).

דערויף זאָגן איידעס די ערפאָלגן און דערגרייכונגען, וועלכע מיר האָבן אַפן פראָנט פון סאָציאַליסטישער בויאונג. עס האָט ניט געטראָפן און עס קאָן ניט זיין, אַז

דיע־אַנטשײדענער ניצאָכן, װעלכן די פּאַרטײ האָט אָפּגעהאַלטן פאַרן פאַרגאַנגענעם פּעריאָד אַפן פראָנט פון סאָציאַליסטישער בױאונג אין שטאָט און אין דאָרף, זאָל זײן אַ רעזולטאַט פון ניט קײן ריכטיקער פּאָליטיק. נאָר די ריכטיקע גענעראַלע ליניע האָט אונז געקאָנט געבן אַזאַ ניצאָכן.

דערױף זאָגט אײדעם אָט די צעיושעטע װאַיעניש קעגן דער פּאָליטיק פון אונזער פּאַרטײ, װעלכע עס האָבן די לעצטע צײט אױפגעהױבן אונזערע קלאַסן־פײנט, די קאַפּיטאַליסטן און זײער פּרעסע, דער פּױפּסט און די בישאָפן פון אַלערלײ מינים, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די „רוסישע“ מענשעװיקעס פונם טיפּ אַבראַמאָװיטש און דאַן. די קאַפּיטאַליסטן און זײערע לאַקײען זידלען אונזער פּאַרטײ, — הײסט עס, אַז די גענעראַלע ליניע פון דער פּאַרטײ איז ריכטיק. (אַפּלאָדיסמענטן).

דערױף זאָגט אײדעם דער גורל פונם טראָצקיזם, װאָס איז איצט אַלעמען באַקאַנט. די הערן פונם טראָצקיסטישן לאַגער האָבן געפּלױדערט װעגן „איבערגעבורט“ פון דער ראַטנמאַכט, װעגן „טערמידאָר“, װעגן דעם „אומפאַרמײדלעכן ניצאָכן“ פונם טראָצקיזם א. א. װ. און װאָס האָט זיך באַקומען אין דער װירקלעכקײט? עס האָט זיך באַקומען די צעפּאַלונג, דער סאָף פונם טראָצקיזם: אײן טײל טראָצקיסטן האָט, װי באַװאוסט, אײנגעריסן מיטן טראָצקיזם און האָט אין פּילצאָליקע דערקלערונגען פון זײנע פאַרשטײער אָנערקענט די גערעכטקײט פון דער פּאַרטײ און זיך צעשריבן אין דער קאָנטר־רעװאָלוציאָנערישקײט פונם טראָצקיזם. אַ צװײטער טײל טראָצקיסטן איז װירקלעך איבערגעבוירן געװאָרן אין טיפּישע קלײנבירגערלעכע קאָנטר־רעװאָלוציאָנערן און זיך פאַרװאַנדלט פּאַקטיש אין אַ אינפאָרמיר־ביוראָ פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע איבער די איניאָנים פון דער אַלק״פּ. און די ראַטנמאַכט, װעלכע האָט געדאַרפט „איבערגעבאָרן“

ווערן (אָדער „איז שוין איבערגעבוירן געוואָרן"), איז זיך געזונט און שטאַרק און בויט ווייטער דעם סאָציאַליזם, מיט ערפאָלג ברעכנדיק דעם רוקנביין די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון אונזער לאַנד און זייערע קליינבירגערלעכע אונטערזינגערס.

דערויף זאָגט איידעם דער גורל פון די רעכטע אָפּנויגלער, וואָס איז איצט אַלעמען באַקאַנט. זיי האָבן געפּלוידערט און געשריען, וועגן דער „אומבערעכנערישקייט" פון דער פּאַרטיי־ליניע, וועגן אַ „וואַרשיינלעכער קאַטאַסטראָפע" אין פּסס"ר, וועגן דער נויטיקייט צו „ראַטעווען" דאָס לאַנד פון דער פּאַרטיי און פון איר אָנפירונג א.א.וו. און וואָס האָט זיך פאַקטיש באַקומען? פאַקטיש האָט זיך באַקומען, אַז די פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן די גרעסטע ניצכוינעס אַף אַלע פראָנטן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, און די גרופּע רעכטע אָפּנויגלער, וועלכע האָט געוואָלט „ראַטעווען" דאָס לאַנד, האָט דערנאָך אָנערקענט די פעלערהאַפטיקייט פון איר אָנשויאונגען און איז פאַרקראָכן אין אַ זומפּ.

דערויף זאָגט איידעם די וואַקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע אַקטיווקייט פונם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום, די אַקטיווע אונטערשטיצונג פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק מיצאַד די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטנדיקע און, צולעצט, יענער אויסערגעוויינלעכער אַרבעט־ענטוזיאַזם פון די אַרבעטער און פויערים־קאָלווירטניקעס, וועלכער איבעראַשט מיט זיין גראַנדיעזקייט אי די סאָנים אי די פריינט פון אונזער לאַנד.

איך רייד שוין ניט וועגן אַזוינע סימאָנים פון וואוקס פונם צוטרוי צו דער פּאַרטיי, ווי די מעלדונגען פון אַרבעטער וועגן אַרייַנטרעטן אין דער פּאַרטיי גאַנצע צעכנווייז און זאַוואָדנווייז, דער וואוקס פון דער צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער אין דער צווישנצייט פונם 15־טן ביזן 16־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אַף העכער 600 טויזנט מאַן, דאָס,

וואָס בלויז פאַרן האַיאָריקן ערשטן קוואַרטל זיינען אריינגעטראָטן אין דער פאַרטיי 200 טויזנט נייע מיטגלידער. וואָס באַווייזט דאָס אַלץ, אויב ניט דאָס, אַז די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטנדיקע באַנעמען די ריכטיקייט פון דער פּאָליטיק פון אונזער פאַרטיי און זיינען גרייט צו אונטערשטיצן זי?

מע דאַרף אָנערקענען, אַז דידאָזיקע פאַקטן וואָלטן ניט געווען, ווען די גענעראַלע ליניע פון אונזער פאַרטיי וואָלט ניט געווען די איינציק־ריכטיקע ליניע.

ב) אָבער די פאַרטיי קאָן זיך ניט באַגרענעצן מיט אויסאַרבעטן די גענעראַלע ליניע. זי דאַרף נאָך קאָנטראָלירן טאָג איין טאָג אויס, ווי אַזוי די גענעראַלע ליניע ווערט דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק, זי דאַרף אָנפירן מיטן דורכפירן די גענעראַלע ליניע, פאַרבעסערנדיק און פאַרפולקומענדיק אינם גאַנג פון דער אַרבעט די אָנגענומענע פּלענער פון דערווירטשאַפטלעכער בויאונג, פאַריכטנדיק און אויסמיידנדיק פעלערן.

**ווי אזוי האָט דידאזיקע אַרבעט אויסגעפילט דער צ"ק פון אונזער פאַרטיי?**

די אַרבעט פונם צ"ק אין דעמדאָזיקן געביט איז געגאַנגען דעריקער לויט דער ליניע פון אויסבעסערן און פאַרפינקטלעכערן דעם פינפיאָריקן פּלאַן אינם זין פון פאַרגרעסערן די טעמפּן און פאַרקירצן די טערמינען, לויט דער ליניע פון קאָנטראָלירן, ווי אַזוי די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פילן אויס די איינגעשטעלטע אויפגעבונגען.

אָט זיינען עטלעכע גרונט־באַשטימונגען פונם צ"ק, וואָס בעסערן אויס דעם פינפיאָריקן פּלאַן אינם גייסט פון אויפהויבן די בויאונגס־טעמפּן און פון פאַרקלענערן די אויספילונגס־טערמינען.

פאַר דער שוואַרצער מעטאַלורגיע: דער פינפיאָריקער פּלאַן זעט פאָרויס צו דערפירן די טשוהון־פּראָ־

דוקציע אינם לעצטן יאָר פֿונם פֿינפֿיאָר ביז 10 מיליאָן טאָן; אָבער דער באַשלוס פֿונם צ״ק געפֿינט אויס, אַז דידאָזיקע נאָרמע איז ניט גענוג און האַלט, אַז די טשו־גון־פּראָדוקציע דאַרף אינם לעצטן יאָר פֿונם פֿינפֿיאָר אויפֿגעהויבן ווערן ביז 17 מיליאָן טאָן.

פֿאַר טראַקטאָר־בויאונג: דער פֿינפֿיאָריקער פּלאַן זעט פֿאָרויס צו דערפֿירן די טראַקטאָרן־פּראָדוקציע אינם לעצטן יאָר פֿונם פֿינפֿיאָר ביז 55 טויזנט שטיק; דער באַשלוס אָבער פֿון צ״ק געפֿינט אויס, אַז דידאָזיקע אויפֿגעבונג איז ניט גענוג און האַלט, אַז די טראַקטאָרן־פּראָדוקציע אינם לעצטן יאָר פֿונם פֿינפֿיאָר דאַרף אויפֿגעהויבן ווערן ביז 170 טויזנט שטיק.

דאָסזעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן דער אויטאָבויאונג, וואו אָנשטאָט צו פּראָדוצירן הונדערט טויזנט אויטאָמאָבילן (פּראַכט־אויטאָמאָבילן און לייכטע) אינם לעצטן יאָר פֿונם פֿינפֿיאָר, ווי דאָס איז פֿאָרויסגעזעען אינם פֿינפֿיאָריקן פּלאַן, איז באַשלאָסן געוואָרן אויפֿצוהויבן די אויטאָמאָבילן־פּראָדוקציע ביז 200 טויזנט שטיק.

דאָסזעלבע קומט פֿאַר בענוגע דער קאָלירטער מעטאַלורגיע, וואו די ציפֿערן פֿונם פֿינפֿיאָר־פּלאַן זיינען פֿאַרגרעסערט געוואָרן מער ווי אַף הונדערט פּראָצענט און פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער מאַשין־בויאונג, וואו די ציפֿערן פֿונם פֿינפֿיאָריקן פּלאַן זיינען אויך פֿאַרגרעסערט געוואָרן אַף העכער הונדערט פּראָצענט.

איך רייד שוין ניט וועגן דער בויאונג פֿון קאָמבאַינען, וואָס איז ביכלאַל ניט דיסקאַנטירט געוואָרן אינם פֿינפֿיאָריקן פּלאַן און וואָס זייער פּראָדוקציע דאַרף דערפֿירט ווערן אינם לעצטן יאָר פֿונם פֿינפֿיאָר מינימום ביז 40 טויזנט שטיק.

פֿאַר דער ראַטווירטישער בויאונג: דער פֿינפֿיאָריקער פּלאַן זעט פֿאָרויס צו פֿאַרברייטערן דעם פֿאַרזיישעטאַד צום סאָף פֿינפֿיאָר ביז 5 מיליאָן העקטאַר; אָבער

דער באַשלוס פונם צ״ק געפינט, אַז די דראַזיקע נאָרמע איז ניט גענוג און האַלט, אַז דער פּאַרזייִ-שעטאַך פון די ראַטווירטן דאַרף צום סאָף פינפיאָר דערפירט ווערן ביז 16 מיליאָן העקטאַר.

פאַר דער קאָלווירטישער בויאונג: דער פינפיאָריקער פּלאַן זעט פאָרויס די פאַרברייטערונג פונם פאַרזייִ-שעטאַך צום סאָף פינפיאָר ביז 20 מיליאָן העקטאַר; אָבער דער באַשלוס פון צ״ק געפינט, אַז די דראַזיקע נאָרמע איז בעפייִרעיש ניט גענוג (זי איז האַיאָר איבערגעשטיגן געוואָרן) און האַלט, אַז צום סאָף פינפיאָר דאַרף די קאָלעקטיוויזירונג פונם ראַטנפאַרבאַנד אין גרונט געגומען פאַרענדיקט ווערן און דער פאַרזייִ-שעטאַך פון די קאָלווירטן דאַרף צו דעמדראָזיקן טערמין דעקן ניין צענטל פון דער גאַנצער פאַרזייִ-טעריטאָריע פונם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איצט ווערט זי באַאַרבעט דורך די אינדיווידועלע באַלעבאַטים. (אַפּלאָדיסמענטן).

און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן.

אָט אַזוי איז אין אַלגעמיין דאָס בילד פון דער אָנפירונג פונם צ״ק מיט דער דורכפירונג פון דער גענעראַלער פּאַרטיי-ליניע, מיט דער פּלאַנירונג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

מע קאָן זאָגן, אַז מיטן ענדערן אַזוי גרינטלעך די אָנמערקונגען פונם פינפיאָר-פּלאַן איז דער צ״ק אויוועק אַפן פּלאַנירונגס-פּרינציפּ און שאַדט דעם אויטאָריטעט פון די פּלאַנירנדיקע אָרגאַנען. אָבער אַזוי זאָגן קאָנען בלויז האָפנונגסלאָזע ביוראָקראַטן. פאַר אונז, פאַר די באָלשעוויקעס, איז דער פינפיאָריקער פּלאַן ניט עפּעס אַ פאַרענדיקטעס און איינמאָל פאַר אַלעמאָל געגעבענעס. פאַר אונז איז דער פינפיאָריקער פּלאַן, פּונקט ווי יעטווידער פּלאַן, בלויז אַ פּלאַן, וואָס איז אָנגענומען אין סיידער פון ערשטער דערנענטערונג, וואָס מע דאַרף פאַרפינקטלעכן, ענדערן און פאַרפולקומען אַפן גרונט פון דער אָרטיקער

דערפֿאַרונג, אויפֿן גרונט פֿון דער דערפֿאַרונג באַם אויסשפּילן דעם פּלאַן. קיין שום פֿינפֿיאָריקער פּלאַן קאָן ניט דיסקאָנטירן אַלע יענע מעגלעכקייטן, וועלכע ליגן באַהאַלטן אין די טיפֿענישן פֿון אונדזער אָרדענונג און וועלכע עפֿענען זיך בלויז אין גאַנג פֿון דער אַרבעט, אין גאַנג פֿון פֿאַרווירקלעכן דעם פּלאַן אין דער פֿאַבריק, אין דעם זאַוואָד, אין קאָלווירט, אין ראַטווירט, אין ראַיאָן א. א. וו. בלויז ביוראָקראַטן קאָנען מיינען, אַז די פּלאַנאָווע אַרבעט פֿאַרענדיקט זיך מיטן צונויפֿשטעלן דעם פּלאַן. דאָס צונויפֿשטעלן דעם פּלאַן איז בלויז דער אנהויב פֿון דער פּלאַנירונג. די עמעסע פּלאַנאָווע אָנפֿירונג וויקלט זיך פֿאַנאַנדער ערשט נאָכן צונויפֿשטעלן דעם פּלאַן, נאָכן רעווידירן אַף די ערטער, אין גאַנג פֿון פֿאַרווירקלעכן, אויסבעסערן און פֿאַרפֿינקטלעכערן דעם פּלאַן.

אָט פֿאַרוואָס דער צ״ק און די צקק״ק האָבן צוזאַמען מיט די פּלאַנאָווע אָרגאַנען פֿון דער רעפּובליק געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו פֿאַריכטן און אויסצובעסערן דעם פֿינפֿיאָר־פּלאַן אויפֿן סמאַך פֿון די מאַטעריאַלן פֿון דער דערפֿאַרונג אין גייסט פֿון אויפֿהויבן די בויאונגס־טעמפּן און פֿאַרקלענערן די אויסשפּיל־טערמינען.

אָט וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן דעם פּלאַניר־פּרינציפּ און וועגן דער פּלאַנאָווער אָנפֿירונג אויפֿן 8־טן ראַטן־צוזאַמענפֿאָר באַם באַהאַנדלען דעם צעניאָריקן פּלאַן פֿון "גאָעלרא":

> „אונדזער פּאַרטיי־פּראָגראַם קאָן ניט פֿאַרבלייבן בלויז אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם. זי דאַרף פֿאַרוואַנדלט ווערן אין דער פּראָגראַם פֿון אונדזערווירטשאַפֿטלעכער בויאונג. אַנדערש טויג זי אויך ניט אַלס פּאַרטיי־פּראָגראַם. זי דאַרף דערגאַנצט ווערן מיט אַ צווייטער פּאַרטיי־פּראָגראַם, מיט אַ פּלאַן פֿון די אַרבעטן אַף צוריקשאַפֿן די גאַנצע פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט און דערפֿירן זי ביז דער מאָדערנער טעכניק... מיר דאַרפֿן

קומען דערצו, אַז מיר זאָלן אָננעמען אַ געוויסן פלאַן. פאַרשטייט זיך, דאָס וועט זײַן אַ פלאַן, וואָס וועט אָנגענומען בלויז אין סיידער פון ערשטער דערנענטערונג. די דאָזיקע פאַרטיי־פראָגראַם וועט ניט זײַן אַזוי אומענדערלעך, ווי אונזער איצטיקע פראָגראַם, וואָס קאָן געענדערט ווערן בלויז אויף די פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. ניין, די דאָזיקע פראָגראַם וועט יעדן טאָג, אין יעדן וואַרשטאַט, אין יעדער וואָלאָסט אויסגעבעסערט ווערן, פאַנאַנדערגעאַרבעט ווערן, פאַרפולקומט ווערן און געענדערט ווערן... נאָכפאָלגנדיק נאָך דער דערפאַרונג פון דער וויסנשאַפט און פון דער פראַקטיק דאַרף מען אויף די ערטער קעסיידער שטרעבן דערצו, אַז דער פלאַן זאָל אויסגעפילט ווערן גיכער איידער ס'איז באַשטימט געוואָרן, קעדיי די מאַסן זאָלן זעען, אַז דער לאַנגער פעריאָד, וועלכער טיילט אונז אָפּ פון דער פולער אויפשטעלונג פון דער אינדוסטריע, קאָן די דערפאַרונג פאַרקירצן. דאָס הענגט אָפּ פון אונז. לאָמיר אין יעדן וואַרשטאַט, אין יעדער דעפאָ, אין יעדן געביט פאַרבעסערן די ווירטשאַפט, — און דאַן וועלן מיר דעם טערמין פאַרקירצן. און מיר פאַרקירצן אים" (באַנד 17, זײַט 423—427).

איר זעט, אַז דער צ"ק איז געגאַנגען מיטן וועג, וואָס לענין האָט אָנגעוויזן, ענדערנדיק און פאַרבעסערנדיק דעם פינפיאָריקן פלאַן, פאַרקירצנדיק די טערמינען און אויפהייבנדיק די בויאונגס־טעמפּן.

אויף וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן האָט זיך אָנגעשפּאַרט דער צ"ק, אויפהייבנדיק די בויאונגס־טעמפּן און פאַרקירצנדיק די טערמינען צום אויספילן דעם פינפיאָריקן פלאַן? אויף די רעזערוון, וואָס זײַנען באַהאַלטן אין די טיפענישן פון אונזער אָרדענונג און וואָס עפענען זיך בלויז אין דעם גאַנג פון דער אַרבעט, אויף די מעגלעכקייטן, וואָס דער

רעקאָנסטרוקטיווער פעריאָד גיט אונז. דער צ"ק האַלט, אַז די איבערבויאונג פון דער טעכנישער באַזע פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט בײַ דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע עפנט אַזוינע מעגלעכקייטן צו פאַרגיכערן די טעמפּן, וואָס וועגן זיי קאָן ניט כאָלעמען קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד.

בלויז מיט דיזאָזיקע אומשטענדן קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אונזער סאָציאַליסטישע אינדוסטריע האָט פאַר די לעצטע דריי יאָר פאַרגרעסערט איר פּראָדוקציע מער ווי אין צווייען, און דער צוואוואוקס פון דער פּראָדוקציע פון דערדאָזיקער אינדוסטריע אין יאָר 1930—31 יאָר דאַרף לויטן דעם לויפנדיקן יאָר אויסוואַקסן אויף 47 פּראָצ., דערבײַ וועט בלויז דערדאָזיקער צוואוואוקס אַליין לויט זיין פאַרנעם באַטרעפן פּונקט אַזויפיל, וויפל דער פאַרנעם פון דער פּראָדוקציע פון דער גאַנצער גרויסער אינדוסטריע פון פאַר דער מילכאָמע־צייט.

בלויז מיט דיזאָזיקע אומשטענדן קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס די ראַטווירטישע בויאונג שטייגט אַריבער דעם פינפיאָריקן פּלאַן אין דרייען און די קאָלווירטישע בויאונג האָט שוין אַריבערגעשטיגן דעם פינפיאָר־פּלאַן אין צווייען.

עס איז פאַראַן אַ טעאָריע, לויט וועלכער די הויכע אַנטוויקלונגס־טעמפּן זיינען דערלאָזבאַר בלויז אינם אויפשטעלונגס־פעריאָד, אָבער מיטן אַריבערגיין אין רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד האַרפן די בויאונגס־טעמפּן פאַלן שאַרף פון יאָר צו יאָר. דיזאָזיקע טעאָריע איז באַוואוסט אַלם די טעאָריע פון דער „פאַלנדיקער קרומער“. דיזאָזיקע טעאָריע איז די טעאָריע, וואָס איז אויסגערעכנט צו פאַרעכטיקן די אָפּגעשטאַנענקייט פון אונזער לאַנד. פון די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אָדער וואָס האָבן אַ שײַכעס צו אונזער פּאַרטיי, פּאַרטיידיקן דיזאָזיקע טעאָריע און פאַרוידיקן זי

בלויז די טראָצקיסטן און, מע קאָן זאָגן, די רעכטע אָפּנויגלער.

ווען די טראצקיסטן איז פאראן א מיינונג, ווי וועגן איבער־אינדוסטריאַליסטן. אָבער דידאָזיקע מיינונג איז ריכטיק בלויז טיילווייז. זי איז ריכטיק בלויז אַף אַזויפל, אַף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דעם סאָף פונם אויפשטעלונג־פעריאד, ווען די טראָצקיסטן האָבן ווירקלעך אַנטוויקלט איבער־אינדוסטריאַליסטישע פאַנטאַזיעס, וואָס איז שײַך דעם רעקאַנסטרוקטיון פעריאד, זיינען די טראצקיסטן, פונם שטאַנדפונקט פון די טעמפּן, די עקסטרעמסטע מינימאליסטן און עקלהאַפטע קאַפּיטוליאנטן (געלעכטער. אַפּלאָדיסמענטן). אין זייערע פּלאַטפאָרמעס און דעקלאַראַציעס האָבן די טראָצקיסטן ניט געגעבן קיין ציפער־מאַטעריאַלן וועגן די טעמפּן, זיי האָבן זיך באַגרענעצט בלויז מיט אַלגעמיינער פלוידעריי וועגן טעמפּן. עס איז אָבער פאַראַן איין דאָקומענט, וואו די טראָצקיסטן האָבן אין ציפערן געשילדערט זייער באַנעמען די אַנטוויקלונגס־טעמפּן פון דער מעלוכע־אינדוסטריע. איך מיין דעם מעמאָראנדום פון דער „ספּעציעלער באַראַטונג וועגן אויפשטעלן דעם גרונט־קאַפּיטאַל" פון דער מעלוכע־אינדוסטריע („אָסוואָק"), וואָס איז געווען געבויט אַף די פּרינציפּן פון טראָצקיזם. עס איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן אין צוויי ווערטער דעמדאָזיקן דאָקומענט, וואָס באַציט זיך צום יאָר 1925—26. עס איז אינטערעסאַנט, ווייל ער שפּיגלט אינגאַנצן אָפּ די טראָצקיסטישע סכעמע פון דער פאַלגדער קרומער.

לויט דעמדאָזיקן דאָקומענט איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו אינוועסטירן אין דער מעלוכע־אינדוסטריע אינם יאָר 1926־27 — 1543 מיליאָן רובל, אין יאָר 1927־28 — 1490 מיליאָן רובל; אין 1928—29 — 1320 מיליאָן רובל; אינם יאָר 1929—30 — 1060 מיליאָן רובל (לויט די פּרייזן פון 1926—27 יאָר).

אָט דאָס איז דאָס בילד פון דער פּאָליקער טראָצ־קיסטישער קרומער.

אָבער וויפל האָבן מיר אינוועסטירט אין דער עמעסן? אין דערעמעסן האָבן מיר אינוועסטירט אין דער מעלוכע־אינדוסטריע אינם 1926—27 יאָר 1065 מיליאָן רובל; אין 1927—28 יאָר — 1304 מיליאָן רובל; אין 1928—29 יאָר — 1819 מיליאָן רובל; אין 1929—30 יאָר — 4775 מיליאָן רובל (לויט די פרייזן פון 1926—27 יאָר).

אָט דאָס איז דאָס בילד פון דער שטייגנדיקער באָלשעוויסטישער קרומער.

לויט דעמדאָזיקן דאָקומענט האָט די פּראָדוקציע פון דער מעלוכע־אינדוסטריע געהאַט אויסוואַקסן אין 1926—27 יאָר אויף 31,6 פּראָצ.; אין 1927—28 יאָר — אויף 22,9 פּראָצ.; אין 1928—29 יאָר — אויף 15,5 פּראָצ.; אין 1929—30 יאָר — אויף 15 פּראָצענט.

אָט דאָס איז דאָס בילד פון דער פּאָלנדיקער טראָצקיסטישער קרומער.

וואָס האָט זיך אָבער בא אונז באַקומען אין דער עמעסן? אין דער עמעסן האָט דער צוואַוואוקס פון דער פּראָדוקציע אין דער מעלוכע־אינדוסטריע באַטראָפן אין 1926—27 יאָר—19,7 פּראָצענט; אין 1927—28 יאָר—26,3 פּראָצענט; אין 1928—29 יאָר—24,3 פּראָצענט; אין 1929—30 יאָר—32 פּראָצענט; און אין 1930—31 יאָר וועט באַטרעפן 47 פּראָצענט צוואַוואוקס.

אָט דאָס איז דאָס בילד פון דער שטייגנדיקער באָלשעוויסטישער קרומער.

עס איז באַוואוסט, אַז טראָצקי פּאַרטיידיקט ספּעציעל דידאָזיקע קאַפּיטוליאַנטישע טעאָריע פון דער פּאַלנדיקער קרומער אין זיין בִיכל „צום סאָציאַליזם אָדער צום קאַפּיטאַליזם". ער זאָגט האָרטן אָפן, אַז אַזוי ווי „ביז דער מילכאָמע איז די פּאַרברייטערונג פון דער אינדוסטריע

אין גרונט גענומען באַשטאַנען אין אויסבויען נייע זאַוואָדן“, און „אין אונזער צייט באַשטייט די פאַרברייטערונג אין אַסאַך אַ גרעסערער מאָס אין אויסנוצן די אַלטע זאַוואָדן און אָנלאָדן די אַלטע אויסשטאַטונג“, איז „גאַטירלעך מעמיילע, אַז מיטן פאַרענדיקן דעם אויפשטעלונגס־פּראָצעס וועט דער קאָעפיציענט פונם וואוקס דאַרפן באַדייטנדיק פאַלן“, דערביי ליגט ער פאָר „אין די נאָענטסטע יאָרן אויפצוהייבן דעם קאָעפיציענט פונם אינדוסטריעלן וואוקס ניט בלויז אין צוויי נאָר אויך אין דריי מאָל העכער פון די פאַרמילכאָמעדיקע 6 פּראָצ. און עפשער אויך מער פון דעם“.

אַלזאָ, דריי מאָל זעקס פּראָצענט פונם יערלעכן צוּוואוקס פון דער אינדוסטריע. וויפל זשע וועט עס באַטרעפן? סאַכאַקל 18 פּראָצ. פאַרן יאָר. דאָס הייסט 18 פּראָצענט יערלעכן צוּוואוקס פון דער פּראָדוקציע פון דער מעלוכע־אינדוסטריע איז לויט דער מיינונג פון די טראָצקיסטן יענער העכסטער גרענעץ פאַר דער פּלאַנירונג פונם פאַרשנעלערטן אַנטוויקלונגס־טעמפּ אינם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד, וואָס צו אים דאַרף מען שטרעבן ווי צו אַ אידעאַל. פאַרגלייכט אַצינד די דאָזיקע פּילפּלדיקע כאָכמע פון די טראָצקיסטן מיטן ווירקלעכן צוּוואוקס פון דער פּראָדוקציע, וואָס מיר האָבן פאַר די לעצטע דריי יאָר (אין 1927—28 יאָר—26,3 פּראָצענט, 1928—29 יאָר—24,3 פּראָצענט, 1929—30 יאָר—32 פּראָצענט). פאַרגלייכט די דאָזיקע קאַפּיטוליאַנטישע פילאָזאָפיע פון די טראָצקיסטן מיט די אָנמערקונגען אין די קאָנטראָל־ציפערן פונם מעלוכע־פּלאַן אַפן 1930—31 יאָר אַף 47 פּראָצענט צוּוואוקס, וואָס שטייגט אַריבער די העכסטע צוּוואוקס־טעמפּן פון דער פּראָדוקציע אינם אויפשטעלונגס־פּעריאָד, — און איר וועט פאַרשטיין די גאַנצע רעאַקציאָנערישקייט פון דער טראָצקיסטישער טעאָריע פון דער „פאַלנדיקער קרומער“, די גאַנצע טיפקייט פון דעם

ניט גלויבן בײַ די טראָצקיסטן אין דער מעגלעכקייט פון דעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד.

אָט וואו עס איז די סיבע דערפון, וואָס די טראָצקיסטן זינגען איצט וועגן די „צו גרויסע“ באָלשעוויסטישע אַנטוויקלונגס־טעמפּן פון דער אינדוסטריע און פון דער קאָלווירטישער בויאונג.

אָט וואו עס איז די סיבע דערפון, וואָס די טראָצקיסטן ווערן איצט ניט אונטערשיידן פון אונזערע רעכטע אָפּנייגלער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר מאַכן ניט קיין טעל פון דער טראָצקיסטיש־רעכט־אָפּנייגלערישער טעאָריע פון דער „פּאַלגנדיקער קרומער“, וואָלטן מיר ניט געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען ניט די ווירקלעכע פּלאַנירונג, ניט דעם אויפשטייג פון די טעמפּן און די פאַרקירצונג פון די בויאונגס־טערמינען. קעדיי אָנצופירן מיטן דורכפירן אין לעבן די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע, קעדיי צו פאַריכטן און אויסצובעסערן דעם פינפיאָריקן בויאונגס־פּלאַן, קעדיי אויפצוהויבן די טעמפּן און אויסצומיידן די פעלערן אין דער בויאונג, דאַרף מען קוידעמקאָל צעקלאַפּן און ליקווידירן די טעאָריע פון דער „פּאַלגנדיקער קרומער“.

דער צ. ק. האָט טאַקע אַזוי געטאָן, ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט.

## 2. פראַגן פון דער אנפירונג מיט די אינערלעך־פּאַרטייאישע איניאַנים

מע קאָן מיינען, אַז די אַרבעט פון אָנפירן מיט דער סאָציאַליסטישער בויאונג, די אַרבעט פון דורכפירן אין לעבן די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע איז בײַ אונז אין דער פּאַרטיי דורכגעגאַנגען רואיק און גלאַטיק, אָן קאַמף און ווילן־אָנשטרענגונג. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק, כאַווייִרים. אין דער עמעסן איז די דאָזיקע אַרבעט געגאַנגען אין

קאַמף קעגן די אינערלעך־פּאַרטייאישע שוועריקייטן, אין קאַמף קעגן די קאַלערליי אָפּנייגן פונם לעניניזם סײַ אין געביט פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק און סײַ אין געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אונדזער פּאַרטיי לעבט און קעמפט ניט אין רוים און אין לופט. זי לעבט און קעמפט אין דער סאַמע געדיכטעניש פונם לעבן, וואו עס איז פאַראַן אַן איינפלוס פון דער אַרומיקער סוויווע. און די סוויווע, ווי באַוואוסט, באַשטייט פון פאַרשיידענע קלאַסן און סאָציאַלע גרופּעס. מיר האָבן אונטערגענומען אַ פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, מיר האָבן אַ רוק געטאָן ווייט פאָרויס אונדזער סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, מיר האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט די בויאונג פון די ראַטווירטן און קאָלווירטן. אָבער אַזוינע דערשיינונגען קאָנען ניט פאַרבייגיין אומזיסט פאַר די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן. אַזוינע דערשיינונגען ווערן געוויינלעך באַגלייט מיט דער רואינירונג פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן, מיט דער רואינירונג פונם באַלעגופנטום אין דאָרף, מיטן פאַרשמעלערן דאָס טעטיקייטס־פעלד פון די קלייןבירגערלעכע שיכטן אין דאָרף. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ מוז פאַרשאַרפן דעם קלאַסן־קאַמף, דעם ווידערשטאַנד פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן קעגן דער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו מיינען, אַז דער ווידערשטאַנד פון דידאָזיקע קלאַסן וועט ניט געפינען די אָדער יענע אָפּשפּיגלונג אין די רייען פון אונדזער פּאַרטיי. און ער געפינט טאַקע אין דער פּאַרטיי זיין אָפּשפּיגלונג. די אָפּשפּיגלונג פונם ווידערשטאַנד מיצאַד די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן זיינען עס יענע קאַלערליי אָפּנייגן פון דער לענינישער ליניע, וואָס זיינען פאַראַן אין די רייען פון אונדזער פּאַרטיי.

צי קאָן מען פירן אַן ערפאָלגרייכן קאַמף קעגן די קלאַסן־סאָנים, ניט קעמפנדיק גלייכצייטיק קעגן די אָפּנייגן אין אונדזער פּאַרטיי, ניט בייקומענדיק דידאָזיקע אָפּנייגן?

גיין, מע קאָן ניט. מע קאָן ניט דערפאַר, ווייל ס׳איז אומעגלעך צו פאַנאַנדערוויקלען אַן עמעסן קאַמף קעגן די קלאַסן־סאָנים, ווען מע האָט אינעם הינטערלאַנד זייער אָפשפיגלונג אין דער פאַרטיי, ווען מע לאָזט איבער אינעם הינטערלאַנד מענטשן, וואָס גלויבן ניט אין אונזער זאַך און באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען צו פאַרהאַמעווען אונזער באַוועגונג פאָרויס.

פון דאַנען נעמט זיך דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף קעגן די אָפנייגן פון דער לעניניסטישער ליניע, אַלם די אָרדנטלעכע אויפגאַבע פון דער פאַרטיי.

פאַרוואָס איז דער רעכטער אָפנייג אַצינד די הויפּט־געפאַר אין דער פאַרטיי? ווייל ער שפּיגלט אָפ די באַלעבאַטישע געפאַר, און די באַלעבאַטישע געפאַר אינעם געגעבענעם מאָמענט, אינעם מאָמענט פונעם פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף און אויסקאָרטשעווען די וואָרצלען פון קאַפּיטאַליזם, איז די גרונט־געפאַר אין לאַנד.

וואָס האָט געדאַרפט טאָן דער צ״ק קעדיי בייצוקומען דעם רעכטן אָפנייג, קעדיי צו מאַכן אַ סאָף מיטן „ליניקן" און אָפרייניקן דעם וועג פאַר דער מאַקסימאַלער באַהעפטונג פון דער פאַרטיי אַרום דער לעניניסטישער ליניע?

א) מע האָט געדאַרפט קודעמקאָל מאַכן אַ סאָף מיט די רעשטלעך טראָצקיזם אין דער פאַרטיי, מיט די איבערבלייבעכצן פון טראָצקיסטישער טעאָריע. די טראָצקיסטישע גרופּע אַלם אָפּאָזיציע האָבן מיר שוין לאַנג צעקלאַפּט און אַרויסגעשלייַדערט. אַצינד איז די טראָצקיסטישע גרופּע אַן אַנטיפּראָלעטאַרישע און אַנטיסאָוועטישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע גרופּע, וואָס אינפאָרמירט פּלייסיק די בורזשואַזיע וועגן די אייניאָנים פון אונזער פאַרטיי. אָבער די רעשטלעך פון דער טראָצקיסטישער טעאָריע, די איבערבלייבעכצן פונעם טראָצקיזם, זיינען נאָך ניט אינגאַנצן אויסגערייניקט געוואָרן פון דער פאַרטיי. איז אָט

האָט מען קוידעמקאָל געדאַרפט מאַכן אַ סאָף מיט דידאָזיקע איבערבלייבעכצן.

אין וואָס באַשטייט דער טאָך פון דעם טראָצקיזם?

דער טאָך פון דעם טראָצקיזם באַשטייט קוידעמקאָל אין אָפּלייקענען די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין פסס״ר דורך די קרעפטן פונם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום פון אונזער לאַנד. וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אַז אויב אין דער נאָענטסטער צייט וועט ניט אונטערקומען קיין הילף פון דער זיגרייכער וועלט־רעוואָלוציע, וועלן מיר דאַרפן קאַפּיטולירן פאַר דער בורזשואַזיע און אָפּרייניקן דעם וועג פאַר דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

הייסט עס, אַז מיר האָבן דאָ אַ בורזשואַזע אָפּלייקענונג פון דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד, פאַרדעקט מיט דער „רעוואָלוציאָנערער“ פראַזע וועגן דעם ניצאָכן פון דער וועלט־רעוואָלוציע. צי קאָן מען באַ אַזוינע אָנשויאונגען אויפהייבן די מיליאָניקע מאַסן פונם אַרבעטער־קלאַס צו אַרבעטס־ענטוזיאַזם, צו סאָציאַליסטישן געוועט, צו מאַסאָווער שלאָגעריי, צו פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן? קלאָר, אַז מע קאָן ניט. עס וואָלט געווען נאַריש צו מיינען, אַז אונזער אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט דורכגעמאַכט דריי רעוואָלוציעס, וועט גיין צו אַן אַרבעטס־ענטוזיאַזם און צו אַ מאַסאָווער שלאָגעריי, קעדיי צו באַמיסטיקן דעם באָדן פאַרן קאַפּיטאַליזם. אונזער אַרבעטער גייט צום אַרבעטס־אויפשטייג ניט צוליבן קאַפּיטאַליזם, נאָר צוליב דעם, קעדיי ענדגילטיק צו באַגראָבן דעם קאַפּיטאַליזם און אויסבויען אין ראַטנפאַרבאַנד דעם סאָציאַליזם. נעמט אָפּ באַ אים די זיכערקייט אין דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם און איר וועט פאַרניכטן יעטווידער באָדן פאַרן געוועט, פאַרן אַרבעטס־אויפשטייג, פאַר דער שלאָגעריי.

פון דאַנען איז דער אויספיר: קעדיי אויפצוהויבן
דעם אַרבעטער־קלאַס צום אַרבעטס־אויפשטייג און צום
געווען און אָרגאַניזירן דעם פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף,
האָט מען קוידעמקאָל געדאַרפט באַגראָבן די בורזשואַזע
טעאָריע פונם טראָצקיזם וועגן דער אוממעגלעכקייט אויס־
צובויען דעם סאָציאַליזם אין אונזער לאַנד.

דער טאָך פון דעם טראָצקיזם באַשטייט, צווייטנס,
אין אָפּלייקענען די מעגלעכקייט אריינצוציען די גרונט־
מאַסן פויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין
דאָרף. וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אַז דער אַרבעטער־
קלאַס איז ניט בעקוייעך צו פירן נאָך זיך דאָס פויערטום
אין פראַט פון אַריבערפירן די אינדיווידועלע פויערשע
ווירטשאַפטן אַף קאָלעקטיווע רעלסן, אַז אויב אין דער
נאָענטסטער צוקונפט וועט צו הילף דעם ארבעטער־קלאס
ניט אונטערקומען דער ניצאָכן פון דער וועלט־רעוואָלוציע
וועט דאָס פויערטום אויפשטעלן די אַלטע בורזשואַזע
אָרדענונג. דאָס הייסט, מיר האָבן דאָ אַ בורזשואַזע אָפּ־
לייקענונג פון די קרעפטן און מעגלעכקייטן פון דער פּראָ־
לעטאַרישער דיקטאַטור צו פירן דאָס פויערטום צום סאָ־
ציאַליזם, פאַרדעקט מיט דער מאַסקע פון „רעוואָלוציאָנע־
רע" פראַזן וועגן דעם ניצאָכן פון דער וועלט־רעוואָלוציע.
צי קאָן מען באַ אַזעלכע אַנשויאונגען אויפהויבן די פויער־
שע מאַסן צו דער קאָלווירטישער באַוועגונג, אָרגאַניזירן די
מאַסאָווע קאָלווירטישע באַוועגונג, אָרגאַניזירן די ליקווי־
דירונג פונם באַלעגופנטום אַלס קלאַס? קלאָר, אַז ניין!

פון דאַנען איז דער אויספיר: קעדיי צו אָרגאַניזירן
די מאַסאָווע קאָלווירטישע באַוועגונג פונם פויערטום און
צו ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום, האָט מען קוידעמקאָל גע־
דאַרפט באַגראָבן די רעאַקציאָנערע טעאָריע פונם טראָצ־
קיזם וועגן דער אוממעגלעכקייט צו באַהעפטן די אַרבעטנ־
דיקע מאַסן פויערטום צום סאָציאַליזם.

דער טאָך פֿונעם טראָצקיזם באַשטייט, ענדלעך, אין אָפּלייקענען די נויטווענדיקייט פֿון אַן אייזערנער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, אין אָנערקענען די פֿרייהייט פֿון פֿראַקציאָנעלע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי, אין אָנערקענען די נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַ טראָצקיסטישע פּאַרטיי. פֿאַרן טראָצקיזם האָט די אַלק״פּ געדאַרפֿט זיין ניט קיין איינהייטלעכע און באַהעפֿטע שלאַכט־פּאַרטיי, נאָר אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון גרופּעס און פֿראַקציעס מיט זייערע צענטערן, מיט זייער פּרעסע א.א.וו. אָבער וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, פּראָקלאַמירן די פֿרייהייט פֿון פּאָליטישע פֿראַקציעס אין דער פּאַרטיי. דאָס מיינט, אַז גלייך נאָך דער פֿרייהייט פֿון פּאָליטישע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי, דאַרף קומען די פֿרייהייט פֿאַר פּאָליטישע פּאַרטייען אין לאַנד, ד. ה. אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. הייסט עס, אַז מיר האָבן דאָ די אָנערקענונג פֿון דער פֿרייהייט פֿאַר פֿראַקציאָנערע גרופּירונגען אין דער פּאַרטיי ביז דעם, אַז מיר זאָלן דערלאָזן פּאָליטישע פּאַרטייען אינעם לאַנד פֿון דעם פּראָלעטאַריאַטס דיקטאַטור, פֿאַרדעקט מיט דער פֿראַזע וועגן דער „אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע“ וועגן „פֿאַרבעסערן דעם רעזשים“ אין דער פּאַרטיי. אַז די פֿרייהייט פֿון פֿראַקציאָנעלער רייסעריי באַ די אינטעליגענטישע גרופּעס איז נאָך ניט קיין אינערלעך־פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע, אַז די זעלבסטקריטיק, וואָס די פּאַרטיי האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט, און די קאָלאָסאַלע אַקטיווקייט פֿון די פּאַרטיי־מאַסן, זיינען אַן אויסדרוק פֿון ווירקלעכער און עכטער אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע — דאָס איז ניט פֿאַרן טראָצקיזם צו פֿאַרשטיין. צי קאָן מען באַ אַזוינע אַנשויאונגען אַף דער פּאַרטיי באַוואָרענען די אייזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי, באַוואָרענען די אייזערנע פּאַרטיי־איינהייט, וואָס איז נויטיק פֿאַרן ערפֿאָלגרייכן קאַמף קעגן די קלאַסן־סאָנים? קלאָר, אַז מע קאָן ניט.

פֿון דאַנען איז דער אויספֿיר: קעדיי צו באַוואָרענען די

אייזערנע אייגנהייט פון דער פארטיי און די פראלעטארישע דיסציפלין אין איר, האט מען קוידעמקאל געדארפט באגראבן די ארגאניזאציאנעלע טעאריע פונם טראצקיזם.

קאפיטוליאנטישקייט אין דער פראקטיק, אלס איינהאלט, „לינקע" פראזן און „רעוואלוציאנער"־אוואנטיוריסטישע מאנערן, אלס פארם, וואס פארדעקט און רעקלאמירט דעם קאפיטוליאנטישן אינהאלט, — אט דאס איז דער טאך פון טראצקיזם.

דיהאזיקע צווייאיקייט פון דעם טראצקיזם שפיגלט אפ די צווייאיקע לאגע פון דעם שטאטישן קלייןבירגערטום, וואס האלט באם רואינירט ווערן, וואס קאן ניט דולדן דעם „רעזשים" פון דעם פראלעטאריאטס דיקטאטור און וואס באמיט זיך אדער אריבערשפרינגען „מיטאמאל" אין סאציאליזם, קעדיי ארויסצודרייען זיך פון דער רואינירונג (פון דאנען נעמט זיך דער אוואנטיוריזם און די היסטעריקע אין דער פאליטיק), אדער, אויב דאס איז אוממעגלעך, איינצוגיין אף יעטווידער האנאכע דעם קאפיטאליזם (פון דאנען נעמט זיך די קאפיטוליאנטישקייט אין דער פאליטיק).

מיט דערהאזיקער צווייאיקייט פונם טראצקיזם דערקלערט זיך דער פאקט, וואס זיינע „ווילדע" קלוימערשט אטאקעס קעגן די רעכטע אפנוייגלער, באקרוינט געוויינלעך דער טראצקיזם מיט א בלאק מיט זיי, ווי מיט קאפיטוליאנטן אן א מאסקע.

און וואס שטעלן מיט זיך פאר די „לינקע" קנייטשן, וואס זיינען געווען אין דער פארטיי אין געביט פון דער קאלווירטישער באוועגונג? זיי שטעלן פאר א געוויסן, עמעס אומבאוואוסטזיניקן, פרואוו אויפצולעבן בא אונז די טראדיציעס פונם טראצקיזם אין דער פראקטיק, אויפצולעבן די טראצקיסטישע באציאונג צום מיטל־פויערטום. זיי זיינען א רעזולטאט פון דעם פעלער אין דער פאליטיק, וואס לענין רופט אן „איבער־אדמיניסטרירונג".

דאָס באַטייט, אַז איינציקע כאַוויירים אונדזערע, וואָס זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט די ערפֿאָלגן אין דער קאָלווירטי־שער בויאונג, האָבן גענומען צוגיין צו דער פּראָבלעם פֿון דער קאָלווירטישער בויאונג ניט ווי בויער, נאָר ווי אַדמי־ניסטראַטאָרן דעריקער, און האָבן צוליב דעם געמאַכט אַ ריי זייער גראָבע פֿעלערן.

באַ אונדז אין דער פּאַרטיי זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס מיינען, אַז מע האָט ניט געדאַרפֿט אַ צופּ טאָן די „לינקע" קנייטשער. זיי האַלטן, אַז מע האָט ניט געדאַרפֿט באַלייִדיקן אונדזערע טוער און שטערן זייער פֿלייס, אויב אַפֿילע דעראַזייקער פֿלייס האָט געבראַכט צו פֿעלערן. דאָס איז אַן אַבסורד, כאַוויירים. אַזוי קאָנען ריידן בלויז אַזוי־נע מענטשן, וועלכע ווילן אומבאַדינגט שווימען מיטן שטראָם. דאָס זיינען דיזעלבע מענטשן, וועלכע וועלן קיינ־מאָל ניט קאָנען באַנעמען די לענינשע ליניע צו גיין קעגן שטראָם, ווען דאָס פֿאָדערט די סיטואַציע, ווען דאָס פֿאָ־דערן די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי. דאָס זיינען נאָכ־שלעפּער, אָבער ניט קיין לענינצעס. דער פּאַרטיי האָט זיך טאַקע דעריבער איינגעגעבן אַ קערעווע צו טאָן גאַנצע מאַכנעס כאַוויירים אונדזערע אָפֿן ריכטיקן וועג, דער פּאַרטיי האָט זיך טאַקע דעריבער איינגעגעבן פֿאַריכטן די פֿעלערן און צו דערשלאָגן זיך ערפֿאָלגן, ווייל זי איז אַנטשיידן אַוועק קעגן שטראָם, קעדיי דורכצופֿירן אין לעבן די גע־נעראַלע ליניע. אָט דאָס איז טאַקע לעניניזם אין דער פּראַקטיק, לעניניזם אין דער אָנפֿירונג.

אָט פֿאַרוואָס איך מיין, אַז ווען מיר וואָלטן ניט בייגעקומען די „לינקע" קנייטשן, וואָלטן מיר ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך יענע ערפֿאָלגן אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג, וועלכע מיר האָבן אַצינד.

אַזוי האַלט עס מיטן קאַמף קעגן די רעשטלעך

טראָצקיזם און קעגן זייערע אָפּגרעבצעניש אין דער פּראַקטיק.

אָביסל אַנדערש האַלט עס מיט דער פֿראַגע וועגן רעכטן אָפּאָרטוניזם, וואָס בעראָש פֿון אים זײַנען געשטאַנען אָדער עס שטייען די כאַווײרים בוכאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי.

וועגן די רעכטע אָפּנויגלער קאָן מען ניט זאָגן, אַז זיי אָנערקענען ניט די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין ראַטנפֿאַרבאַנד. ניין, זיי אָנערקענען זי, און דערין באַשטייט זייער אונטערשייד פֿון די טראָצקיסטן. אָבער די צאָרע פֿון די רעכטע אָפּנויגלער איז דערין, וואָס אָנערקענענדיק פֿאָרמעל די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, ווילן זיי ניט אָנערקענען יענע וועגן און קאַמפֿס־מיטלען, וואָס אָן זיי איז אוממעגלעך אויסצובויען דעם סאָציאַליזם. זיי ווילן ניט אָנערקענען, אַז די אַלמעגלעכע אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע איז דער שליסל צו איבערבויען די גאַנצע פֿאָלקסווירטשאַפֿט אַף די יעסוידעס פֿון סאָציאַליזם. זיי ווילן ניט אָנערקענען דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קלאַסן־קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און דעם פֿאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף פֿונם סאָציאַליזם אַפֿן קאַפּיטאַליזם, זיי פֿאַרשטייען ניט אַז די דאָזיקע אַלע וועגן און מיטלען זײַנען יענע סיסטעם מאַסמיטלען, וואָס אָן זיי איז אוממעגלעך אײַנצוהאַלטן די דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט און אויסבויען דעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד. זיי מיינען, אַז דעם סאָציאַליזם קאָן מען אויסבויען פֿאַמעלעך, סטיכיש, אָן קלאַסן־קאַמף, אָן אַן אָנגריף אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. זיי מיינען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן וועלן אָדער אַליין אָפּשטאַרבן אוממערקבאַר, אָדער זיי וועלן אַרײַנוואַקסן אין סאָציאַליזם. אָבער אַזוי ווי אַזעלכע ניסים טרעפֿן ניט אין דער געשיכטע, קומט אויס, אַז די רעכטע אָפּנויגלער קײַקלען זיך אין דער עמעסן אַראָפּ

**צום שטאַנדפּונקט, וואָס לייקנט אָפּ די מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד.**

וועגן די רעכטע אָפּנויגלער קאָן מען אויך ניט זאָגן, אַז זיי לייקענען אָפּ די מעגלעכקייט אַרייַנציִען די גרונט־מאַסן פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין דאָרף. ניין, זיי אָנערקענען זי יאָ, און אין דעם איז זייער אונטערשייד פון די טראָצקיסטן. אָבער אָנערקענענדיק זי פאָרמעל, לייקענען זיי צוזאַמען דערמיט אָפּ יענע וועגן און מיטלען, וואָס אָן זיי איז אוממעגלעך אַרייַנציִען דאָס פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג. זיי ווילן ניט אָנערקענען, אַז ראַטעווירטן און קאָלווירטן זייַנען דאָס גרונט־מיטל און דער „שליאַך“ אַרייַנציִען די גרונט־מאַסן פּויערטום אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג. זיי ווילן ניט אָנערקענען, אַז ניט דורכפירנדיק אין לעבן די פּאָליטיק צו ליקווידירן דאָס באַלעבאַטים אַלס קלאַס איז אוממעגלעך צו דערשלאָגן זיך איבערצובויען דאָס דאָרף אַף די יעסוידעס פון סאָציאַליזם. זיי מיינען, אַז דאָס דאָרף קאָן מען אַריבערפירן אַף די רעלסן פון סאָציאַליזם פּאַמעלעך, סטיכיש, אָן קלאַסן־קאַמף, בלויז דורך דער פאַרזאָרגעריש־אָפּזעצערישער קאָאָפּעראַציע, ווייל זיי זייַנען זיכער, אַז דער באַלעגוף וועט אַליין אַרייַנוואַקסן אין סאָציאַליזם. זיי מיינען, אַז דער איקער איז אַצינד ניט די הויכע אַנטוויקלונגס־טעמפּן פון דער אינדוסטריע און ניט די קאָלווירטן און ראַטווירטן, נאָר אַז מע זאָל „פּאַנאַנדערבינדן“ די מאַרק־סטיכיע, „אַנטקנעכטן“ דעם מאַרק און „אַראָפּנעמען די פּענטעס“ פון די אינדיווידועלעווירטשאַפטן אַפילע פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דאָרף. אָבער אַזוי ווי דער באַלעגוף קאָן ניט אַרייַנוואַקסן אין סאָציאַליזם, און די „אַנטקנעכטונג“ פון דעם מאַרק באַטייט די באַוואָפענונג פונם באַלעבאַטים און די אַנטוואָפענונג פונם אַרבעטער־קלאַס, קומט אויס, אַז די רעכטע אָפּנויגלער קייקלען זיך אין דער

עמעסן אַראָפּ צום שטאַנדפּונקט, וואָס לייקנט אָפּ די מעגלעכקייט אַריינצוציִען די גרונט־מאַסן פֿון ארבעטער־פאלק אין דער אויסבויאונג פֿונעם סאָציאַליזם.

דערמיט אייגנטלעך דערקלערט זיך טאַקע דער פֿאַקט, וואָס זייערע העכער־שלאַכטן קעגן די טראָצקיסטן באַקרויִנען געווייִנלעך די רעכטע אָפּנוייגלער מיט הינטער־קוליסן־אונטערהאַנדלונגען מיט די טראָצקיסטן וועגן אַ בלאָק מיט זיי.

די הויפּט־צרה אינעם רעכטן אָפּאָרטוניזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער רייסט איין מיטן לעניניסטישן באַנעם פֿונעם קלאַסן־קאַמף און קייקלט זיך אַראָפּ אַפֿן שטאַנד־פּונקט פֿונעם קליינבירגערלעכן ליבעראַליזם.

עס קען קיין ספֿק ניט זיין, אַז דער ניצחון פֿונעם רעכטן אָפּנוייג אין אונדזער פּאַרטיי, וואָלט באַטייט די פֿולע אַנטוואָפֿענונג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, די באַוואָפֿענונג פֿון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דאָרף און דאָס אָנ־וואַקסן פֿון די שאַנסן פֿאַר דער רעסטאַווראַציע פֿונעם קאַ־פּיטאַליזם אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

די רעכטע אָפּנוייגלער שטייען ניט אַפֿן שטאַנדפּונקט פֿון שאַפֿן אַ צווייטע פּאַרטיי, און דערין איז נאָך איין אונטערשייד זייערער פֿון די טראָצקיסטן. די לידערס פֿון די רעכטע אָפּנוייגלער האָבן אָפֿן אָנערקענט זייערע פֿעלערן און האָבן קאַפּיטולירט פֿאַר דער פּאַרטיי. אָבער עס וואָלט געווען נאַריש צו מיינען אַף דעמדאָזיקן גרונט, אַז דער רעכטער אָפּאָרטוניזם איז שוין באַגראָבן. די קראַפֿט פֿון דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם ווערט ניט געמאָסטן מיט דעמדאָזיקן אומשטאַנד. די קראַפֿט פֿונעם רעכטן אָפּאָרטוניזם ליגט אין דער קליינבירגערלעכער סטיכיע, אין דער קראַפֿט פֿונעם דרוק אַף דער פּאַרטיי מיצד די קאַפּיטאַליסטישע עלע־מענטן בכלל, מיצד דעם באַלעבאַטישן ביזנעס. און טאַקע דערפֿאַר, ווייל דער רעכטער אָפּנוייג שפּיגלט אָפּ דעם ווידערשטאַנד פֿון די גרונט־עלעמענטן פֿון די אָפּ־

שטאַרבנדיקע קלאַסן, טאַקע דערפאַר איז דער רעכטער אָפּנויג די גרונט־געפאַר פון אונזער צייט אין דער פאַרטיי.

אָט פאַרוואָס די פאַרטיי האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פירן אַן אַנטשיידענעם און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג.

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אָן דעם אַנטשיידענעם קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג, ניט איזאָלירנדיק זייַנע אָנפירנדיקע עלעמענטן, וואָלטן מיר ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו מאָביליזירן די קרעפטן פון דער פאַרטיי און פונם אַרבעטער־קלאַס, צו מאָביליזירן די קרעפטן פון דער אָרעמשאַפט און פון די מיטלפּויערשע מאַסן פאַר דעם פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף פונם סאָציאַליזם, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די ראַטווירטן און קאָלווירטן, פאַר דער אויפשטעלונג פון דער שווערער אינדוסטריע, פאַר דער ליקווידירונג פונם באַלעבאָטישן קלאַס.

אַזוי האַלט עס מיטן „לינקן" און רעכטן אָפּנויג אין דער פאַרטיי.

די אויפגאַבע באַשטייט אין פאָרזעצן אויך אַף ווייטער דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף אַף צוויי פראָנטן, סיי קעגן די „לינקע", וואָס שטעלן פאָר דעם קלייןבירגער־לעכן ראַדיקאַליזם, און סיי קעגן די רעכטע, וואָס שטעלן פאָר דעם קלייןבירגערלעכן ליבעראַליזם.

די אויפגאַבע באַשטייט אין פאָרזעצן אויך אַף ווייטער דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן יענע טאָלע־ראַנטלעכע עלעמענטן אין דער פאַרטיי, וועלכע פאַר־שטייען ניט אָדער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי פאַרשטייען ניט די נויטיקייט צו קעמפן אַנטשיידן אַף צוויי פראָנטן.

ב) דאָס בילד פונם קאַמף קעגן די אָפּנויגן אין דער פאַרטיי וועט זיין ניט קיין פולס, אויב מיר וועלן ניט באַ־רירן די אָפּנויגן, וואָס זייַנען פאַראַן אין דער פאַרטיי אַפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. איך מיין, ערשטנס, דעם אָפּנויג צום גרויסרוסישן שאָוויניזם און, צווייטנס,

דעם אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם. דידאָזיקע אָפּנויגן זיינען ניט אַזוי קענטיק און שפּאַרן ניט אַזוי, ווי דער „לינקער“ אָדער דער רעכטער אָפּנויג. זיי וואָלט מען געקאָנט אָנרופן קריכנדיקע אָפּנויגן. אָבער דאָס באַטייט ניט, אַז זיי עקזיסטירן ניט. ניין, זיי עקזיסטירן יאָ און, דעריקער,—זיי וואַקסן. דערין קאָן קיין שום ספק ניט זיין. עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין דערפאַר, ווייל די אַלגעמיינע אַטמאָספער פון דער פאַרשאַרפונג פונם קלאַסנקאַמף מוז פירן צו אַ געוויסער פאַרשאַרפונג פון די נאַציאָנאַלע רייבונגען, וואָס האָבן זייער אָפּשפּיגלונג אין דער פּאַרטיי. דעריבער וואָלט מען געדאַרפט אויפדעקן און אַרויסשטעלן אַף דער ליכטיקער וועלט די פיזיאָגנאָמיע פון דידאָזיקע אָפּנויגן.

וואָס איז דער טאָך פונם אָפּנויג צו דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם אין אונזערע היינטצייטיקע באַדינגונגען?

דער טאָך פונם אָפּנויג צו דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם באַשטייט אין דער שטרעבונג פאַרבייצוגיין די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן פון דער שפּראַך, קולטור, שטייגער; אין דער שטרעבונג צוצוגרייטן די ליקווידירונג פון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן; אין דער שטרעבונג אָרונטערצורייסן דעם פּרינציפּ פון דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און צו אַנטקרויגען די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי צו נאַציאָנאַליזירן דעם אַפּאַראַט, נאַציאָנאַליזירן די פּרעסע, די שול און אַנדערע מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

די אָפּנויגלער פון דעמדאָזיקן טיפּ גייען דערביי אַרויס דערפון, וואָס הײַות באַם ניצחון פונם סאָציאַליזם דאַרפן די נאַציעס צונויפגיסן זיך אין איינער און זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן דאַרפן זיך פאַרוואַנדלען אין איין געמיינזאַמער שפּראַך, איז שוין געקומען די צייט צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און אָפּזאָגן זיך פון דער פּאָליטיק צו אונטערשטיצן די אַנטוויקלונג פון דער

נאַציאָנאַלער קולטור באַ די פריער אונטערדריקטע פעלקער. זיי פאַרופן זיך דערביי אַף לענינען, ציטירנדיק אים ניט ריכטיק, און צומאָל פאַשעט פאַרקריפּלענדיק און טרייבנדיק רעכילעס אַף לענינען. לענין האָט געזאָגט, אַז אינם סאָציאַליזם וועלן זיך צונויפגיסן די אינטערעסן פון די נאַציאָנאַליטעטן אין איין גאַנצעם — צי איז דען דערפון ניט געדרונגען, אַז עס איז שוין צייט צו מאַכן אַ סאָף מיט די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן אין די אינטערעסן פון דעם... אינטערנאַציאָנאַליזם? לענין האָט געזאָגט אין 1913 יאָר, אין דער פּאָלעמיק מיט די בונדאָווצעס, אַז דער לאָזונג נאַציאָנאַלע קולטור איז אַ בורזשואַזער לאָזונג, — צי איז דען דערפון ניט געדרונגען, אַז ס'איז צייט צו מאַכן אַ סאָף מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור פון די פעלקער אינם ראַטנפאַרבאַנד אין די אינטערעסן פון דעם... אינטערנאַציאָנאַליזם? לענין האָט געזאָגט, אַז דער נאַציאָנאַלער יאָך און די נאַציאָנאַלע מעכיצעס ווערן פאַרניכטעט באַם סאָציאַליזם, — צי איז דען דערפון ניט געדרונגען, אַז ס'איז שוין צייט צו מאַכן אַ סאָף צום דיסקאָנטירן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן פון די פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד און אַריבערצוגיין צו דער פּאָליטיק פון אַסימילאַציע אין די אינטערעסן פון... אינטערנאַציאָנאַליזם? און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן.

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז דערדאָזיקער אָפּנויג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס פאַרדעקט זיך נאָך דערצו מיט דער מאַסקע פון אינטערנאַציאָנאַליזם און מיט לענינס נאָמען איז דער סאַמע ראַפינירטער און דערצו דער סאַמע געפערלעכער מין פון גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם.

ערשטנס, האָט לענין קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן דאַרפן פאַרשוואונדן ווערן, און די נאַציאָנאַלע שפּראַכן דאַרפן זיך צונויפגיסן אין איין געמיינזאַמער שפּראַך אין די ראַמען פון איין מלוכע

ביזן ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין אַלוועלטלעכן מאַס־
שטאַב. לענין האָט, פאַרקערט, געזאָגט פונקט דעם היי־
פעך, דערהאַינע, אַז „די נאַציאָנאַלע און מעלוכישע אונ־
טערשיידן צווישן די פעלקער און לענדער... וועלן זיך נאָך
האַלטן זייער און זייער לאַנג אַפילע נאָך דער פאַרווירק־
לעכונג פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין אַל־
וועלטלעכן מאַסשטאַב". (באַנד 17, זייט 178). ווי אַזוי
קאָן מען זיך פאַרופן אַף לענינען, פאַרגעסנדיק וועגן דער־
דאָזיקער גרונט־אָנווייזונג זיינער?
עמעס, איינער פון די געוועזענע מאַרקסיסטן, און
איצט דער רענעגאַט און רעפאָרמיסט, הער קאַוטסקי,
באַהויפּט עפּעס אַזוינס, וואָס איז פונקט דער היפּעך דער־
פון, וואס לענין לערנט אונז. ער באַהויפּט, לעהייפּעך צו
לענינען, אַז דער ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רע־
וואָלוציע אין דער עסטרייך־דייטשישער פאַריניקטער מע־
לוכע אין מיטן פונם פאָריקן יאָרהונדערט, וואָלט געבראַכט
צו דער אויסבילדונג פון איין אַלגעמיינער דייטשישער
שפּראַך און צו דער פאַרדייטשערונג פון די טשעכן, ווייל
„בלויז אַליין די קראַפט פונם אויסטויש, וואָס האָט זיך
באַפרייט פון די פענטעס, אַליין די קראַפט פון דער מאָ־
דערנער קולטור, וואָס די דייטשן האָבן מיט זיך גע־
טראָגן, אָן שום געצוואונגענער גערמאַניזאַציע וואלט פאַר־
וואַנדלט אין דייטשן די אפּגעשטאַנענע טשעכישע
קליינבירגער, פויערים און פּראלעטאַריער, וועמען
זייער נעבעכדיקע נאַציאָנאַליטעט האט גארניט גע־
קאנט געבן". (זע דאָס פאַרוואָרט צו דער דייטשישער
אויסגאַבע „רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע").
עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ „קאָנצעפּציע" האַר־
מאָנירט ביז גאָר מיט קאַוטסקיס נאַציאָנאַל־שאָוויניזם.
קעגן די־דאָזיקע קאַוטסקיס אָנשויאונגען האָב איך טאַקע
געקעמפט אין 1925 יאר אין מיין ארויסטרעטונג אינם או־
ניווערסיטעט פאַר די מיזרעך־פעלקער. אָבער ניט שוין

זשע קאָן פאַר אונז, פאַר מאַרקסיסטן, וואָס ווילן פאַרבלייבן ביזן סאָף אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָבן אַ וואָסערע ס׳ניט איז פּאָזיטיווע באַדייטונג דידאָזיקע אַנטימאַרקסיסטישע פּלווידערייען פון דעמדאָזיקן כוצפּעדיקן דייטשישן סאָציאַל־שאָוויניסט. ווער איז גערעכט: קאַוטסקי אָדער לענין? אויב גערעכט איז קאַוטסקי, איז מיט וואָס זאָל מען דאַן דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אַזוינע לעפּיערעד אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַליטעטן, ווי די ווייסרוסן און אוקראַינער, וואָס זיינען נעענטער צו די גרויסרוסן, ווי די טשעכן צו די דייטשן, זיינען ניט רוסיפיצירט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פונם ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר פאַרקערט, זיי זיינען אויפגעלעבט געוואָרן און זיך אַנטוויקלט אַלס זעלבשטענדיקע נאַציעס? מיט וואָס זאָל מען דערקלערן, וואָס אַזוינע נאַציעס, ווי די טורקמענער, קירגיזן, אוזבעקן, טאַדזשיקן (שוין ניט ריידנדיק וועגן די גרוזינער, אַרמענער, אַזערבײַדזשאַנער א.א.וו.) זיינען, ניט געקוקט אויף זייער אָפּגעשטאַנענקייט, ניט נאָר ניט רוסיפיצירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן אויפגעלעבט און האָבן זיך אַנטוויקלט אין זעלבשטענדיקע נאַציעס? צי איז דען ניט קלאָר, אַז אונזערע געערטע אָפּנייגלער זיינען, יאָגנדיק זיך נאָכן לעפּאָנעמדיקן אינטערנאַציאָנאַליזם, אַריינגעפאַלן צום קאַוטסקיאַנישן סאָציאַל־שאָוויניזם אין די לאַפּעס? צי איז דען ניט קלאָר, אַז קעמפנדיק פאַר איין אַלגעמיינער שפּראַך אין די ראַמען פון איין מעלוכע, אין די ראַמען פון ראַטנפאַרבאַנד, שטרעבן זיי אין טאַך גענומען אויפצושטעלן די פּריווילעגיעס פון דער שפּראַך, וואָס האָט פריער געהערשט, נעמלעך, פון דער גרויסרוסישער שפּראַך? וואו זשע איז דאָ דער אינטערנאַציאָנאַליזם?

צווייטנס, לענין האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז די

פֿאַרניכטונג פֿונעם נאַציאָנאַלן יאָך און דאָס צונויפֿגיסן די אינטערעסן פֿון די נאַציאָנאַליטעטן אין איין נאַציע, איז פּונקט דאָסזעלבע, ווי דאָס פֿאַרניכטן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן. מיר האָבן פֿאַרניכטעט דעם נאַציאָנאַלן יאָך. מיר האָבן פֿאַרניכטעט די נאַציאָנאַלע פּריווילעגיעס און איינגעשטעלט נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. מיר האָבן פֿאַרניכטעט די מעלוכע־גרענעצן אינעם אַלטן זין פֿון דעם וואָרט, די גרענעץ־סלופּעס און די טאַמאָזשנע־מעכיצעס צווישן די נאַציאָנאַליטעטן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. מיר האָבן איינגעשטעלט די איינהייט פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן בײַ די פֿעלקער אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

אָבער, צי באַטײַט דאָס, אַז מיר האָבן דערמיט גופֿא פֿאַרניכטעט די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן: די נאַציאָנאַלע שפּראַכן, די קולטור, דעם שטייגער א.א.וו.? קלאָר, אַז דאָס באַטײַט ניט. אָבער אויב די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן: די שפּראַך, די קולטור, דער שטייגער א.א.וו. פֿאַרבלײַבן, איז דען ניט קלאָר, אַז די פֿאָדערונג צו פֿאַרניכטן די רעפּובליקן און געגנטן אין דעם געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד איז אַ רעאַקציאָנערע פֿאָדערונג, וואָס איז געצילט קעגן די אינטערעסן פֿון דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט? צי פֿאַרשטייען אונדזערע אָפּנוויגלער, אַז פֿאַרניכטן אַצינד די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן באַטײַט אָפּנעמען בײַ די מיליאָניקע מאַסן פֿעלקער פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד די מעגלעכקייט צו באַקומען בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך, אָפּנעמען בײַ זיי די מעגלעכקייט צו האָבן די שול, דעם געריכט, די אַדמיניסטראַציע, די געזעלשאַפֿטלעכע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן אויף דער מוטער־שפּראַך, אָפּנעמען בײַ זיי די מעגלעכקייט זיך צו באַהעפֿטן צו דער סאָציאַליסטישער בויאונג? צי איז דען ניט קלאָר, אַז יאָגנדיק זיך נאָך דעם לעפּאָנעמדיקן אינטערנאַציאָנאַליזם, זײַנען אונדזערע אָפּנוויגלער אַרײַנגעפֿאַלן

צו די רעאקציאנערע גרויסרוסישע שאוויניסטן אין די לאפעס און האבן פארגעסן, אינגאנצן פארגעסן וועגן דעם לאזונג קולטור-רעוואלוציע אינם פעריאד פון דעם פראלעטאריאטס דיקטאטור, וואס האט א גלייכע קראפט פאר אלע פעלקער פונם ראטנפארבאנד, אי פאר די גרויסרוסן, אי פאר די ניט גרויסרוסן?

דריטנס, לעגין האט קיינמאל ניט געזאגט, אז דער לאזונג צו אנטוויקלען די נאציאנאלע קולטור אין די באדינגונגען פון דער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט איז א רעאקציאנערער לאזונג. פארקערט, לעגין איז שטענדיק געשטאנען פאר דעם, אז מע זאל העלפן די פעלקער פון ראטנפארבאנד צו אנטוויקלען זייער נאציאנאלע קולטור. אונטער לעגינס אנפירונג, און ניט אונטער וועמעס ניט איז אן אנדערנס, איז צונויפגעשטעלט און אנגענומען געווארן אפן 10-טן פארטיי-צוזאמענפאר די רעזאלוציע וועגן דער נאציאנאלער פראגע, וואו עס ווערט אפן געזאגט, אז:

„די אויפגאבע פון דער פארטיי איז צו העלפן די הארעפאשנע מאסן פון די ניט גרויסרוסישע פעלקער צו דעריאגן צענטראל-רוסלאנד, וואס איז אוועקגעגאנגען פארויס, צו העלפן זיי א) אנטוויקלען און פארפעסטיקן בא זיך די סאוועטישע מעלוכישקייט, אין די פארמען, וועלכע אנטשפרעכן די נאציאנאל-שטייגערישע באדינגונגען פון דידאזיקע פעלקער; ב) אנטוויקלען און פארפעסטיקן בא זיך דעם געריכט, די אדמיניסטראציע, די ווירטשאפטס-ארגאנען, די מאכט-ארגאנען, וואס ארבעטן אף דער מוטער-שפראך און וואס זיינען צונויפגעשטעלט פון ארטיקע מענטשן, וועלכע ווייסן דעם שטייגער און די פסיכאלאגיע פון דער ארטיקער באפעלקערונג; ג) אנטוויקלען בא זיך די פרעסע, די שול, דעם טעאטער, דעם קלוב-וועזן, און ביכלאל די קולטור-אויפקלערערישע אנשטאלטן אף דער מוטער-שפראך; ד)

אַוועקשטעלן אַ ברייטע נעץ קורסן און שולן סײַ פאַר אַלגעמיינער בילדונג, און סײַ פאַר פּראָפעסיאָנעל-טעכנישער אַף דער מוטער-שפּראַך"?

צי איז דען ניט קלאָר, אַז לענין איז געשטאַנען אינגאַנצן און פולשטענדיק פאַרן לאָזונג צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטור אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט?

צי איז דען ניט קלאָר, אַז דאָס אָפּלייקענען דעם לאָזונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, באַטייט אָפּלייקענען די נויטיקייט פון קולטורעלן אויפשטייג בײַ די ניט-גרויסרוסישע פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד, אָפּלייקענען די נויטיקייט פון דער אַלגעמיינער אָבליגאַטאָרישער בילדונג פאַר די דאָזיקע פעלקער, אָפּגעבן די דאָזיקע פעלקער אין גייסטיקער קנעכטשאַפט צו די רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטן?

לענין האָט ווירקלעך קוואַליפיצירט דעם לאָזונג נאַציאָנאַלע קולטור בײַ דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אַלס רעאַקציאָנערן לאָזונג, אָבער צי האָט דען געקאָנט זײַן אַנדערש? וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַלע קולטור בײַ דער הערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע? אַ קולטור, וואָס איז אַ בורזשואַזע לויט איר אינהאַלט און אַ נאַציאָנאַלע לויט איר פאָרם, וואָס איר ציל איז צו פאַרסאַמען די מאַסן מיטן גיפט פון נאַציאָנאַליזם און צו פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַלע קולטור בײַ דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט? א קולטור, וואס איז א סאָציאַליסטישע לויט איר אינהאַלט און אַ נאַציאָנאַלע לויט איר פאָרם, און וואָס איר ציל איז צו דערציען די מאַסן אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און צו פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. ווי אַזוי קאָן

מען צונויפמישן דיזאָזיקע צוויי פּרינציפּיעל פאַרשיידענע דערשיינונגען, ניט איינרייסנדיק מיטן מאַרקסיזם? צי איז דען ניט קלאָר, אַז קעמפנדיק קעגן דעם לאָזונג נאַציאָנאַלע קולטור באַ דער בורזשואַזער אָרדענונג, האָט לענין געקלאַפּט איבערן בורזשואַזן אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור און ניט איבער איר נאַציאָנאַלער פאָרם? עס וואָלט געווען נאַריש מעשאַער צו זיין, אַז לענין האָט באַטראַכט די סאָציאַליסטישע קולטור אַלס נאַציאָנאַלאָזע קולטור, וואָס האָט ניט די אָדער יענע נאַציאָנאַלע פאָרם. די בונדאָוועצעס האָבן ווירקלעך אַמאָל געהאַט צוגעשריבן לענינען דעמדאָזיקן אַבסורד. אָבער פון לענינס ווערק איז באַוואוסט, אַז ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ בילבול און האָט זיך אַנטשיידן אָפּגעגרענעצט פון דעמדאָזיקן אַבסורד. שוין זשע האָבן אונדזערע געערטע אָפּנויגלער זיך טאַקע אָוועקגעשלעפּט נאָך די בונדאָוועצעס?

וואָס זשע איז געבליבן נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, פון די אַרגומענטן באַ אונדזערע אָפּנויגלער?

גאָרניט, אַחוץ די זשאָנגלירונג מיט דער פאָן פון אינטערנאַציאָנאַליזם און אַחוץ די רעכילעס אַף לענינען.

די, וואָס נויגן זיך אָפּ אין דער ריכטונג צום גרויס־רוסישן שאָוויניזם, האָבן אַ טיפן טעות, ווען זיי מיינען, אַז דער פּעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פּעריאָד, ווען עס ווערן צעפאַלן און ליקווידירט די נאַציאָנאַלע קולטורן. די זאַך איז פּונקט קאַפּויר. אין דער עמעסן איז דער פּעריאָד פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין ראַטנפאַרבאַנד אַ פּעריאָד פון אויפבלי פון די נאַציאָנאַלע קולטורן, סאָציאַליסטישע לויט זייער אינהאַלט און נאַציאָנאַלע לויט זייער פאָרם. זיי פאַרשטייען אַפּאָנים ניט, אַז די אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע קולטורן דאַרף זיך פאַנאַנדערוויקלען מיט אַ נייער קראַפט,

ווען עס ווערט איינגעפירט און איינגעוואָרצלט די אַלגעמיין־אָבליגאַטאָרישע אָנפאַנגס־בילדונג אַפ דער מוטער־שפּראַך, זיי פאַרשטייען ניט, אַז בלויז באַ דער באַדינגונג, ווען ס'וועלן זיך אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטורן, וועט מען קאָנען באַהעפטן, ווי ס'געהער צו זיין, די אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַליטעטן צו דער סאָציאַליסטישער בויאונג. זיי פאַרשטייען ניט, אַז גראַד דערין באַשטייט טאַקע דער יעסאָד פון דער לעניניסטישער פּאָליטיק צו העלפן און אונטערשטיצן די אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע קולטורן באַ די פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס קאָן זיך אויסדוכטן מעשונעדיק, וואָס מיר, אָנהענגער פון צונויפגיסן אין דער צוקונפט די נאַציאָנאַלע קולטורן אין איין אַלגעמיינער (אי לויט דער פאָרם, אי לויט דעם אינהאַלט) קולטור מיט איין אַלגעמיינער שפּראַך, זיינען צוזאַמען דערמיט אָנהענגער פונם אויפבלי פון די נאַציאָנאַלע קולטורן אינם געגעבענעם מאָמענט, אינם פעריאָד פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. אָבער דערין איז ניטאָ קיין שום מעשונעדיקייט. מע דאַרף לאָזן די נאַציאָנאַלע קולטורן זיך אַנטוויקלען און פאַנאַנדערוויקלען, אַרויסברענגענדיק אַלע זייערע פּאָטענצן, כדי צו שאַפן די באַדינגונגען פאַר זייער צונויפגיסן זיך אין איין אַלגעמיינער קולטור מיט איין אַלגעמיינער שפּראַך. דער אויפבלי פון די נאַציאָנאַלע קולטורן לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט, אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד צוליב זייער צונויפגיסן זיך אין איין אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער (אי לויט דער פאָרם, אי לויטן אינהאַלט) קולטור, מיט איין אַלגעמיינער שפּראַך, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיגן אין דער גאַנצער וועלט און דער סאָציאַליזם וועט אַריין אין שטייגער, — אין דעם טאַקע באַשטייט די דיאַלעקטישקייט אין דער לעניניסטישער שטעלונג פון דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער קולטור.

מע קאָן זאָגן, אַז אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע איז אַ „ווידערשפּרעכלעכע“. אָבער צי איז דען ניט פּונקט אַזאַ „ווידערשפּרעכיקייט“ פאַראַן באַ אונז מיט דער פראַגע וועגן מעלוכע? מיר זיינען פאַר דער אָפּשטאַרבונג פון דער מעלוכע. און צוזאַמען דערמיט זיינען מיר פאַר פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מעכטיקסטע מאַכט פון אַלע מעלוכע־מאַכטן, וואָס עקזיסטירן ביז איצט. די העכסטע אַנטוויקלונג פון דער מעלוכע־מאַכט מיטן צוועק צוצוגרייטן די באַדינגונגען פאַר דער אָפּשטאַרבונג פון דער מעלוכע־מאַכט. — אָט דאָס איז די מאַרקסיסטישע פאָרמול. דאָס איז „ווידערשפּרעכיק“? יאָ, „ווידערשפּרעכיק“. אָבער דער דאָזיקער ווידערשפּרוך איז אַ לעבנסהאַפטער און ער שפּיגלט אָפּ אינגאַנצן מאַרקסעס דיאַלעקטיק.

אָדער, לעמאָשל, די לענינישע שטעלונג פון דער פראַגע וועגן דעם רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג אַזש ביז אָפּטיילן זיך. לענין פלעגט אַמאָל שילדערן דעם טעזיס וועגן דער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג אין דער פאָרם פון אַ פּאָשעטער פאָרמול: „פונאַנדערשיידן קעדיי צו פאַראייניקן“. טוט נאָר אַ טראַכט — פונאַנדערשיידן קעדיי צו פאַראייניקן. דאָס שמעקט אַפילע מיט אַ פּאַראַדאָקס. און דאָך שפּיגלט אָפּ די דאָזיקע „ווידערשפּרעכיקע“ פאָרמול יענעם לעבנסהאַפטן עמעס פון מאַרקסעס דיאַלעקטיק, וועלכע גיט די באָלשעוויקעס די מעגלעכקייט איינצונעמען די סאַמע אומבאַזיגבאַרע פעסטונגען אינעם געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דאָסזעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן דער פאָרמול מיקויעך דער נאַציאָנאַלער קולטור: אויפבלי פון די נאַציאָנאַלע קולטורן (און שפּראַכן) אינעם פּעריאָד פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד מיטן צוועק צוצוגרייטן די באַדינגונגען פאַר זייער אָפּשטאַרבונג און צונויפגיסונג אין איין אַלגעמיינער סאָציאַליסטי־

שער קולטור (און אין איין אַלגעמיינער שפּראַך) אינם פּעריאָד, ווען דער סאָציאַליזם וועט זיגן אין דער גאַנצער וועלט.

ווער עס האָט ניט פאַרשטאַנען די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט און „ווידערשפּרעכיקייט“ פון אונזער איבערגאַנגסצייט, ווער עס האָט ניט פאַרשטאַנען די דאָזיקע דיאַלעקטיק פון די היסטאָרישע פּראָצעסן, דער איז א פאַרפאַלענער פאַר מאַרקסיזם.

די צאָרע פון אונזערע אָפּנייגלער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי פאַרשטייען ניט און ווילן ניט פאַרשטיין מאַרקס דיאַלעקטיק.

אַזוי האַלט עס מיטן אָפּנייג צום גרויסרוסישן שאָוויניזם.

עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער דאָזיקער אָפּנייג שפּיגלט אָפּ די שטרעבונג פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן פון דער גרויסרוסישער נאַציע, וואָס האָט פריער געהערשט, צוריקצוקערן די פאַרלאָרענע פּריווילעגיעס.

פון דאַנען נעמט זיך די געפאַר פון דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם, אַלס הויפּט־געפאַר אין דער פּאַרטיי אַפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

וואָס איז דער טאָך פונם אָפּנייג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם?

דער טאָך פונם אָפּנייג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם איז די שטרעבונג אָפּצוזונדערן און איינצושליסן זיך אין די ראַמען פונם אייגענעם נאַציאָנאַלן שאַלעכץ, די שטרעבונג צו פאַרטושן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן אין דער אייגענער נאַציע, די שטרעבונג זיך צו פאַרטיידיקן פון דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם מיטן אָוועקגיין פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם סאָציאַליסטישע בויאונג, די שטרעבונג ניט צו זען דאָס, וואָס דערנעענטערט און פאַראייניקט די אַרבעטנדיקע מאַסן און די נאַציאָנאַליטעטן אין ראַטנ־

פאַקבאַנד, און זעען בלויז דאָס, וואָס עס קאָן זיי דערווייטערן איינע פון דער אַנדערער.

דער אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם שפּיגלט אָפּ די אומצופרידנקייט פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן בא די פריער אונטערגעדריקטע נאַציעס מיטן רעזשים פונם פּראָלעטאַריאַטס דיקטאַטור, זייער שטרעבונג אָפּצוזונדערן זיך אין זייער נאַציאָנאַלער מעלוכע און איינצושטעלן דאָרט זייער קלאַסן-הערשאַפט.

די געפאַר פון דעם דאָזיקן אָפּנויג ליגט דערין, וואָס ער קולטיווירט דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, שוואַכט אָפּ די איינהייט פון די אַרבעטנדיקע פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד און ווערט אויסגענוצט דורך די אינטערווענציאָניסטן.

אָט דאָס איז דער טאַך פונם אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם.

די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי באַשטייט אין פירן אַן אַנטשיידנעם קאַמף קעגן דעמדאָזיקן אָפּנויג און צו באַוואָרענען די באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער דערציאונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד.

אַזוי האַלט עס מיט די אָפּנויגן אין אונזער פּאַרטיי, מיט די „לינקע" און מיט די רעכטע אָפּנויגן אינם געביט פון אונזער פּאָליטיק, מיט די אָפּנויגן אינם געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אָט אַזוי איז אונזער אינערלעך-פּאַרטייאישע לאַגע.

אַצינד, ווען די פּאַרטיי איז אַרויס אַ זיגערן פונם קאַמף פאַר דער גענעראַלער ליניע, ווען די לעניניסטישע ליניע פון אונזער פּאַרטיי טריומפירט אויפן גאַנצן פראָנט, זיינען אַסאַך געגוויגט צו פאַרגעסן די שוועריקייטן, וועלכע עס האָבן אונז געשאַפן אין אונזער אַרבעט די קאָלערליי אָפּנויגלער. נאָך מער, אייניקע באַלעבעסלדיק-געשטימטע כאַווייריס מיינען נאָך ביז איצט, אַז מיר וואָלטן זיך גע-

קאָנט באַגיין אַז אַ קאַמף קעגן די אָפּנוייגלער. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דידאָזיקע כאַווירים געפינען זיך אין אַ טיפן טאָעס. עס איז גענוג בלויז זיך אומצוקוקן אַף צוריק און זיך דערמאָנען די קונצשטיק פון די טראָצקיסטן און פון די רעכטע אָפּנוייגלער, עס איז גענוג בלויז זיך צו דערמאָנען די געשיכטע פונם קאַמף קעגן די אָפּנוייגן פאַרן פאַרגאַנגענעם פעריאָד, קעדיי צו פאַרשטיין די גאַנצע פוסטקייט און נישטיקייט פון דערדאָזיקער פאַרטייאישער באַלעבעסלדיקייט.

עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז אויב מיר וואָלטן ניט איינצוימען די אָפּנוייגלער און ניט צעקלאַפּן זיי אין אָפענעם שלאַכט, וואָלטן מיר ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן די ערפאָלגן, מיט וועלכע אונזער פאַרטיי האָט אַצינד דאָס רעכט צו שטאָלצירן.

אינם קאַמף קעגן די אָפּנוייגן פון דער לענינישער ליניע איז אויסגעוואַקסן און איז פעסט געוואָרן אונזער פאַרטיי. אינם קאַמף קעגן די אָפּנוייגן האָט זי זיך אויסגעשמידט די לענינישע איינהייט פון אירע רייען. און קיינער לייקנט שוין אַצינד ניט אָפּ דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז קיינמאָל איז נאָך די פאַרטיי ניט געווען אַזוי באַהעפט אַרום איר צ"ק, ווי איצט. אַלע מוזן איצט אָנערקענען, אַז די פאַרטיי איז אַצינד מער, ווי ווען ס'ניט איז פריער, אייניק און באַהעפט, אַז דער 16־טער צוזאַמענפאָר איז איינער פון די ווייניקע צוזאַמענפאָרן פון אונזער פאַרטיי, וואו עס איז ניטאָ מער קיין אויסגעפורעמטע און באַהעפטע אָפּאָזיציע, וואָס זאָל זיין פעאיק קעגנצושטעלן איר באַזונדערע ליניע דער גענעראַלער פאַרטייליניע.

וועמען האָט די פאַרטיי צו פאַרדאַנקען דידאָזיקע אַנטשיידענע דערגרייכונגען אירע?

דידאָזיקע דערגרייכונגען האָט זי צו פאַרדאַנקען דעם אומשטאַנד, וואָס אין איר קאַמף קעגן די אָפּנוייגן האָט זי

שטענדיק געפירט אַ פּרינציפּיעלע פּאָליטיק, ניט אַראָפּ־לאָזנדיק זיך קיינמאָל ביז הינטערקוליסן־קאָמבינאַציעס און דיפּלאָמאַטישער געשעפט־מאַכעריי.

לענין האָט געזאָגט, אַז די פּרינציפּיעלע פּאָליטיק איז די איינציק־ריכטיקע פּאָליטיק. מיר זייַנען אַרויס די זיגער פונם קאַמף קעגן די אָפּנויגן דערפאַר, ווייל מיר האָבן ערלעך און קאָנסעקווענט אויסגעפילט דעם ראָזיקן לענינס געבאָט. (אַפּלאָדיסמענטן).

**
*

איך ענדיק, כאַווייִרים.

וואָס איז דער אַלגעמיינער אויספיר?

מיר האָבן געהאט פאַרן פאַרגאַנגענעם פעריאָד אַ ריי אַנטשיידענע ערפאָלגן אַף אַלע פראָנטן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. מיר האָבן געהאט דיראָזיקע ערפאָלגן דערפאַר, ווייל מיר האָבן באַוויזן צו האַלטן הויך לענינס גרויסע פאָן. אויב מיר ווילן זיגן, דאַרפן מיר אויך ווייטער האַלטן לענינס פאָן און אָפּהיטן איר ריינקייט און אומבאַפלעקטקייט. (אַפּלאָדיסמענטן).

אָט אַזאַ איז דער אַלגעמיינער אויספיר.

מיט לענינס פאָן האָבן מיר געזיגט אין די שלאַכטן פון דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע.

מיט לענינס פאָן וועלן מיר זיך דערשלאָגן אַנט־שיידנדיקע ערפאָלגן אינם קאַמף פאַרן ניצחון פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג.

מיט דערזעלבער פאָן וועלן מיר זיגן אין דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָלוציע אַף דער גאַנצער וועלט.

זאָל לעבן דער לענינזם! (הויכע, לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. אָוואַציעס פונם גאַנצן זאַל).

# שלוסוואָרט

(דעם 2־טן יולי 1930 יאָר)

כאַווירים! נאָך די דעבאַטן איבערן באַריכט פֿון צ״ק, נאָך דעם אַלעמען, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען בײַ אונז אויפֿן צוזאַמענפֿאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרויסטרעטונג פֿון די געוועזענע לידערס פֿון דער רעכטער אָפּאָזיציע, בלײַבט מיר ווייניק וואָס צו זאָגן אין מײַן שלוסוואָרט.

איך האָב געזאָגט אין אָנהויב פֿון מײַן פֿאָרטראַג, אַז דער 16־טער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר איז איינער פֿון די ווייניקע צוזאַמענפֿאָרן אין דער געשיכטע פֿון אונזער פּאַרטיי, ווען עס איז ניטאָ קיין וויפֿל ניט איז אויסגעפֿורעמטע אָפּאָזיציע, וועלכע קאָן אַרויסשטעלן איר אייגענע ליניע און אַנטקעגנשטעלן זי דער פּאַרטיי־ליניע. און אַזוי איז טאַקע, ווי איר זעט, אַרויסגעקומען אין דערעמען. אויף אונזער צוזאַמענפֿאָר, אויפֿן 16־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, האָט זיך ניט געפֿונען ניט נאָר קיין אויסגעפֿורעמטע אָפּאָזיציע, נאָר עס האָט זיך אַפֿילע ניט געפֿונען קיין קלייניקע גרופּע, אָדער אַפֿילע באַזונדערע כאַווירים, וועלכע זאָלן האַלטן פֿאַר רעכטמעסיק אַרויסצוגיין דאָ אויף דער טריבונע און דערקלערן וועגן דער ניט ריכטיקייט פֿון דער פּאַרטיי־ליניע. עס איז קלאָר, אַז די ליניע פֿון אונזער פּאַרטיי איז די איינציק־ריכטיקע ליניע. דערבײַ ווײַזט זיך אַרויס, אַז איר ריכטיקייט אַזוי באַשיימפּער־לעך און אומבאַשטרייטבאַר, אַז אַפֿילע די געוועזענע לידערס פֿון דער רעכטער אָפּאָזיציע האָבן געהאַלטן פֿאַר

נויטיק אָן וואַקלונגען אונטערצושטרייכן אין זייערע אַרויסטרעטונגען די ריכטיקייט פון דער גאַנצער פּאַרטיי־פּאָליטיק.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם אַלעמען איז איבעריק אַסאַך צו ריידן וועגן דער ריכטיקייט פון די האַנאָכעס, וועלכע זיינען אַנטוויקלט געוואָרן אינעם באַריכט־פּאָרטראַג. עס איז איבעריק, ווייל די פּאַרטיי־ליניע נויטיקט זיך, אָפּאָנים, ניט צוליב איר באַשיימפּערלעכער ריכטיקייט אין ווייטערדיקער פּאַרטייידיקונג אַף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר און אויב, ניט געקוקט דערויף, האָב איך זיך ניט אָפּגעזאָגט פונעם שלוסוואָרט, איז דאָס דערפאַר, ווייל עס איז דאָך ניט איבעריק, לויט מיין מיינונג, צו ענטפערן קורץ אַף אייניקע צעטעלעך, וואָס די כאַווייריִם האָבן דערלאַנגט אין פּרעזידיום פונעם צוזאַמענפאָר, און דערנאָך זאָגן עטלעכע ווערטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרויסטרעטונג פון די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע.

אַ גרויסער טייל צעטעלעך איז שייעך אייניקע צווייטראַנגיקע פראַגן: פאַרוואָס איז אין די באַריכט־פּאָרטראַגן ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן פערד־צוכט, — צי קאָן מען ניט דערמאָנען וועגן דעם אינעם שלוסוואָרט (געלעכטער); פאַרוואָס איז אין די באַריכט־פּאָרטראַגן ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן וואוינונגס־בויאונג, — צי קאָן מען ניט זאָגן עפּעס וועגן דעם אינעם שלוסוואָרט; פאַרוואָס האָט מען אין די באַריכט־פּאָרטראַגן גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, — צי קאָן מען ניט זאָגן עפּעס וועגן דעם אינעם שלוסוואָרט. און אַזוי ווייטער אין דעמזעלבן גייסט.

איך דאַרף ענטפערן דידאָזיקע אַלע כאַווייריִם, אַז איך האָב ניט געקאָנט באַרירן אין מיין פּאָרטראַג אַלע פראַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. און ניט נאָר ניט געקאָנט, נאָר ניט געהאַט קיין רעכט דערויף, ווייל איך

האָב קיין רעכט ניט זיך אַריינרייסן אין געביט פון די פּאַרטראַגן פון די כ"כ קויבישעוו און יאַקאָוולעוו, וועלכע האָבן אייך דערציילן וועגן די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט. אינדערעמען, אויב מע זאָל אין באַריכט פון צ"ק באַרירן אַלע פראַגן, איז וועגן וואָס דאַרפן דעמאָלט ריידן די פּאַרטרעגער אין זייערע פּאַרטראַגן וועגן דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט א.א.וו. (שטימען: ריכטיק).

באַזונדער וועגן דעם צעטעלע מיקויעך דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט דאַרף איך באַמערקן, אַז דער אַוטאָר פונם צעטעלע דערלאָזט אייניקע ניט ריכטיקייטן. ער פאַרזיכערט, אַז מיר זייגען שוין „האַרט צוגעגאַנגען" צו דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, אַז דער פאָלקאָמערד לאָזט ניט זיך אַנטוויקלען דערדאָזיקער זאַך, אַז לענין האָט געטראַכט וועגן דעם אַנדערש א.א.וו. דאָס אַלץ איז ניט ריכטיק, כאַווײרים. מע קאָן ניט זאָגן, אַז מיר זייגען „האַרט צוגעגאַנגען" צו דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. ווען מיר וואָלטן ווירקלעך האַרט צוגעגאַנגען צו דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָלטן מיר איצט שוין געהאַט אַ 10—15 ראַיאָנען מיט עלעקטריפיצירטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. אָבער איר ווייסט גוט, אַז דערווייל האָבן מיר נאָך אַזוינס ניט. אַלץ, וואָס מע קאָן איצט זאָגן וועגן דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, איז דאָס, אַז די עלעקטריפיקאַציע געפינט זיך בײַ אונז אין דער סטאַדיע פון עקספּערימענטאַלער דורכאַרבעט. לענין האָט אויך אַזוי געקוקט דערויף און דערמוטיקט די פּרוּוון אין דער עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. אייניקע כאַווײרים מיינען, אַז די טראַקטאָרס האָבן שוין אָפּגעלעבט זייערע יאָרן, ווייל עס איז שוין געקומען די צייט אַריבערצוגיין פון טראַקטאָרן צו עלעקטריפיקאַציע פון דער לאַנדווירט-

שאַפט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַן אַבסורד און פאַנטאַסטיק. אַזעלכע כאַווירים דאַרף מען אַוועקזעצן אַפן אָרט. דער פאָלקאָמערד טוט טאַקע אַזוי מיט דיזאָזייגע כאַווירים. הייסט עס, אַז די אומצופרידנקייט פונם אַווטאָר פונם צעטעלע מיטן פאָלקאָמערד קאָן מען ניט האַלטן פאַר באַגרינדעט.

די צווייטע גרופע צעטלעך איז שאַיעך דער נאַציאָנאַלער פראַגע. איינס אַזאַ צעטעלע, וואָס איך האַלט פאַרן סאַמע אינטערעסאַנטן, פאַרגלייכט די שטעלונג פון דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן אין מיין פּאָרטראַג אַפן 16־טן צוזאַמענפאָר מיט דער שטעלונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין מיין אַרויסטרעטונג איגם אוניווערסיטעט פון די מיזרעך־פעלקער אין 1925 יאָר, און געפינט, אַז דאָ איז פאַראַן אַ געוויסע אומקלאָרקייט, וועלכע דאַרף דערקלערט ווערן. איר, זאָגט דאָס צעטעלע, האָט דאַן דערווידערט קעגן דער טעאָריע (קאַוטסקים) וועגן דער אָפּשטאַרבונג פון די נאַציאָנאַלע שפּראַכן און דער באַשאַפונג פון איין אַלגעמיינער שפּראַך איגם פעריאָד פונם סאָציאַליזם (אין איין לאַנד), און איצט, אין אייער פאָרטראַג אַפן 16־טן צוזאַמענפאָר, דערקלערט איר, אַז די קאָמוניסטן זייגען אָנהענגער פון צונויפגיסן די נאַציאָנאַלע קולטורן און די נאַציאָנאַלע שפּראַכן אין איין אַלגעמיינער קולטור מיט איין אַלגעמיינער שפּראַך (איגם פעריאָד פון ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב), — צי איז דאָ ניטאָ קיין אומקלאָרקייט?

איך מיין, אַז דאָ איז ניטאָ ניט קיין אומקלאָרקייט, ניט קיין וועלכער ניט איז ווידערשפּרוך. אין מיין אַרויסטרעטונג אין 1925 יאָר האָב איך דערווידערט קעגן קאַוטסקים נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישער טעאָריע, לויט וועלכער דער ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין

מיטן פֿאַבריקן יאָרהונדערט אין דער פֿאַרייניקטער עסט=
רייך־דייטשישער מעלוכע האָט באַדאַרפֿט ברענגען צום
צונויפֿגיסן די נאַציעס אין איין אַלגעמיינער דייטשישער
נאַציע מיט איין אַלגעמיינער דייטשישער שפּראַך אוי
צום פֿאַרדייטשיזירן די טשעכן. איך האָב דערווידערט
קעגן דערדאָזיקער טעאָריע, ווי קעגן אַן אַנטימאַרקסיס=
טישער, אַן אַנטילעניניסטישער, פֿאַרופֿנדיק זיך אַף פֿאַקטן פֿונם
לעבן פֿון אונזער לאַנד נאָכן זיג פֿונם סאָציאַליזם אין
פֿסס"ר, וועלכע לייקענען אָפּ די דאָזיקע טעאָריע. איך
דערווידער אויך איצט קעגן דערדאָזיקער טעאָריע, ווי
דאָס איז צו זען פֿון מיין באַריכט־פֿאָרטראַג אַף דעם
16=טן צוזאַמענפֿאָר. איך דערווידער, ווייל די טעאָריע פֿון
צונויפֿגיסן אַלע נאַציעס, לאָמיר זאָגן, פֿון פֿסס"ר אין
איין אַלגעמיינער גרויסרוסישער נאַציע מיט איין אַל־
געמיינער גרויסרוסישער שפּראַך איז אַ טעאָריע אַ נאַ־
ציאָנאַל=שאָוויניסטישע, אַ טעאָריע אַן אַנטילענינישע,
וועלכע ווידערשפּרעכט דער גרונט־האַנאָכע פֿונם לעניניזם,
וואָס באַשטייט דערין, אַז די נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנהייטן
קאָנען ניט פֿאַרשווינדן אינם נאָענטסטן פּעריאָד, אַז זיי
דאַרפֿן בלייבן נאָך אַף לאַנג — אַפֿילע נאָכן זיג פֿון דער
פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אינם וועלט=מאַסשטאַב.
וואָס איז שייך ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון פֿון די נאַ־
ציאָנאַלע קולטורן און נאַציאָנאַלע שפּראַכן, האָב איך זיך
שטענדיק געהאַלטן און האַלט זיך ווייטער בײַ דעם לענינשן
קוק, אַז אין פּעריאָד פֿון זיג פֿונם סאָציאַליזם אין וועלט־
מאַסשטאַב, ווען דער סאָציאַליזם וועט זיך פֿאַרפֿעסטיקן
און וועט אַריין אין שטייגער, דאַרפֿן די נאַציאָנאַלע שפּראַכן
אומפֿאַרמיידלעך זיך צונויפֿגיסן אין איין אַלגעמיינער
שפּראַך, וואָס וועט, פֿאַרשטייט זיך, זיין ניט די גרויסרו־
סישע, ניט די דייטשישע, נאָר עפּעס אַ נייע. וועגן דעם
האָב איך אויך באַשטימט דערקלערט אין מיין פֿאָרטראַג
אַפֿן 16=טן צוזאַמענפֿאָר.

וואו זשע איז דאָ די אומקלאָרקייט און וואָס, אייגנטלעך, פאָדערט זיך דאָ נאָך צו דערקלערן?

אַפּאַנים, אַז די אַוטאָרן פונם צעטעלע האָבן זיך ניט אינגאַנצן קלאָר געמאַכט ווייניקסטנס צוויי זאַכן.

זיי האָבן זיך ניט קלאָר געמאַכט פריער פאַר אַלץ דעם פאַקט, אַז מיר זיינען אין פסס״ר שוין אַריינגעטראָטן אין פעריאָד פונם סאָציאַליזם, דערביי איז, ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין דעמדאָזיקן פעריאָד, שטאַרבן די נאַציעס ניט נאָר ניט אָפּ, נאָר פאַרקערט, זיי אַנטוויקלען און צעבליען זיך. אינדערעמעסן, צי זיינען מיר שוין אַריינגעטראָטן אין פעריאָד פון סאָציאַליזם? אונזער פעריאָד רופט זיך געוויינלעך אָן איבערגאַנגס־פעריאָד פונם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. ער האָט זיך אָנגערופן איבערגאַנגס־פעריאָד אין 1918 יאָר, ווען לענין האָט אין זיין באַרימטער בראָשור „די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון דער ראַטנמאַכט“ צום ערשטן מאָל כאַראַקטעריזירט דעמדאָזיקן פעריאָד מיט זיינע פינף שטייגערס פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן. ער רופט זיך אָן איבערגאַנגס־פעריאָד איצט, אין 1930 יאָר, ווען אייניקע פון די דאָזיקע שטייגערס, ווי פאַרעלטערטע, גייען שוין צום גרונט און איינער פון די דאָזיקע שטייגערס, דער נייער שטייגער אין געביט פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך מיט אומגעזעענער שנעלקייט. צי קאָן מען זאָגן, אַז די דאָזיקע צוויי איבערגאַנגס־פעריאָדן זיינען די זעלבע, אַז זיי אונטערשיידן זיך ניט ראַדיקאַל איינער פונם צווייטן? עס איז קלאָר, אַז מע קאָן ניט. וואָס האָבן מיר געהאַט אין 1918 יאָר אין געביט פון דער פאָלקסווירטשאַפט? אַ צעשטערטע אינדוסטריע און צינדמאַשינקעס, קיין קאָלווירטן און ראַטווירטן אַלס מאַסן־דערשיינונג איז ניט געווען, געווען איז אַ וואוקס פון דער „נייער“ בורזשואַזיע אין שטאָט און פונם באַלעגופנטום אין דאָרף. וואָס האָבן מיר איצט? אַן אויפגעשטעלטע אין־

רעקאָנסטרואירטע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע, אַז אַנטוויקלטע סיסטעם ראַטווירטן און קאָלווירטן, וועלכע האָבן העכער 40 פּראָצ. פון אַלע פאַרזייאונגען אין פסס"ר בלויז פּרילינגס־פעלד, אַז אָפּשטאַרבנדיקע „נייע" בורזשואַזיע אין שטאָט, אַז אָפּשטאַרבנדיק באַלעגופנטום אין דאָרף, סאַי דאָרט איז אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, סאַי דאָ איז אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד. און דאָך אונטערשיידן זיי זיך ראַדיקאַל איינער פונם צווייטן, ווי דער הימל פון דער ערד. און דאָך קאָן קיינער ניט אָפּלייקענען, אַז מיר שטייען אַף דער שוועל פון ליקווידירן דעם לעצטן ערנסטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, דעם קלאַס באַלעגופים. עס איז קלאָר, אַז מיר זייַנען שוין אַרויס פונם איבערגאַנגס־פּעריאָד אינם אַלטן זין זייַנעם און אַרייַנגעטראָטן אין פּעריאָד פון דירעקטער און פאַנאַנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער בויאונג אַפן גאַנצן פראָנט. עס איז קלאָר, אַז מיר זייַנען שוין אַרייַנגעטראָטן אין פּעריאָד פון סאָציאַליזם, ווייל דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר האַלט איצט אין די הענט אַלע ווירטשאַפטלעכע הויבערס פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט, האַגאַם ביזן אויסבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און פאַרניכטן די קלאַסן־פאַרשיידנהייטן איז נאָך ווייט. און דאָך, ניט געקוקט דערויף, שטאַרבן די נאַציאָנאַלע שפּראַכן ניט נאָר ניט אָפּ און זיי גיסן זיך ניט צונויף אין איין אַלגעמיינער שפּראַך, נאָר פאַרקערט, די נאַציאָנאַלע קולטורן און נאַציאָנאַלע שפּראַכן אַנטוויקלען זיך און צעבליִען. צי איז ניט קלאָר, אַז די טעאָריע פון אָפּשטאַרבונג פון די נאַציאָנאַלע שפּראַכן און פון זייער צונויפגיסונג אין איין אַלגעמיינער שפּראַך אין די ראַמען פון איין מעלוכע אין פּעריאָד פון פאַנאַנדערגעוויקלטער סאָציאַליסטישער בויאונג, אין פּעריאָד פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד איז אַ טעאָריע ניט קיין ריכטיקע, אַן אַנטימאַרקסיסטישע, אַן אַנטילענינישע.

די אַווטאָרן פונם צעטעלע האָבן זיך ניט קלאָר געמאַכט, צווייטנס, אַז די פראַגע וועגן אָפּשטאַרבונג פון די

נאַציאָנאַלע שפּראַכן און זייער צונויפגיסונג אין איין אַלגעמיינער שפּראַך איז ניט קיין פראַגע קיין אינערלעך־מעלוכישע, ניט קיין פראַגע פון זיג פונם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, נאָר אַ פראַגע אַ צווישנפעלקערלעכע, אַ פראַגע פון זיג פונם סאָציאַליזם אין צווישנפעלקערלעכן מאַסשטאַב. לענין האָט ניט אומזיסט געזאָגט, אַז די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן וועלן בלייבן נאָך אַף לאַנג אַפילע נאָכן זיג פון דער דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אויסער דעם דאַרף מען נעמען אין אַכט נאָך איין אומשטאַנד, וואָס איז שאַיעך צו אַ ריי נאַציאָנאַליטעטן פון פסס"ר. עס איז דאָ אוקראַינע אין באַשטאַנד פון פסס"ר, אָבער עס איז דאָ אויך אַן אַנדער אוקראַינע אין באַשטאַנד פון אַנדערע מעלוכעס. עס אַז דאָ ווייסרוסלאַנד אין באַשטאַנד פון פסס"ר. און עס איז דאָ אויך אַן אַנדער ווייסרוסלאַנד אין באַשטאַנד פון אַנדערע מעלוכעס. צי מיינט איר, אַז די פראַגע וועגן דער אוקראַינישער און ווייסרוסישער שפּראַך קאָן געלייזט ווערן אויסער דעם דיסקאָנט פון דידאָזיקע אייגנאַרטיקע באַדינגונגען? נעמט די נאַציאָנאַליטעטן פון פסס"ר, וועלכע געפינען זיך אַף דער דאָרעמדיקער גרענעץ, פון אַזערבייַדזשאַן ביז קאַזאַקסטאַן און בוריאַט־מאָנגאָליע. זיי אַלע געפינען זיך אין דערזעלבער לאַגע, וואָס אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ וועט אויסקומען צו נעמען אין אַכט די אייגנאַרטיקייט פון די באַדינגונגען אין דער אַנטוויקלונג פון דידאָזיקע נאַציאָנאַליטעטן. צי איז ניט קלאָר, אַז דידאָזיקע אַלע און ענלעכע צו זיי פראַגן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע קולטורן און נאַציאָנאַלע שפּראַכן קאָנען ניט געלייזט ווערן אין די ראַמען פון איין מעלוכע, אין די ראַמען פון פסס"ר?

אָט ווי עס האַלט, כאַוויירים, מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלאַל, מיט אויבן דערמאָנטן צעטעלע איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביפראַט.

דערלויבט איצט איבערגיין צו דער ארויסטרעטונג פון די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע.

וואָס פאָדערט דער צוזאַמענפאָר פון די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע? עפּשער כאַראָטע, זיי זאָלן אַליין שלאָגן זיך מאַלקעס? פאַרשטייט זיך, ניט. קיינמאָל וועט אונזער פאַרטיי, דער צוזאַמענפאָר פון אונזער פאַרטיי ניט איינגיין אַף פאָדערן פון פאַרטיי-מיטגלידער עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זיי דערנידעריקן. דער צוזאַמענפאָר פאָדערט באַ די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע דריי זאַכן: ערשטנס, אַז זיי זאָלן זיך אָפּגעבן אַ דינוואָכעשבן אין דעם, אַז צווישן דער ליניע פון דער פאַרטיי און דער ליניע, וואָס זיי האָבן פאַרטיידיקט, ליגט אַן אָפּגרונט, אַז די ליניע, וואָס זיי האָבן פאַרטיידיקט, פירט אָביעקטיוו ניט צום זיג פונם סאָציאַליזם, נאָר צום זיג פונם קאַפּיטאַליזם (שטימען: ריכטיק); צווייטנס, אַז זיי זאָלן פאַרשטעמפּלען דידאָזיקע ליניע, ווי אַן אַנטילעניניש און זיך אָפּגרענעצן פון איר אָפן און ערלעך (שטימען: ריכטיק); דריטנס, אַז זיי זאָלן גיין טראָט אין טראָט מיט אונז און זאָלן פירן צוזאַמען מיט אונז אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן אַלע און יעדע רעכטע אָפּנויגלער (שטימען: ריכטיק. שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

אָט וואָס דער צוזאַמענפאָר פאָדערט באַ די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע.

צי איז דאָ אין דידאָזיקע פאָדערונגען עפּעס דערנידעריקנדיקס פאַר זיי, ווי פאַר מענטשן, וועלכע ווילן בלייבן באָלשעוויקעס?

עס איז קלאָר, אַז דאָ איז ניטאָ און קאָן ניט זיין קיין שום דערנידעריקנדיקס. יעדער באָלשעוויק, יעדער רעוואָלוציאָנער, יעדער זיך אַכטנדיקער פאַרטייער וועט פאַרשטיין, אַז ער קאָן בלויז זיך אויפהויבן און געווינען אין די אויגן פון דער פאַרטיי, אויב ער וועט אָנערקענען אָפן און ערלעך קלאָרע און אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן.

אָט פּאַרוואָס איך מיין, אַז כ׳ טאָמסקים רייד וועגן דעם, אַז מע וויל אים שיקן אין מידבּאָר גאָבּי און צווינגען עסן ווילדן האָניק און אַקרידן, זיינען פּוסטע ווערטלעך פון פּראָווינציעל־וואָדעווילישן כאַראַקטער, וועלכע האָבּן ניט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער פראַגע וועגן דער ווערדע פון אַ רעוואָלוציאָנער (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן).

מע קאָן פרעגן: פאַרוואָס זשע שטעלט אַרויס דער צוזאַמענפאָר באַניים צו די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע דידאָזיקע פאָדערונגען? צי איז דען ניט קיין פאַקט, אַז זיי, דידאָזיקע פאָדערונגען, זיינען זיי שוין איין מאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין נאָיאַבּר 1929 יאָ־אַפּן פּלענום פון צ״ק? צי איז דען ניט קיין פאַקט, אַז זיי, די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע, זיינען ראַן איינגעגאַנגען אַף דידאָזיקע פאָדערונגען, זיך אָפּגעזאָגט פון זייער ליניע, אָנערקענט איר פעלערהאַפטיקייט, אָנערקענט די ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־ליניע און צוגעזאָגט קעמפן קעגן רעכטן אָפּנויג צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי? יאָ, דאָס אַלץ איז געווען. אויב אַזוי, אין וואָס זשע גייט עס? עס גייט אין דעם, וואָס זיי האָבּן ניט אויסגעפילט זייער צוזאָג, ניט אויסגעפילט און פילן ניט אויס די היסכאַיוועסן, וואָס זיי האָבּן געגעבּן מיט 7 כאָדאָשים צוריק (שטימען: ריכטיק). הער כ׳ אוגלאַנאָוו איז געווען פולשטענדיק גערעכט, ווען ער האָט דערקלערט אין זיין רעדע, אַז זיי האָבּן ניט אויסגעפילט זייערע היסכאַיוועסן, וואָס זיי האָבּן געגעבּן דעם נאָיאַבּר־פּלענום פון צ״ק.

אָט וואו עס איז דער קוואַל פון דעם אומצוטרוי, וואָס זיי באַגעגענען איצט אַף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר.

אָט פּאַרוואָס דער צוזאַמענפאָר שטעלט זיי באַניים אַרויס זייגע פאָדערונגען.

די כ״כ ריקאָוו, טאָמסקי און אוגלאַנאָוו האָבּן זיך דאָ געקלאָגט, אַז דער צוזאַמענפאָר באַציט זיך צו זיי מיט אומצוטרוי. אָבער ווער איז אין דעם שולדיק? שילדיק

זייַנען זיי אַליין. ווער עס פילט ניט אויס זייַנע היסכאַי־וועסן, הער קאָן ניט האָפן אַף קיין צוטרוי.

צי זייַנען געווען באַ זיי, באַ די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אפאזיציע, מעגלעכקייטן, געלעגנהייטן אויס־צופילן זייער צוזאָג און אַוועקשטעלן אַ צייַלעם אַפן פאַר־נאַנגענעם? פאַרשטייט זיך, עס זייַנען געווען. און וואָס האָבן זיי געטאָן אין מעשעד פון די 7 כאַדאָשים, קעדיי אויסנוצן דיזאָזיקע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן? גאָרניט.

ניט לאַנג איז דער כ׳ ריקאָוו געווען אַף דער אוראַלער קאָנפערענץ. האָט ער געהאַט, הייסט עס, די גינסטיקע געלעגנהייט צו פאַריכטן זייַנע פעלערן. נאָר וואָס האָט זיך באַקומען? אַנשטאָט צו אייַנרייסן אָפן און אַנטשיידן מיט זייַנע וואַקלונגען, האָט ער דאָרט גענומען דרייען און מאַ־נעווּרירן. פאַרשטייט זיך, אַז די אוראַלער קאָנפערענץ האָט ניט געקאָנט אים ניט געבן קיין ווידערשטאַנד. פאַרגלייַכט איצט כ׳ ריקאָווס רעדע אַף דער אוראַלער קאָנפערענץ מיט זייַן רעדע אַפן 16־טן צוזאַמענפאָר. צווישן זיי איז אַ טהאם. דאָרטן דרייט ער און מאַנעווּרירט, קעמפנדיק מיט דער אוראַלער קאָנפערענץ, דאָ פרואווט ער זיך אָפן אין אין דער הויך אָנערקענען זייַנע פעלערן, פרואווט זיך אייַנ־רייסן מיט דער רעכטער אָפאָזיציע און זאָגט צו שטיצן די פאַרטיי אין קאַמף קעגן די אָפנויגן. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ ענדערונג, מיט וואָס דערקלערט מען זי? זי דערקלערט זיך, אַפאָנים, מיט דער דראָענדיקער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער פאַרטיי פאַר די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפאָזיציע. עס איז דעריבער קיין וואונ־דער ניט, וואָס באַם צוזאַמענפאָר האָט זיך געשאַפן אַ באַ־שטימטער אייַנדרוק: ביז וואַנען דו וועסט ניט אָנקוועטשן אַף דיזאָזיקע מענטשן, וועסטו זיך פון זיי גאָרניט דער־שלאָגן (אַלגעמיינער געלעכטער, לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיס־מענטן).

צי האָט דער כ׳ אוגלאַנאָוו געהאַט אַ מעגלעכקייט

אויסצופילן זיין צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דעם נאָיאַבר־פּלענום פון צ"ק? יאַ, געהאַט. איך האָב אין זין די אומפּאַרטייאישע פאַרזאַמלונג אַפן זאַוואָד „מאָסעלעקטריק", וואו ער איז ניט לאַנג אַרויסגעטראָטן. און וואָס האָט זיך באַקומען? אָנשטאָט אַרויסצוטרעטן ווי עס פּאַסט פאַר אַ באָלשעוויק, האָט ער דאָרט גענומען באַשמוצן די ליניע פון דער פּאַרטיי. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דערפאַר געקראָגן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד פונם זאַוואָדישן קעמערל. פאַרגלייכט איצט דיזאָזיקע אַרויסטרעטונג זיינע מיט זיין מעלדונג, וואָס איז היינט אָפּגעדרוקט אין „פּראַוודאַ". צווישן זיי איז אַ טהאָם. מיט וואָס דערקלערט זיך דיזאָזיקע ענדערונג? מיט דערזעלבער דראָענדיקער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע. וואָס זשע איז דאָ פאַר אַ וואונדער, אויב דער צוזאַמענפאָר האָט געמאַכט דערפון אַ באַשטימטן אויספיר: ניט אָנקוועטשנדיק אַף דיזאָזיקע מענטשן, וועסטו זיך פון זיי גאָרניט דערשלאָגן. (אַלגעמיינער געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן).

אָדער, צום ביישפּיל, דער כ' טאָמסקי. ניט לאַנג איז ער געווען אין טיפליס אַף דער טראַנסקאַווקאַזער קאָנפערענץ. ער האָט געהאַט, הייסט עס, אַ געלעגנהייט צו פאַרגלעטן זיינע זינד. און וואָס האָט זיך באַקומען? ער האָט דאָרט באַרירט אין זיין רעדע די ראַטווירטן, די קאָלווירטן, די קאָאָפּעראַציע, די קולטור־רעוואָלוציע און אַנדערע אַזעלכע זאַכן, אָבער וועגן איקער, ד.ה. וועגן זיין אָפּאָרטוניסטישער אַרבעט אינם אַלפאַרבאַנדישן פּראָפּראַט האָט ער ניט געזאָגט קיין וואָרט. דאָס רופט זיך אָן אויספילן די פליכטן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן דער פּאַרטיי! געוואָלט איבערקליגן די פּאַרטיי, ניט פאַרשטייענדיק, אַז מיליאָנען אויגן קוקן אַף יעדן פון אונז און דאָ וועסטו קיינעם ניט איבערקליגן. פאַרגלייכט איצט זיין אַרויסטרעטונג אין טיפליס מיט זיין אַרויסטרעטונג אַפן צוזאַמענפאָר, וואו ער

האָט גלייך און אָפן אָנערקענט זיינע אָפּאָרטוניסטישע פעלערן אין דער אָנפירונג מיטן אַלפאַרבאַנדישן פראָפראַט. צווישן זיי איז אַ טהאָם. מיט וואָס קאָן מען דערקלערן דעמדראָזיקן בילעק? אַלץ מיט דער דראָענדיקער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע. וואָס זשע איז דאָ פאַר אַ וואונדער, אויב דער צוזאַמענפאָר האָט געפרואווט אַ קוועטש טאָן ווי געהעריק אַף דידאָזיקע כאַווײרים, קעדיי זיך דערשלאָגן פון זיי די אויספילונג פון זייערע היסכאַייוועסן. (אַפּלאָדיסמענטן, אַלגעמיינער געלעכטער פונעם גאַנצן זאַל).

אָט וואו עס איז דער קוואַל פון דעם אומצוטרוי, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט נאָך צו דידאָזיקע כאַווײרים.

מיט וואָס דערקלערט מען אַזאַ מער ווי מאָדנע אויפירונג פון די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע?

מיט וואָס דערקלערט מען דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן קיין איין מאָל זיך ניט געפרואווט פאַרן פאַרגאַנגענעם פעריאָד אויסצופילן זייערע היסכאַייוועסן פרייוויליק, אָן אַ דרוק פון אויסן.

דאָס דערקלערט זיך וויניקסטנס מיט צוויי אומשטענדן.

ערשטנס, דערמיט, וואָס זייענדיק נאָך ניט אינגאַנצן זיכער אין דער ריכטיקייט פון דער פאַרטיי־ליניע, האָבן זיי שטילערהייד פאָרגעזעצט אַ געוויסע פראַקציאָנעלע אַרבעט, געצויגן ביז אַ צייט און געוואַרט אַף אַ גוטער געלעגנהייט, קעדיי באַנײיס אַרויסטרעטן אָפן קעגן דער פאַרטיי. צונויפקומענדיק זיך אַף זייערע פראַקציאָנעלע פאַרזאַמלונגען און באַהאַנדלענדיק פאַרטיי־פראַגן, האָבן זיי געוויינלעך זיך געכעשבנט: לאָמיר צוואַרטן ביז פרילינג, עפשער וועט די פאַרטיי דורכפאַלן מיט די פאַרזייאונגען, — דאַן וועלן מיר אַ קלאַפ טאָן ווי געהעריק. דער פרילינג האָט אָבער ניט געגעבן זיי קיינע פליוסן, ווייל די פאַרזייאונגען זיינען דורכגעגאַנגען גינסטיק. דאַן האָבן זיי באַנײיס גע-

בעשבגט: לאָמיר צוּוואַרטן ביז האַרבסט, עפשער וועט די פאַרטיי דורכפאַלן מיט די ברויט־פאַרגרייטונגען, — דע־מאָלט וועלן מיר אַ קלאַפ טאָן אָפן צ.ק. אָבער דער האַרבסט האָט זיי אויך אונטערגעפירט און זיי זיינען געבליבן באַם נאַר. און אַזוי ווי פריליִנג און האַרבסט כאַזערן זיך איבער יעדעס יאָר, האָבן די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפאָזיציע געהאַלטן אין איין אָפציען באַגיים, פאַרהאָפנדיק אָדער אַף פריליִנג אָדער אַף האַרבסט (אַלגעמיינער געלעכ־טער פונעם גאַנצן זאַל).

פאַרשטייט זיך, ציִענדיק אַזוי פון סעזאָן צו סעזאָן און וואַרטנדיק אַף אַ גינסטיקן מאָמענט, קעדיי אַ קלאַפ צו טאָן אַף דער פאַרטיי, האָבן זיי ניט געקאָנט אויספילן זיי־ערע היסכאַייווען.

צוליעצט, די צווייטע סיבע. זי באַשטייט, רידאַזיקע צווייטע סיבע הערין, וואָס די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפאָזיציע פאַרשטייען ניט אונזערע באָלשעוויסטי־שע טעמפן. און ביכלאַל נעמען זיי ניט אויף קיין שום זאַך, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון ביסלעכווייזער אַנט־וויקלונג, פון די ראַמען פון סטיכישקייט. נאָך מער, אונזע־רע באָלשעוויסטישע טעמפן, אונזערע נייע אַנטוויקלונגס־וועגן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן פעריאָד פון רעקאָנ־סטרוקציע, די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף און די פאָלגן פון דעראָזיקער פאַרשאַרפונג רופן אין זיי אַרויס אומרו, פאַרלאָרנקייט, מוירע, שרעק. פאַרשטייט זיך דע־ריבער, אַז זיי שטויסן זיך אָפ פון דעם אַלעמען, וואָס איז פאַרבונדן מיט די סאַמע שאַרפע לאָזונגען פון אונ־זער פאַרטיי. זיי קרענקען מיט דערזעלבער קראַנקייט, מיט וועלכער עס האָט געקרענקט דער באַוואוסטער טשעכאָווי־שער העלד בעליקאָוו, דער לערער פון גריכישער שפראַך, „דער מענטש אין פוטליאַר“. איר געדענקט טשעכאָווס דערציילונג „דער מענטש אין פוטליאַר“? דעראָזיקער העלד, איז, ווי באַוואוסט, שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין

קאַלאָשן, אין אַ וואַטנעם פּאַלטאָ, מיט אַ שירעם, סאַי אין אַ היצן, סאַי אין אַ קאַלטן וועטער. „זייט אַזוי גוט, צוליב וואָס טראָגן איר קאַלאָשן און אַ וואַטענער פּאַלטאָ אין כוידעש יולי, אין אַזאַ הייס וועטער?" — האָט מען געפרעגט בעליקאָוון. „אַף יעדן פאַל, — האָט געענטפערט בעליקאָוו, — טאָמער טרעפט עפּעס: טאָמער גיט פּלוצים אַ קנאַק אַ פראָסט, וואָס זשע וועט דעמאָלט זיין?" (אַלגעמיינער געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן). ער האָט מורע געהאַט, ווי פאַר אַ מאַגייפע, פאַר יעדער נייער זאַך. פאַר דעם אַלעמען, וואָס גייט אַרויס פונעם געוויינלעכן קרייז פון גרויען באַלעבאָסלדיקן לעבן. עפנט מען אַ נייע גאָרקיך, איז בעליקאָוו שוין אומרואיק: עס איז געוויס עפשער טאַקע גוט צו האָבן אַ גאָרקיך, נאָר זעט, עס זאָל עפּעס ניט טרעפן. אָרגאַניזירט מען אַ דראַמאַטיש קרייזל, אַ נייע לייען־הויז, איז בעליקאָוו ווייטער אומרואיק: אַ דראַמאַטיש קרייזל, אַ ניי לייען־הויז, צוליב וואָס טויג דאָס? זעט, עס זאָל עפּעס ניט טרעפן (אַלגעמיינער געלעכטער).

דאָסזעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע. איר געדענקט די געשיכטע מיטן איבערגעבן די טעכנישע הויכשולן צו די ווירטשאַפטלעכע פאָלקאָמאַטן? מיר האָבן געוואָלט איבערגעבן סאַכאַקל צוויי טעכנישע הויכשולן דעם העכסטן ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט. דאַכט זיך, אַ קלייניקייט. און דאָך האָבן מיר באַגעגנט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד מיצאַד די רעכטע אָפּאָזיציע. איבערגעבן צוויי טעכנישע הויכשולן דעם העכסטן ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט? צוליב וואָס טויג עס? צי איז ניט בעסער צוצוואַרטן? זעט, עס זאָל עפּעס וואָס ניט אַרויסקומען פון דער דאָזיקער מאַיסע. און איצט זיינען אַלע טעכנישע הויכשולן באַ אונז איבערגעגעבן די ווירטשאַפטלעכע פאָלקאָמאַטן. און גאָרניט — מיר לעבן. אָדער, צום ביישפּיל, די פראַגע וועגן אויסעראָרדנטלעכע מיטלען קעגן די באַלעגופים. איר גע־

דענקט, וואָס פאַר אַ היסטעריק עס האָבן אונז דאָן גע־
מאַכט די לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע? אויסער־
אָרדנטלעכע מיטלען קעגן די באַלעגופים? צוליב וואָס איז
דאָס? צי איז ניט בעסער דורכפירן אַ ליבעראַלע פּאָליטיק
בענוגייע די באַלעגופים? זעט, עס זאָל עפּעס ניט אַרויס־
קומען פון דערדאָזיקער מאַיסע. און איצט פירן מיר דורך
די פּאָליטיק פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס,
אַ פּאָליטיק, וואָס אין פאַרגלייך מיט איר זייַנען די אוי־
סעראָרדנטלעכע מיטלען קעגן באַלעגופנטום אַ פּוסטע זאַך.
און גאָרניט, מיר לעבן. אָדער צום בייַשפּיל, די פראַגע וועגן
קאָלווירטן און ראַטווירטן. ראַטווירטן און קאָלווירטן? צי
וואָס טויגן זיי? וואוהין דאַרפן מיר זיך אייַלן? זעט, עס
זאָל עפּעס ניט אַרויסקומען פון דידאָזיקע ראַטווירטן און
קאָלווירטן און אַז. וו. און דאָס גל.

אָט דידאָזיקע מוירע פאַר נייעם, דאָס ניט קאָנען צו־
גיין אָף אַ נייעם אויפן צו נייע פראַגן, דערדאָזיקער אומרו
— „עס זאָל עפּעס וואָס ניט טרעפן“ — דידאָזיקע שטרי־
כן פונם „מענטש אין פוטליאַר“ שטערן די געוועזענע לי־
דערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע ווי געהעריק זיך צונויפ־
גיסן מיט דער פּאַרטיי.

באַזונדערס קאָמישע פאָרמען נעמען אָן בייַ זיי דידאָ־
זיקע שטריכן פונם מענטשן אין פוטליאַר, ווען עס באַווייזן
זיך שוועריקייטן, ווען עס באַווייזט זיך דאָס קלענסטע
כמאַרעלע אַפן האָריזאָנט. באַווייזט זיך ערגעץ וואו בייַ
אונז אַ שוועריקייט, אַ מעניע,—זייַנען זיי שוין אומרואיק:
עס זאָל עפּעס וואָס ניט טרעפן. ניט אַ שורשע ערגעץ אַ
פּרייס, האָט ער נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק אַרויסקריכן
פון דער נאָרע, ווי זיי וואַרפן זיך שוין צוריק, פאַלן אַריין
אין איימע און הויבן אָן גוואַלדעווען וועגן אַ קאַטאַסטראָפע,
וועגן אומקום פון דער ראַטנמאַכט (אַלגעמיינער געלעכ־
טער). מיר באַרואיקן זיי און סטאַרען זיך זיי איבערצייגן,
אַז דאָ איז נאָך ניטאָ קיין שום געפערלעכעס, אַז דאָס איז

מאַכאַל אַ פּרייס, פאַר וועלכן מע דאַרף ניט מוירע האָבן. נאָר וואָס־ווען! זיי גוואַלדעווען זייערס. וואָס מיר פּרייס? דאָס איז ניט קיין פּרייס, דאָס זיינען טויזנט צעוישעטע כאַיעס! דאָס איז ניט קיין פּרייס, דאָס איז אַ טהאָם, אומקום פון דער ראַטנמאַכט. און עס גייט אַוועק אַ מאַיסע. בוכאַרין שרייבט וועגן דעם טעזיסן און שיקט זיי אין צ.ק., באַהויפּטנדיק, אַז די פּאָליטיק פונם צ.ק. האָט דערפירט דאָס לאַנד צו אומקום, אַז די ראַטנמאַכט וועט געוויס אומקומען, אויב ניט איצט, איז יעדנפאַלס, אין אַ כוידעש אַרום. ריקאָוו פאַרייניקט זיך צו בוכאַרינס טעזיסן, אויסנעמענדיק אָבער, אַז ער האָט זייער ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט בוכאַרינען, וואָס באַשטייען אין דעם, אַז די ראַטנמאַכט וועט אומקומען לויט זיין מיינונג ניט אין אַ כוידעש אַרום, נאָר אין אַ כוידעש מיט צוויי טעג. (אַלגעמיינער געלעכטער). טאָמסקי פאַרייניקט זיך צו בוכאַרינען און ריקאָוון, נאָר פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מע האָט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן טעזיסן, ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן אַ דאָקומענט, פאַר וועלכן עס וועט אויסקומען שפּעטער צו ענטפערן: „וויפל מאָל האָב איך אייך געזאָגט,—טוט וואָס איר ווילט, נאָר לאָזט ניט איבער קיין דאָקומענטן, לאָזט ניט איבער קיין שפּורן" (האָמערישער געלעכטער פונם גאַנצן זאַל, דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן). שפּעטער, אין אַ יאָר אַרום, ווען יעדן טיפּעש ווערט קלאָר, אַז די פּרייסן־געפאַר איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי, הויבן אָן די רעכטע אָפּנויגלער קומען צו זיך, זיי ווערן דרייסט און לאָזן זיך אַפילע אין באַרימעריי, דערקלערנדיק, אַז זיי האָבן ניט מוירע פאַר קיינע פּרייסן, אַז דער דאָזיקער פּרייס איז דערצו נאָך אַזאַ אויסגעדעווערטער און פּעגירעדיקער (געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטן). אָבער דאָס איז אין אַ יאָר אַרום. און דערווייל גיי האָב אַן אייסעק מיט די דאָזיקע נודניקעס...

דאָס, באַוויירים, זיינען די אומשטענדן, וועלכע שטערן

די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע צוגיין נענטער צום קערן פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג און זיך צונויפגיסן מיט איר ביזן סאָף.

מיט וואָס קאָן מען דאָ העלפן דער זאַך?

דערויף איז דאָ בלויז איין מיטל: אייגריייסן ענדגילטיק מיט דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, זיך איבערבאַוואָפענען אַפּסגיי און זיך צונויפגיסן צוזאַמען מיטן צ"ק פון אונזער פּאַרטיי אין זיין קאַמף פאַר די באָלשעוויסטישע אַנטוויקלונגס־טעמפּן, אין זיין קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג.

קיין אַנדערע מיטלען איז ניטאָ.

ווען דאָס די געוועזענע לידערס פון דער רעכטער אָפּאָזיציע קאָנען טאָן, איז גוט. ווען זיי ניט קאָנען, זאָלן זיי האָבן טאַינעס צו זיך אַליין. (לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן פונעם גאַנצן זאַל. אָוואַציע. אַלע שטייען אויף און זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“).

# רעזאָלוציע

## פונם XVI צוזאַמענפאָר פון אלק״פ(ב) איבערן באַריכט פונם צענטראַל־קאָמיטעט

### (אָנגענומען איינשטימיק)

דער 16־טער צוזאַמענפאָר פון דער אַלקפּ״(ב) באַשטעטיקט אינגאַנצן און פולשטענדיק די פּאָליטישע ליניע און אַרבעט פונם צ. ק. אַלקפּ״(ב).

דער באַריכט־פּעריאָד איז געווען אַן איבערבראָך־פּעריאָד סיי פאַר די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און סיי אויך פאַר פסס״ר. פאַרן פסס״ר האָט ער באַטייט דאָס אַריבערגיין פונם אויפשטעלונגס־פּעריאָד צום רעקאָנסטרוקציון און די גיגאַנטישע פאַנאַנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג; אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דער איבערבראָך פאַרגעקומען אין דער ריכטונג צו עקאָנאָמישער יערידע.

דער צוזאַמענפאָר קאָנסטאַטירט מיט באַפרידיקונג, אַז די ריכטיקע לעניניסטישע פּאָליטיק פונם צ. ק. אַלקפּ״(ב) האָט געבראַכט צו דער ווייטערדיקער פאַרפעסטיקונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט פון פסס״ר, צו גיגאַנטישע ערפאָלגן אַפן געביט פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד, צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער ברידערלעכער מיטאַרבעט פון די פעלקער אינם פאַרבאַנד

אַף דער באַזע פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, צום אויספילן און איבערשטייגן די פּראָגראַם פון די ערשטע צוויי יאָר פונם פינפיאָר, צו אַן אַנטשיידענעם קער מיצאַד די מיטלפויערשע מאַסן צום סאָציאַליזם, וואָס האָט דערלויבט דער פּאַרטיי איבערצוגיין פונם לאָזונג באַגרענעצן און אַרויסשטופּן דאָס באַלעגופנטום, צום לאָזונג פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס אַף דער באַזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

## 1

דער צוזאַמענפאָר קאָנסטאַטירט, אַז די פאַקטן פונם באַריכט־פעריאָד האָבן אינגאַנצן און פולשטענדיק באַשטעטיקט די אָפּשאַצונג, וואָס דער צ. ק. האָט געגעבן דער וועלט־לאַגע און וואָס כאַראַקטעריזירט זיך מיט דער ווייטערדיקער און פאַרשטאַרקטער צעטרייסלונג פון דער טיילווייזער סטאַביליזאַציע פונם קאַפּיטאַליזם, מיט דער פאַרשאַרפונג פון אַלע ווידערשפּרוכן פון דער אימפּעריאַליסטישער סיסטעם, מיטן וואוקס פון דער געפאַר פון נייע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מיט דער פאַשיזירונג פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער מעלוכע און מיט דער פאַרוואַנדלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַ דירעקטן געצייג אַף אונטערדריקן דעם אַרבעטער־קלאַס.

אַלס סאַמע בולטסטער אויסדרוק פונם טיפסטן קריזיס־צושטאַנד פונם קאַפּיטאַליזם איז געקומען דער אַמעריקאַנישער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז איבערגעוואַקסן אין אַ וועלט־קריזיס. עפענענדיק אַ פעריאָד פון אַ נייעם פאַרביטערטן קאַמף פאַר איבערפאַרטיילן די וועלט, פאַרסירנדיק די קאַפּיטאַליסטישע ראַציאָנאַליזאַציע אַפן

כעשבן פונם אַרבעטער־קלאַס און פאַרשטאַרקנדיק די עקס־
פּלואַטאַציע פון די קאָלאָניאַלע לענדער דורך זייערע אימ־
פּעריאַליסטישע פאַרקנעכטער, — צעקלאַפּט דערדאָזיקע־
קריזיס מיט דער גאַנצער בוילעטקייט די סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישע טעאָריע פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם“, וואָס
די רעכטע אָפּאָרטוניסטן האָבן אונטערגעכאַפּט, און באַטײַט
די דערנעענטערונג פונעם סאָף פון דער טיילווייזער סטאַבי־
ליזאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם. דערדאָזיקער קריזיס פאַר־
שטאַרקט דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג אין די קאַפּיטאַ־
ליסטישע און קאָלאָניאַלע לענדער און ער וועט אומפאַר־
מיידלעך אַריבערוואַקסן אין אַ פּאָליטישן קריזיס אין אַ
גאַנצער ריי לענדער.

דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג, וואָס אַנטוויקלט
זיך, געפינט זיין אויסדרוק אינעם וואוקס און אין דער
פאַרשאַרפונג פונעם עקאָנאָמישן שטרייק־קאַמף און אין
דעם, וואָס די קאָמפּאַרטייען און די רעוואָלוציאָנערע פּראָ־
פאַראיינען ווענדן אָן מיט ערפאָלג די טאַקטיק פון זעלב־
שטענדיקער אָנפירונג מיט די שטרייקן, אין דער ברייטער
באַוועגונג פון די אַרבעטסלאָזע קימאַט אין אַלע קאַפּיטאַ־
ליסטישע לענדער, אין אַ ריי רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרע־
טונגען אין די קאָלאָניעס, אינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף
פונעם כינעזישן פויערטום און אין דער אָרגאַניזירונג פון
אַ רויטער אַרמיי קעגן דער גאָמינדאַנישער בורזשואַזער
קאָנטר־רעוואָלוציע, אין דעם אָנוואוקס פונעם נאַציאָנאַל־
רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם אין אינ־
דיע און אינדאָכינע, אין אינדאָנעזיע, אין אַפריקע, אין דער
פאַרשטאַרקונג פון די קאָמפּאַרטייען פון אייראָפּע,
אַמעריקע און כינע און אין זייער אָפּרייניקן זיך פון
די פּוילע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן.

דער צוזאַמענפאַל פאַרצייכנט מיט באַפרידיקונג די
קאָלאָסאַלע ראָליע פון דער אַלק״פּ(ב) און פון איר צ״ק

אינם פּראַט פון באַלשעוויזירן די סעקציעס פון קאָמינטערן
און פון אָפּרייניקן זיי פון די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן.
די פאַרשאַרפונג פון אַלע ווידערשפּרוכן פון דער
אימפּעריאַליסטישער סיסטעם קומט פאָר צוגלייך מיט
דער פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפּרוכן צווישן פסס״ר
און דער אַרומיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער
האַס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע צו דער
איינציקער אין דער וועלט מעלוכע פון פּראָלעטאַרישער
דיקטאַטור און צו איר רעוואָלוציאָניזירנדיקן איינפלוס
דריקט זיך אויס אין די פּרואוון צו אָרגאַניזירן אַן עקאָ-
נאָמישע בלאָקאַדע, אינם קאַמף קעגן דעם סאָוועטישן עק-
ספּאָרט, אין דער קאַמפּאַניע פון די קלייקוידעש, אין דער
ווילדער רעכילעסדיקער קאַמפּאַניע פון דער בורזשואַזער
און סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּרעסע, אין דער פאַר-
שטאַרקטער צוגרייטונג פון אַ מילכאָמע קעגן פסס״ר.

אַ באַזונדערע ראָליע אין דער אַנטיסאָוועטישער
קאַמפּאַניע שפּילט די זיך פאַשיזירנדיקע סאָציאַל-דעמאָ-
קראַטיע, וואָס טרעט געוויינלעך אַרויס אַלס איר איניצי-
אַטאָר זייט באַ זייט מיט די סאַמע רעאַקציאָנערע בורזשו-
אַזע גרופּעס, דערביי צייכענען זיך אַלץ מער בולעט אויס
אַלס נאָכטאַנצער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע די רעכ-
טע און „לינקע״ רענעגאַטן פון קאָמוניזם. אָבער די וואַק-
סנדיקע עקאָנאָמישע מאַכט פון פסס״ר, וואָס פאַרגרעסערט
פאַר דער בורזשואַזיע די געפאַר און די ריזיקע פון דער
אינטערווענציע קעגן פסס״ר, באַזונדערס אין די באַדינגונגען
פונם איצטיקן קריזיס און פונם רעוואָלוציאָנערן אויפ-
שטייג, וואָס אַנטוויקלט זיך, צווינגט געוויסע גרופּעס פון
דער בורזשואַזיע איינצוגיין אַף אַנטוויקלען און פאַר-
שטאַרקן די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיטן ראַטנפאַר-
באַנד.

די פאַרשטאַרקונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט
פונם ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ריכ-

טיקער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס דער צ״ק אַלק״פּ(ב) פירט דורך. בלויז אַ דאַנק דערדאָזיקער פּאָליטיק האָט די ראַטנרעגירונג זיך דערשלאָגן די אויפהאַלטונג פונם שאָלעם, וואָס איז דער וויכטיקסטער באַדינג פון דער זיגרייכער סאָציאַליסטישער בויאונג און פון דער באַדייטנדיקער פאַרשטאַרקונג פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַווטאָריטעט פון פסס״ר. די אויסגעהאַלטענע און פעסטע פּאָליטיק פון דער ראַטן־רעגירונג האָט געבראַכט צום באַנייען די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ענגלאַנד און צו ליקווידירן דעם קאָנפליקט אַף דער מיזרעך־כינעזישער אייזנבאַן, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אימפּעריאַליזם האָט אונז אָנגעבונדן.

דער צוזאַמענפאַר באַאויפטראַגט דעם צ״ק אויך אַף ווייטער צו פירן א פעסטע און אַנטשיידענע שאלעם־פּאָליטיק און צו פאַרשטאַרקן די ברידערלעכע פאַרבינדונג און סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע מאַסן פונם ראַטנפאַרבאַנד מיט די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פון די קאָלאָניעס.

האַלטנדיק פאַר נייטיק די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע באַציאונגען פונם ראַטנפאַרבאַנד מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אַף דער באַזע פון פעסטן אָפּהיטן די מאָנאָפּאָליע פון אויסערן־האַנדל און דאָס סאַמע ברייטע אויסניצן די טעכניק פון די פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַר דער פאַרשנעלערונג פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פונם ראַטנפאַרבאַנד, שטרייכט אונטער דער צוזאַמענפאָר די גאַנצע באַדייטונג פון די באָלשעוויסטישע טעמפּן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד פאַר זיכערן די עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט פון פסס״ר, פאַרן פאַרפעסטיקן די שוצפעאיקייט פון דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע און פאַרן ווי־

דערשטאַנד קעגן אַלע פרואוון פון אינטערווענציע מיצאַד דעם אינטערנאַציאָנאַלן אימפעריאַליזם.

פאַרצייכענענדיק מיט באַפרידיקונג, אַז אונזער רויטע אַרמיי האָט ווידער באַוויזן איר קראַפט און שלאַכטפעאיקייט, ווייזט אָן דער צוזאַמענפאָר מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט אַף דער נויטיקייט נאָך מער צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פאַרטיי און צו מאָבילִיזירן אַלע קרעפטן פונם אַרבעטער-קלאַס און פון די אָרעם- און מיטלפויערישע מאַסן אַף דער פאַרשטאַרקונג פון דער שוצפעאיקייט פון פסס"ר, פון דער מעכטיקייט און שלאַכטפעאיקייט פון דער רויטער אַרמיי, פונם ים- און לופט-פלאָט.

## 2

פסס"ר איז פאַרן באַריכט-פעריאָד אַרייַנגעטראָטן אין אַ טקופע פון גיגאַנטישער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. די ריכטיקע לענינשע פּאָליטיק פונם צ״ק האָט געזיכערט דעם מעכטיקן פאַרנעם פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, האָט אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלן אויפשטייג און פּראָדוקציר-ענטוזיאַזם באַ די אַרבעטער-מאַסן, וואָס האָט דערלויבט דער פּאַרטיי צו שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן דעם פינף-יאָר-פּלאַן אין פיר יאָר. די טעמפּן פון סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָס די פּאַרטיי האָט דערגרייכט, גיבן אַ מעגלעכקייט דעם ראַטנפאַרבאַנד צו דעריאָגן און איבעריאָגן אינעם סאַמע קורצסטן היסטאָרישן טערמין די פאָרגעשריטענע אין טעכניש-עקאָנאָמישער הינזיכט קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דער שנעלער אינדוסטריאַליזאַציע-טעמפּ האָט געשאַפן אַ באַזע פאַר דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. די טוואָרע-ראַטווירטן דאַרפן שוין הײַאָר געבן העכער 100 מיליאָן פוד סכוירע-

ברויט. דער קאָלווירטישער פינפיאָר-פּלאַן איז איבערגעשטיגן געוואָרן אינעם לויפנדיקן ווירטשאַפטלעכן יאָר. די קאָלווירטן דאַרפן שוין האַיאָר געבן העכער א האַלבן מיליאַרד פוד סכוירע-ברויט. טראָץ די פּאַנישע באַהויפּטונגען פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן וועגן דער דעגראַדירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָט די פּאַרטיי אַף דער באַזע פון דער פירנדיקער ראָלע פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, פון פאַרייניקן אין קאָלווירטן די קליינע אָפּגעשטאַנענע און צעשטויבטע פויערשע ווירטשאַפטן און פון העלפן דער אינדיווידועלער אָרעם-און מיטלפויערשער ווירטשאַפט, ערפאָלגרייך געלייזט אין גרונט גענומען די טוואָוע-פּראָבלעם. דער פאַרזיי-שעטאַך פון די טוואָוע-קולטורן האָט האַיאָר צום ערשטן מאָל איבערגעשטיגן דעם פאַרמילכאָמיקן פאַרנעם. עס איז דערגרייכט געוואָרן א באַדייטנדיקע פאַרגרעסערונג פונם שעטאַך פון די טעכנישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן. די פּאַרטיי האָט זיך שוין גענומען לייזן די פיצוכט-פּראָבלעם.

דער גיגאַנטישער טעמפּ פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד איז באַגלייט געוואָרן מיט א באַדייטנדיקן קוואַנטיטאַטיוון וואוקס פונם אַרבעטער-קלאַס, מיטן אויפשטייג פון זיין מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ, מיטן וואוקס פונם רעאַלן אַרבעטסלוין, מיטן איבערגיין אַפן 7-שאָיקן אַרבעטס-טאָג, מיטן איינפירן די 5-טאָגיקע קעסיידערדיקע אַרבעטס-וואָך, מיט דער שאַרפער פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט.

דאָס דורכפירן ביזן סאָף די עקאָנאָמישע ראַיאָנירונג פונם לאַנד פאַרשנעלערט באַדייטנד די אינדוסטריאַליזירונג פון די פריער אָפּגעשטאַנענע ראַיאָנען פון די ראַנד-געגנטן און נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, שאַפט דאָרט נייע אינדוסטריעלע און פּראָלעטאַרישע צענטרען און פאַרלייכטערט די ריכטיקערע פאַנאַנדערטיילונג פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פון פסס"ר.

דידאָזיקע ערפאָלגן האָט די פּאַרטיי דערגרייכט אינעם קאַמף און בייקומענדיק די שוועריקייטן, וואָס שטייען אפן וועג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. דידאָזיקע שוועריקייטן זיינען, אין אונטערשייד צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, געווען שוועריקייטן פון וואוקס און ניט פון יערידע. דידאָזיקע שוועריקייטן נעמען זיך דערפון, וואָס מיר דאַרפן אף אַ ראַדיקאַלן אויפן איבערבויען די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט, ענדערנדיק זייער טעכנישע באַזע און באַוואָפענענדיק מיט דער מאָדערנער טעכניק. דידאָזיקע אויפגאַבע איז אַ באַזונדערס קאָמפּליצירטע בנוגע צו דער לאַנדווירטשאַפט, וואו די איבערבויאונג פון דער טעכנישער באַזע דאַרף באַגלייט ווערן מיט דער גלייכצייטיקער איבערבויאונג פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער לאַנדווירטשאַפט, מיט דער פאַראייניקונג פון די קליינע און גאָר קליינע ציעשטויבטע ווירטשאַפטן און קאָלווירטן און מיטן אויסקאָרטשעווען די וואָרצלען פונם קאַפּיטאַליזם. די קאָמפּליצירטקייט פון דער אַרבעט איבערצובויען סאָציאַליסטיש די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפט ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט צוליב דעם פאַרביטערטן ווידערשטאַנד פונם באַלעגופּטום, פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ און פון די ביוראָקראַטישע עלעמענטן פונם מעלוכע-אַפּאַראַט (שעדיקעריי, סאַבאָטאַזש און דאָס גלייכן).

די גרונט-באַדינגונגען פאַר דעם ערפאָלגרייכן און שנעלסטן בייקומען דידאָזיקע שוועריקייטן זיינען דאָס פאַרגיכערן די טעמפּן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג און דער פאַנאַנדערגעוויקלטער אָנגריף איבערן גאַנצן פראָנט קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. יעטווידער אָפּשוואַכונג פון דידאָזיקע טעמפּן צוליב די קאַפּיטאַליסטיש-באַלעגופּישע עלעמענטן און די אָפּשוואַכונג פונם אָנגריף קעגן זיי וואָלט אין דער ווירקלעכקייט באַטייט ניט קיין לינדערונג פון די שוועריקייטן, נאָר זייער פאַרשטאַר-

קונג, די פאַרשטאַרקונג פון די פּאָזיציעס פון די קלאַסן־סאָנים פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

די קאַפּיטוליאַנטישע ציל־אײַנשטעלונג פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטן אַף אָפּשוואַכן די אינדוסטריאַליזאַציע־טעמפּן איז אין טאָך גענומען דיקטירט געוואָרן דורך די אינטערעסן פון די באַלעגופיש־קאַפּיטאַליסטישע גרופּעס און פירט צו דער רעסטאַווירונג פונם קאַפּיטאַליזם.

די פּאַרטיי און דער אַרבעטער־קלאַס האָבן געגעבן און וועלן געבן דעם סאַמע אומדערבאַרעמדיקסטן ווידערשטאַנד דער אָפּאָרטוניסטישער קאַפּיטוליאַנטישקייט פון די רעכטע, וואָס באַטייט אין דער ווירקלעכקייט פאַראַט קעגן די אינטערעסן פונם אַרבעטער־קלאַס.

דער צוזאַמענפאָר באַאויפטראַגט דעם צ"ק אין דער ווייטערדיקער אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונם ראַטנפאַרבאַנד צו קאָנצענטרירן די אָנשטרענגונגען פון דער פּאַרטיי אַפן פאַרווירקלעכן די פאָלגנדיקע גרונט־אויפגאַבן:

1) אַלמעגלעך פאַנאַנדערוויקלען די שווערע אינדוסטריע אַלס די גרונט־באַזע פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג (די שוואַרצע און קאָלירטע מעטאַלורגיע, די פּראָדוקציע פון עלעקטרישער ענערגיע, הייצוואַרג, מאַשינבויאונג, כעמיע), שאַפן אינם נאָענטסטן פּעריאָד אַ נייע מעכטיקע קוילן־ און מעטאַלורגישע באַזע אין דער פאָרם פונם אוראַל־קוזבאַסער קאָמבינאַט.

2) אַנטוויקלען און רעקאָנסטרויִרן דעם טראַנספּאָרט, באַזונדערס דעם אײַזנבאַן און וואַסער־טראַנספּאָרט, וואָס ווערט איינער פון די סאַמע שמאָלע ערטער פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.

3) פאַרשטאַרקן די אַנטוויקלונג פון די אינדוסטריעלע צווייגן, וועלכע פּראָדוצירן פּראָדוקטן פון מאַסאַוון [illegible] (לײַכטע אינדוסטריע) און אויך אַנטוויקלען די רויוואַרג־באַזע.

4) פאַרסירן דעם עקספּאָרט דורך דער פאַרשטאַרקטער פאַנאַנדערוויקלונג פון אַ ריי צווייגן פון דער אינדוסטריע און פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע אַרבעטן אַף עקספּאָרט.

5) אַבסאָלוט אויספילן די אינדופינפלענער, צום שטרענגסטן אויספילן די פלאַנאָווע אויפגעבונגען אַף אראָפזעצן דעם קערנקאָסט און אויפהויבן די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע, אַנטשיידענער און פלאַנמעסיקער דורכפירן די ראַציאָנאַליזאַציע, קעמפן קעגן בראַק און קעגן די פאַרלוסטן אין דער פּראָדוקציע, אויפהויבן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט און ליקווידירן די דורכרייסן, וואָס זיינען פאַראַן אין אַ ריי צווייגן.

6) אַנטוויקלען מיט אַלע מיטלען די מאַשיניזירונג און טראַקטאָריזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, אויספילן דעם ראַטווירטישן פינפיאָר־פּלאַן אין דריי יאָר, אונטערפירן אַ פעסטע מאַשין־טראַקטאָרישע באַזע אונטער דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע פון די פויערשע ווירטשאַפטן איבער גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד.

7) דורכפירן פאַרשנעלערט די מאַסמיטלען אַף אויפשטעלן און אַנטוויקלען די פיצוכט און אַף פאַנאַנדערוויקלען די אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט דערנערונגס־פּראָדוקטן אַף דער באַזע פון די אַנטשפּרעכנדיקע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

8) פאַרווירקלעכן די אָנגעמערקטע העכערונג פונם רעאַלן אַרבעטסלוין, פאַרבעסערן די אַרבעט פון דער באַזאָרגונגס־נעץ, באַזונדערס לויט דער ליניע פון דער געברויך־קאָאָפּעראַציע.

אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג האָט די פּראָבלעם, וואָס דער צ״ק האָט אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס, וועגן אַנפירנדיקע ווירטשאַפטלעכע און טעכנישע קאַדרען, וואָס ווערט די צענטראַלע פּראָבלעם פון אונזער סאָציאַליסטישער בויאונג. בלויז ווען עס וועלן וייטער

מאָביליזירט ווערן די קרעפטן פון דער גאַנצער פּאַרטיי און פונעם אַרבעטער-קלאַס אַרום דער אויפגאַבע פון צוגרייטן קאַדרען פון מענטשן פונעם אַרבעטער-קלאַס, בלויז בײַ אַן אַנטשיידענעם קער אָפן דאָזיקן געביט, קאָן געזיכערט ווערן די ווייטערדיקע דורכפירונג פון די באָלשעוויסטישע טעמפּן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד.

3

דער שנעלער טעמפּ פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע פונעם לאַנד, וואָס דער צ"ק האָט פאַרווירקלעכט אָפן גרונט פון די דירעקטיוון פונעם 15-טן צוזאַמענפאָר, טראָגט אַריין טיפע ענדערונגען אין דער צווישנפאַרהעלטעניש פון די קלאַסן אינעם לאַנד. די דאָזיקע ענדערונגען ווערן כאַראַקטעריזירט קוידעמקאָל, צוגלייך מיטן שנעלן צאָליקן וואוקס פונעם אַרבעטער-קלאַס, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון זיין אַנפירנדיקער ראָלע בנוגע צום אָרעם- און מיטלפויערטום. דער עקאָנאָמישער צוזאַמענשלוס צווישן דעם אַרבעטער-קלאַס און די גרונט-מאַסן פויערטום האָבן באַקומען הויפּט-זאַכלעך א פּראָדוצירישן כאַראַקטער. די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי און פונעם צ"ק האָבן באַוואָרנט דעם ערפאָלגרייכן אַריבערגאַנג פון די אָפּגעשטאַנענע און צעשטויבטע קליינע פויערשע ווירטשאַפטן אַף די רעלסן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער ערד-אַרבעט, די פאַנאַנדערוויקלונג פון דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע און דאָס אַריבערגיין צום פאַרווירקלעכן פּראַקטיש דעם לאָזונג — ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס. פאַרן באַריכט-פּעריאָד איז שאַרף געפאַלן די ראָלע פונעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל און עס קומט פאָר זיין ווייטערדיקע אַרויסשטפונג. אַנטשיידן ווערט פאַרשטאַרקט די פּלאַניש-רעגולירנדיקע ראָלע פון דער ראַטן-מעלוכע אין דער גאַנצער

פאלקסווירטשאפט פונם לאנד, ארומכאפנדיק אלץ מע־
און מער ניט בלויז די אינדוסטריע, נאר אויך די לאנד־
ווירטשאפט. עס ווערט פארווירקלעכט די אויפגאבע, וואס
לענין האט געשטעלט—צו פארוואנדלען דאס „נעפישע רוס־
לאנד“ אין א „סאציאליסטיש רוסלאנד“.

דער וואוקס פון דער סאציאליסטישער בויאונג, די
פארשטארקונג פונם אנגריף אף די קאפיטאליסטישע עלע־
מענטן האבן אומפארמיידלעך ארויסגערופן א פארשארפונג
פונם קלאסנקאמף אינם לאנד מיצאד די באלעגופיש־
קאפיטאליסטישע עלעמענטן און פרואוון פון פארצווייפלטן
ווידערשטאנד פון זייער זייט. אנשפארנדיק זיך אף דער
וואקסנדיקער אקטיווקייט פון די באטראקיש־ארעמפויערשע
מאסן אין דארף און פארשטארקנדיק דעם בונד מיטן מי־
טלפויער, האט די פארטיי צעבראכן דעם קאנטר־רעוואלו־
ציאנערן סאבאטאזש און ווידערשטאנד פונם באלעגופנטום,
האט ערפאלגרייך דורכגעפירט די ברויט־פארגרייטונגען און
אנגעזאמלט א באדייטנדיקן רעזערוו ברויט־פאנד. דער
אנטשיידענער קער פון די מיטלפויערשע מאסן צום
סאציאליזם, אלס רעזולטאט פון דער ריכטיקער פאליטיק
פון דער פארטיי, האט געפונען דעם סאמע בולטן אויס־
דרוק אין דער מעכטיקער קאלווירטישער באוועגונג, וואס
האט אין סאף 1929 יאר ארומגעכאפט מיליאנען פויערשע
ווירטשאפטן, שאפנדיק א נייע צווישנפארהעלטעניש
פון די קלאסן־קרעפטן אין לאנד, פארוואנדלענדיק דעם
מיטלפויער, וואס טרעט אריין אין קאלווירט, אין אן אנ־
שפאר פון דער ראטנמאכט, שאפנדיק די באדינגונגען אף
פארבייטן די באלעגופישע ברויט־פראדוקציע מיט דער
פראדוקציע פון די ראטווירטן און קאלווירטן און דערלויבנ־
דיק דער פארטיי אריבערצוגיין פונם לאזונג צו באגרע־
נעצן און ארויסשטופן דאס באלעגופנטום צום לאזונג
פון ליקווידירן דאס באלעגופנטום אלס קלאס אף דער
באזע פון דורכויסיקער קאלעקטיוויזאציע.

דער צוזאַמענפֿאָר שטרייכט אונטער די אומגעהויערע גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פֿונם דאָזיקן לאָזונג, וואָס באַטייט דעם שטורעם פֿונם אַרבעטער־קלאַס אַפֿן לעצטן זייל פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע אין דאָרף.

דער צוזאַמענפֿאָר האַלט פֿאַר אַבסאָלוט ריכטיק די דירעקטיוו פֿונם צ"ק פֿונם 5־טן יאַנוואַר וועגן די טעמפּן פֿון דער קאָלעקטיוויזאַציע און וועגן די פֿאַרבונדענע מיט איר מאָסמיטלען צו ליקווידירן דאָס באַלעגופֿנטום אַלס קלאַס פֿאַר די פֿאַרשיידענע ראַיאָנען און געגנטן פֿונם ראַטנפֿאַרבאַנד אויף דער באַזע פֿון פֿעסטן בונד מיטן מיטלפּויער.

אָבער דער צוזאַמענפֿאָר קאָנסטאַטירט, אַז אַ גאַנצע ריי געגנטלעכע און אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן גראָב אויוועער געווען די דירעקטיוו פֿונם צ"ק (די באַשטימונגען פֿון דער 16־טער קאָנפֿערענץ און פֿונם נאָיאַבער־פּלענום, די באַשלוסן פֿונם 5־טן יאַנוואַר, כאַווער סטאַלינס אַרטיקל „אַ יאָר פֿון גרויסן איבערבראָך"), נעמענדיק אַ קורס אַף קאָלעקטיוויזירן זייערע געגנטן אין פֿאַרלויף פֿון דער פֿרילינגס־קאַמפּאַניע פֿון 1930 יאָר (אין דער צייט, ווען אין דער באַשטימונג פֿונם צ"ק האָט זיך גערעדט 2—3 יאָר און מער). די דאָזיקע ציל־איינשטעלונג איז געווען באַזונדערס ניט דערלאָזבאַר און שעדלעך בנוגע צום געברויך־פּאַס און צו די אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן.

אַזאַ ניט ריכטיקע און שעדלעכע ציל־איינשטעלונג האָט געמוזט אומפֿאַרמיידלעך ברענגען דערצו, אַז די לענינישע פּאָליטיק בנוגע צום מיטלפּויער האָט מען גענומען פֿאַרבייטן מיט דער פּאָליטיק פֿון אַדמיניסטראַטיוון צוואַנג, וואָס איז דורך און דורך פֿיינטלעך דעם לעניניזם.

די באַצייטנסדיקע, פֿעסטע און אַנטשיידענע אַנ־

ווייזונגען פונם צ״ק אין אַ גאַנצער רײ באַשטימונגען און אין כאַווער סטאַלינס אַרטיקלען האָבן אָפּגעשטעלט די כוואַליע איבערבויגן און געצוואונגען די פאַריסענע איבערבויגער צוריקערן זיך אַף דער פּאָזיציע פון לעניניזם.

דער צוזאַמענפאָר שליידערט אַנטשיידן אָפּ די רעכילעסדיקע דערקלערונגען פון די רעכטע אָפּבויגלער און פון די „לינקע“ קייטשער, אַז דאָס פאַריכטן די אַנטימיטלפּויערשע איבערבויגן האָט באַטייט, אַז די פּאַרטיי טרעט אָפּ פון איר גענעראַלער ליניע.

דער צוזאַמענפאָר באַגריסט אינגאַנצן די באַשטימונג פונם צ״ק **וועגן לגאטעס פאר די קאָלווירטן**, וואָס האָט באַדייטנדיק מיטגעווירקט דער פאַרפעסטיקונג פון די קאָלווירטן און דער ערפאָלגרייכער דורכפירונג פון דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע, אין וועלכער דער קאָלווירטישער סעקטאָר האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע.

די פּאַרטיי דאַרף פאַרזעצן דעם אומדערבאַרעמדיקן קאַמף קעגן די „לינקע“ אַנטימיטלפּויערשע איבערבויגן, וואָס דינען אַצינד, מער ווי ווען עס איז פריער, דעם באַלעגוף און דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם.

די רעכטע אָפּאָרטוניסטן, וואָס זיינען אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן זיך געפּרואווט אויסנוצן די שוועריקייטן פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג און די אַנטימיטלפּויערשע איבערבויגן פאַר אַ נייער אַטאַקע אַפן צ״ק און זיין פּאָליטיק. פאַר דער לעצטער צייט האָבן זיך באַמערקט אַ ריי נייע אַרויסטרעטונגען פון די באַנקראָטירטע רעכטע אָפּאָרטוניסטן, וואָס האָבן געפּרואווט דיסקרעדיטירן די גאַנצע אַרבעט פון דער פּאַרטיי אַפן געביט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע און די פאַרבונדענע מיט איר מאָסמיטלען אַף ליקווידירן דאָס באַלעגופּנטום, וואָס האָבן געפּריידיקט די טעאָריע פון סטיכיע אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג און די ליקווידאַטאָרישע באַציאונג צו די גרונט־לאָזונגען פון דער

פאַרטיי אַפן געגעבענעם עטאַפ פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג: צו די לאָזונגען פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע און פון ליקווידירן דאָס באַלעגופנטום אַלס קלאַס.

די פאַרטיי האָט צעקלאַפּט די רעכטע אָפּאָרטוניסטן און דערגרייכט אומגעהויער גרויסע ערפאָלגן אין דער קאָלווירטישער באַוועגונג. די פאַרטיי וועט אויך אַף ווייטער דערלאַנגען צעשמעטערנדיקע קלעפּ איבער אַלע פרואוון מיצאַד די רעכטע אָפּאָרטוניסטן אַראָפּצורייסן די קאָלעקטיוויזאַציע און אויסצונוצן צוליב דעם די שוועריקייטן פון דער קאָלווירטישער בויאונג.

אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער אַרבעט פון דער פאַרטיי איצט געגעבענעם מאָמענט באַקומט די אויפגאַבע ווייטער אַרייַנצוציען אין די קאָלווירטן די אָרעם- און מיטלפויערשעווירטשאַפטן אַף פרייוויליקע יעסוידעס, די פראָבלעם פון אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די קאָלווירטן, פון פאַנאַנדערטיילן די געלטעכניש איצט קאָלווירט, די פראָבלעם פון צוגרייטן קאָלווירטישע קאַדרען, די פראָבלעם פון קולטורעלן ניוואָ פון די קאָלווירטישע מאַסן, פון בייקומען די קלייַנבירגערלעכע וואַקלונגען אין די קאָלווירטן, פון פאַרפעסטיקן די קאָלווירטן מיט אַלע מיטלען אַלס די אָנשפּאַר-פונקטן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין דאָרף.

דורכפירנדיק אין איר גאַנצער פראַקטישער אַרבעט אין דאָרף דעם לאָזונג פון אָנשפּאַרן זיך אַפן קאָלווירטניק, דאַרף די פאַרטיי אַנטשיידן קעמפן קעגן יעטווידער טענדענץ צו איגנאָרירן אָדער ניט דערשאַצן די אינדיווידועלע אָרעם- און מיטלפויערשע ווירטשאַפט, העלפנדיק דער דאָזיקער ווירטשאַפט, פאַרפעסטיקנדיק די זעלבשטענדיקע אָרעמשאַפט-אָרגאַניזאַציע אין די ראַטן, אין דער קאָאָפעראַציע און אין די אונטערשטע רינגען פון דער קאָלווירטישער באַוועגונג, פירנדיק אַ גרויסע אַרבעט צווישן די אינדיווידואַלן און אַרייַנציענדיק זיי אין די קאָלווירטן.

## 4

די גיגאַנטישע ערפאָלגן פון דער פּאַרטיי אַפן געביט פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין דער אינדוסטריע און אין דער לאַנדווירטשאַפט, זיינען געוואָרן מעגלעך בלויז אַף דער באַזע פון דער קאָלאָסאַלער אַקטיווקייט פונם אַרבעטער־קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס גייען נאָך אים, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ברייטער אַנטוויקלונג פונם סאָציאַליסטישן געוועט און שלאָגלעריי צווישן די אַרבעטער, אין דער איבערבויאונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַרבעט פון אַלע אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פון די פּאַרטייאישע, פּראָפּאַריינישע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס אונטערן לאָזונג פון מאָביליזירן די מאַסן פאַר די באָלשעוויסטישע טעמפּן פון דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונם לאַנד, פאַר בייקומען די שוועריקייטן, פאַרן קער פון די פּראָפּאַריינען מיטן פּנים צו דער פּראָדוקציע און פון די ראַטן—צו דער קאָלווירטישער בויאונג.

פאַרווירקלעכנדיק די איבערבויאונג פון דער אַרבעט פון די פּראָפּאַריינען, האָט די פּאַרטיי באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מיצאַד דער פריערדיקער אָנפירונג פונם אַל־פאַרבאַנדישן פּראָפּראַט, וואָס האָט קולטיווירט אינעם פּראָפּאַפּאַראַט אָפּאָרטוניסטישע, טרעד־יוניאָניסטישע שטימונגען פון אַפּאָליטישקייט, פון אָפּרייסן זיך פון דער פּאַרטיי און פונם בויען די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, פּרוּוונדיק זיך שאַפן אין דער פּראָפּבאַוועגונג אַן אָנשפּאַר־פּונקט פאַר די רעכטע אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן; אין זייער קאַמף קעגן דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע און איר לענינישן צ״ק.

דער צוזאַמענפאָר באַגיטיקט איינגאַנצן און פולשטענדיק די מאָסמיטלען, וואָס דער צ״ק האָט אָנגענומען, קעדיי צו פאַרשטאַרקן די לעניניש־באָלשעוויסטישע אַנ־

פירונג מיט דער פּראָפבאַוועגונג. פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דער נייער אָנפירונג פונם אַלפאַרבאַנדישן פּראָפּראַט שטייט די אויפגאַבע פאַרצוזעצן און פאַרענדיקן דעם קער פון די פּראָפאַריינען מיטן פּנים צו דער פּראָדוקציע, צום אַקטיוון אָנטייל אין דער בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, צום בייקומען די קלייןבירגערלעכע וואַקלונגען אין די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פונם אַרבעטער־קלאַס, פאַרבינדנדיק אַפן ענגסטן אויפן דידאָזיקע גאַנצע אַרבעט מיטן פאַרשטאַרקן די אַרבעט אַף פאַרבעסערן די אַרבעטער־באַזאָרגונג, די אַרבעט־שוץ, דעם קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם אין די מעלוכישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען און אינם פּראָפאַפּאַראַט.

זייער אַ וויכטיקע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי און פון די פּראָפאַריינען איז אויפצוהייבן אַף אַ העכערער שטופע די באַוועגונג פונם סאָצגעוועט און שלאָגלעריי, פון ווירקלעכן פאַרוואַנדלען דידאָזיקע באַוועגונג אין אַ שול פון קלאַסאָווער דערציאונג פון די אַרבעטער־מאַסן, פאַרבעסערן די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג, אַריינציען אינם סאַמע קורצן טערמין אינם סאָצגעוועט און שלאָגלעריי אַלע אָן אויסנאַם קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, וועלכע אַרבעטן אין די אונטערנעמונגען, אויפהייבן די פּראָדוציר־קוואַליפיקאַציע פון די קאָמוניסטן, ווירקלעך אַריבערטראָגן דעם שווערפּונקט פון דער פּאַרטייאישער און פּראָפאַריינישער אַרבעט אין צעך און אין דער בריגאַדע.

דער 15־טער צוזאַמענפאָר האָט גאַנץ ריכטיק אַרויסגערוקט איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונם רעקאָנסטרוקטיוון פּעריאָד — די פּראָבלעם פון דער קולטור־רעוואָלוציע. אָבער די טעמפּן פון דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער קולטור־בויאונג אינם לאַנד זיינען אַבסאָלוט ניט גענוג. דער צוזאַמענפאָר ווענדעט די אויפמערקזאַמקייט אַף דער נויטיקייט צו פאַרשטאַרקן זי. דאָס דורכפירן די אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע אָנפאַנגס־בילדונג

און די ליקווידירונג פונם אנאלפאבעטיזם דארף ווערן די שלאג־אויפגאבע פון דער פארטיי אינם נאענטסטן פעריאד.

די פארטיי דארף פארפעסטיקן און אנטוויקלען די באדייטנדיקע ערפאלגן, וואס זיינען דערגרייכט געווארן אינם פראט פון באפרייען די מאסן פון דער רעאקציאנערער ווירקונג פון דער רעליגיע. פארצייכנענדיק דעם באדייטנדיקן וואוקס און די קוואליטאטיווע פארבעסערונג פון דער פרעסע, אלס געצייג צו מאביליזירן די מאסן אפן געביט פון דער סאציאליסטישער בויאונג, באאויפטראגט דער צוזאמענפאר דעם צ"ק אנצונעמען מיטלען צו פארבעסערן ווייטער די פרעסע און אויפהויבן איר ראליע אין דער פאנאנדערוויקלונג פונם סאציאליסטישן אנגריף.

די פארשארפונג פונם קלאסנקאמף אינם לאנד האט געמוזט ברענגען צו דער אקטיוויזירונג פון די אנטיסאוועטישע עלעמענטן אינם מעלוכע־אפאראט.

דער צוזאמענפאר באגריסט אלע מאסמיטלען פונם צ"ק און צקק"ק אף רייניקן און פארבעסערן דעם מעלוכע־אפאראט, האלטנדיק פאר נויטיק צו פארשטארקן דעם קאמף קעגן יעדער מין ביוראקראטיזם, אף דער באזע פון ווייטערדיקן דורכפירן די זעלבסטקריטיק, פון ברייטערן אריינציען ארויסגערוקטע ארבעטער, אף דער באזע פון דער פאנאנדערגעוויקלטער צוגרייטונג פון קאדרען פאר אלע ארגאנען פון דער פראלעטארישער דיקטאטור און פון אנטוויקלען די נייע פארמען פון מאסאוון אריינציען ארבעטער אין דער מעלוכע־פארוואלטונג (דאס ווייטערדיקע פארבעסערן די ארבעט פון די ראטן א.א.וו.).

דער צוזאמענפאר פארצייכנט מיט באפרידיקונג דעם ווייטערדיקן קוואנטיטאטיוון און קוואליטאטיוון וואוקס פון דער פארטיי, די באדייטנדיקע פארבעסערונג פון איר סאציאלן באשטאנד, דעם פארשטארקטן צופלוס אין דער פארטיי פון ארבעטער פון דער פראדוקציע (די באוועגונג פון גאנצע צעכן און זאוואדן אין דער פארטיי אריין).

דעם אויפשטייג פונעם אידייאישן ניוואָ פון די פּאַרטיי־קאַדרען און פון די ברייטע פּאַרטיי־מאַסן און דעם אויפשטייג פון דער קוואַליטעט פון דער פּאַרטיי־אַרבעט, די ווייטערדיקע פאַרשטאַרקונג פון דער אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע, די ערפאָלגרייכע פאַנאַנדערוויקלונג פון דער פּראָלעטאַרישער זעלבסטקריטיק אין אַלע פּאַרטיי־רינגען, דאָס ערפאָלגרייכע דורכפירן די פּאַרטיי־רייניקונג פון פרעמדע, דעמאָראַליזירטע און צוגעשאַרטע עלעמענטן.

אָבער דער אידייאיש־פּאָליטישער ניוואָ פון אַ באַדייטנדיקן טייל פּאַרטיי־קאַדרען איז נאָך אַלץ ניט קיין גענוגנדיקער, ווי דאָס האָבן באַוויזן די צאָלרייכע פאַקטן פון אַנטימיטלפויערשע איבערבויגן. די אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן און צוגרייטן פּאַרטיי־קאַדרען, באַזונדערס פאַרן דאָרף, שטייט אין דער גאַנצער שאַרפקייט. דער וואוקס פון דער פּאַרטיי אַפן כעשבן פון די אַרבעטער אין די אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען איז נאָך אַלץ ניט גענוג. עס איז נויטיק צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט אַף אַריינציען אין דער פּאַרטיי אַרבעטער, באַזונדערס אין די גרויסע אונטערנעמונגען.

ניט געקוקט אַף דער וואַקסנדיקער ראָלע פון די פרויען און פון דער יוגנט אין דער פּראָדוקציע, ווערט נאָך ביז איצט ניט אָפּגעגעבן זיי גענוג אויפמערקזאַמקייט. שוואַך איז די אַרבעט צווישן די פרויען אין דאָרף, ווי דאָס האָט זיך אַנשוילעך אַרויסגעוויזן בײַם דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע. דער צוזאַמענפאָר פאַרפליכטעט אַלע פּאַרטייאישע, פּראָפעסיאָנעלע, סאָוועטישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס צו פאַרשטאַרקן זייער אַרבעט אַף מאָביליזירן די ברייטע מאַסן אַרבעטנדיקע פרויען, באַזונדערס אין דאָרף, אַף פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע בויאונג. קאָנסטאַטירנדיק די דערגרייכונגען אין דער אַרבעט פון קאָמיוג אינעם פראָנט פון פאַנאַנדערוויקלען דעם סאָציאַליסטישן געוועט און שלאָגלעריי, האַלט דער צוזאַמענפאָר

אַז די וואַקסנדיקע באַדייטונג פון דער יוגנט, פון די קאַמיוגישע און פּיאָנערישע אָרגאַניזאַציעס, פאָדערט צו פאַרשטאַרקן די אויפמערקזאַמקייט און די הילף מיצאַד די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. די זעלבסטקריטיק אַלס אַלטעגלעכער אָרגאַנישער מעטאָד פון דער פּאַרטיי־אַרבעט איז ניט אין אַלע אָרגאַניזאַציעס גענוג פאַנאַנדערגעוויקלט. עס באַמערקן זיך נאָך פאַקטן פון אונטערדריקן און פאַרקריפּלען די זעלבסטקריטיק. מיט אַזוינע פאַקטן איז נייטיק צו פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף, ברייט פאַנאַנדערוויקלענדיק די באָלשעוויסטישע זעלבסטקריטיק, קעדיי אויפצוהייבן דעם אידייאישן ניוואָ און די באָלשעוויסטישע דערציאונג פון די פּאַרטיי־קאַדרען און פּאַרטיי־מאַסן, קעדיי צו דעמאַסקירן די פאַרקריפּלונגען פון דער פּאַרטיי־ליניע, פונם אָפּאָרטוניזם אין דער פּראַקטיק, און קעדיי ווייטער צו אַנטוויקלען די אינערלעך־פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע.

דער ברייט־פאַנאַנדערגעוויקלטער פּראָצעס פון דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פון דאָרף רוקט אַרויס מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט די אויפגאַבע צו פאַרפעסטיקן די דאָרפישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דאָס פאַרפעסטיקן קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, דאָס שאַפן שטאַרקע פּאַרטיי־קעמערלעך אין די ראַטווירטן און קאָלווירטן, דאָס פאַרוואַנדלען די ראַטווירטן און קאָלווירטן אין אָנשפּאַר־פונקטן פון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דאָרף, דאָס אַריינציען אין דער פּאַרטיי די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, באַטראַקעס און די בעסטע קאָלווירטניקעס, דאָס אַוועקשטעלן אַף דער געהעריקער הויך די אַרבעט צווישן דער אָרעמשאַפט, צווישן די פרויען און דער יוגנט אין די קאָלווירטן ווערט אַ נויטיקער פאַרבאַדינג פאַר דער ערפאָלגרייכער אַרבעט פון דער פּאַרטיי איבער דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט.

דער צוזאַמענפאָר באַגיטיקט אינגאַנצן און פולשטענ־

דיק דעם באַשלוס פֿונם צ״ק וועגן אָפּשאַפֿן די קרייזן און וועגן פֿאַרפֿעסטיקן דעם ראַיאָן אַלס גרונט־רינג פֿון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין דאָרף, וואָס דאַרף ברענגען צו דער אַנטשיידענער דערנענטערונג פֿונם פּאַרטייאיש־סאָוועטישן אַפּאַראַט צום דאָרף, צו די קאָלווירטן און צו די מאַסן. דאָס דאָזיקע מאָסמיטל האָט אַן אויסשליסלעכע באַדייטונג פֿאַר דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין דאָרף און אויך פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג און פֿאַרייִנפֿאַכונג פֿון דער פֿאַרבינדונג פֿונם צ״ק און פֿון געגנט מיט די ערטער.

דער צוזאַמענפֿאָר באַאויפֿטראָגט דעם צ״ק דורכצופֿירן אַלע פּראַקטישע מאָסמיטלען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן ליקווידירן די קרייזן און מיטן פֿאַרפֿעסטיקן די ראַיאָנען און געגנטן.

5

די פּאַרטיי האָט זיך דערשלאָגן אומגעהויערע גרויסע ערפֿאָלגן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג אַדאַנק דעם פֿעסטן דורכפֿירן די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע, אַדאַנק דעם אומדערבאַרימדיקן און אַנטשיידענעם קאַמף אַף צוויי פֿראָנטן — קעגן דעם טראָצקיזם און דער טאָלעראַנטער באַציאונג צו אים, קעגן דעם רעכטן אָפּנויג אַלס הויפּט־געפֿאַר אַפֿן געגעבענעם עטאַפּ און קעגן דער טאָלעראַנטער באַציאונג צום רעכטן אָפּנויג.

בלויז דער קאַמף אַף צוויי פֿראָנטן האָט געבראַכט צו דער פֿולשטענדיקער דעמאַסקירונג פֿונם טראָצקיזם, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אַראָפּגעקייקלט אַף קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע מענשעוויסטישע פּאָזיציעס. אין דער פּאַרטיי אָבער עקזיסטירן נאָך אַלץ טאָלעראַנטלעכע שטימונגען צום טראָצקיזם, וואָס דריקט זיך אויס קודעמקאָל אין ניט דערשאַצן דעם בונד פֿונם אַרבעטער־קלאַס מיטן מיטל־

פּויערטום. די פּאַרטיי וועט אויך ווייטער פירן דעם סאַמע אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דידאָזיקע שטימונגען.

נאָכן צעקלאַפּן דעם טראָצקיזם האָט זיך די פּאַרטיי צונויפגעשטויסן מיט אַ נייער אַנטפּלעקונג פונעם אָפּאָרטוניזם אינעם געשטאַלט פונעם רעכטן אָפּנויג (בוכאַרינס גרופּע). דער רעכטער אָפּנויג האָט קעגנגעשטעלט דער גענעראַלער פּאַרטיי-ליניע זיין אייגענע אויסגעשפּראָכענע אָפּאָרטוניסטישע ליניע. די ליניע פון די רעכטע אָפּנויגלער פירט צו קאַפּיטולאַציע פאַר די באַלעבאַטיש-קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אינעם לאַנד. דאָס פאַרווירקלעכן די ליניע פון די רעכטע אָפּנויגלער, וואָס זיינען אָביעקטיוו אַן אַגענטור פונעם באַלעבאַטום, וואָלט באַטייט אַראָפּרייסן די סאָציאַליסטישע בויאונג און דאָס אויפשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אין אונזער לאַנד. אינעם פעריאָד פון פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן איבערן גאַנצן פראָנט איז דער רעכטער אָפּנויג געווען און פאַרבלייבט די הויפּט-געפאַר אין דער פּאַרטיי.

דער צוזאַמענפאָר באַגיטיקט אינגאַנצן און פולשטענדיק די מאָסמיטלען פונעם צ"ק פון דער פּאַרטיי אינעם קאַמף קעגן דעם טראָצקיזם און רעכטן אָפּנויג, וואָס האָבן געזיכערט דאָס ווירקלעכע אָפּהיטן די פּאַרטיי-איינהייט, דאָס דורכפירן די גענעראַלע פּאַרטיי-ליניע און די באַהעפטונג פון דער פּאַרטיי אַף דער באַזע פון לעניניזם.

דער צוזאַמענפאָר ווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער פּאַרטיי דערויף, אַז די אָפּאָרטוניסטן פון אַלע מינים, באַזונדערס די רעכטע, ווענדן אָן אַ נייעם מאַנעוור, וואָס דריקט זיך אויס אין אָנערקענען פאָרמעל אַלע פעלערן און אין מאַסקירן זיין פאָרמעל מיט דער גענעראַלער פּאַרטיי-ליניע, ניט באַשטעטיקנדיק זייער אָנערקענונג מיט אַרבעט און מיט קאַמף פאַר דער גענעראַלער ליניע, וואָס אין דער ווירקלעכקייט באַטייט דאָס בלויז אַן ארי=

בערגאַנג פונם אָפענעם קאַמף קעגן דער פּאַרטיי צו אַ פאַרבאַהאַלטענעם, אָדער אַז אויסוואַרטונג אַף אַ מער גינ־סטיקן מאָמענט, קעדיי צו באַגייען די אַטאַקע אַף דער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי דאַרף דערקלערן די סאַמע אומדערבאַרעמ־דיקע מילכאָמע אַזאַ מין צווייפּענימדיקייט און נאַרעריי און פאָדערן פון אַלע, וועלכע אַנערקענען זייערע פעלערן, צו פּאַרטייִדיקן אַקטיוו די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע און דער־ווייזן די ריכטיקייט פון זייערע אַנערקענונגען. דאָס ניט אויספילן דיזאָזיקע פאָדערונג דאַרף ברענגען מיט זיך די סאַמע אַנטשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָסמיטלען.

דער צוזאַמענפאָר דערקלערט, אַז די אַנשויאונגען פון דער רעכטער אָפּאָזיציע פּאָרן זיך ניט מיט דער אַנגעהעריקייט צו דער אַלק״פּ(ב).

דער צוזאַמענפאָר פאַרצייכנט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשאַרפונג פונם קלאַסן־קאַמף אין לאַנד, די אַקטיוויזירונג פון די נאַציאָנאַלע אָפּנויגן אין די פּאַרטיי־רייען אין דער ריכטונג פון גרויסמעכטישן און אָרטיקן שאָוויניזם.

די הויפּט־געפאַר אַפן געגעבענעם עטאַפּ שטעלט מיט זיך פאָר דער גרויסמעכטישער אָפּנויג, וואָס פּרואווט רעווידירן די יעסוידעס פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, און אונטער דער פאָן פון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרדעקט די שטרעבונגען פון די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן פון דער גרויסרוסישער נאַציע, וואָס האָט פריער געהערשט, אומקערן זיך די פאַרלאָרענע פּריווילעגיעס.

צוגלייך דערמיט ווערט אַקטיוויזירט דער אָפּנויג צום אָרטיקן נאַציאָנאַליזם, וואָס שוואַכט אָפּ די אייגנהייט פון די פעלקער אין פּסס״ר און וואָס דינט דער אינטערווענציע.

די פּאַרטיי דאַרף פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן די ביידע אָפּנויגן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און קעגן דער טאָלעראַנטער באַציאונג צו זיי און פאַרשטאַרקן גלייכצײַ־

טיק די אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, צום אויסהאָבן די עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער אומגלייכקייט און צו דער ברייטער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד.

דער 16־טער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז דער צ"ק פון אונזער פּאַרטיי, וואָס באַהיט די רייען פון די לעניניסטן פאַר גייע היסטאָרישע שלאַכטן, דאַרף אויך אויף ווייטער געבן אַ אומדערפאַרעמדיקן ווידערשטאַנד אַלע פּרוּוון צו וואַקלען און צעטרייסלען די שטאַלענע פּאַרטיי־דיסציפּלין און איינהייט פון דער לענינישער פּאַרטיי.

דער 16־טער צוזאַמענפאָר באַאויפטראַגט דעם צ"ק פון דער פּאַרטיי צו באַוואָרענען אויך אויף ווייטער די באָלשעוויסטישע שלאַכט־טעמפּן פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, דערשלאָגן זיך, אַז דער פינפיאָר־פּלאַן זאָל ווירקלעך אויסגעפילט ווערן אין פיר יאָר און אומאָפּנויגבאַר דורכפירן די ליקווידאַציע פונם באַלעבאָטישן אַלם קלאַס אויף דער באַזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד.

דער צוזאַמענפאָר דריקט אויס די פעסטע זיכערקייט, אַז באַהאַלטנדיק אונטער דער פאָן פון לעניניזם מיליאָנען אַרבעטער און קאָלווירטניקעס, צעשמעטערנדיק דעם ווידערשטאַנד פון די קלאַסן־שׂונאים, וועט די אַלק"פּ פירן די מאַסן אין אַ פאָנאַנדערגעוויקלטן סאָציאַליסטישן אָנגריף און וועט זיכערן דעם פולשטענדיקן ניצחון פונם סאָציאַליזם אין פסס"ר.

דער צוזאַמענפאָר דריקט אויס די פעסטע זיכערקייט, אַז אויפהויבנדיק די מאַכט פון פסס"ר און פאַרשטאַרקנדיק די ברידערלעכע פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פון די קאַפּיטאַליסטישע און קאָלאָניאַלע לענדער וועט די אַלק"פּ(ב) זיכערן די פאַרפעסטי־

קונג פון פסס״ר אַלס מויערפעסטן זייל פון דער אינטער-
נאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

זאָל לעבן דער ניצאָכן פונם סאָציאַליזם אין פסס״ר!

זאָל לעבן דער ניצאָכן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע!

---